ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# פסחים

בלשון הקודש ואידיש

**204**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
# מסכת פסחים

## כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת פסחים

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה,**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

(דף ג) **א אמר** רב יהודה (א"ר) לעולם יכנס אדם בכי טוב ויצא בכי טוב :

**ב כתיב** (ש"ב ג) וכאור בקר יזרח שמש אלמא אור יממא הוא . מי כתיב אור בקר וכאור בקר כתיב וה"ק וכאור בקר בעה"ז כעין זריחת השמש לצדיקים לעתיד לבא . מיתיבי (בראשית א) ויקרא אלהים לאור יום אלמא אור יממא הוא וכו' אלא ה"ק קרייה רחמנא לנהורא ופקדיה אמצותא דיממא :

**ג מיתיבי** (תהלים קמח) הללוהו כל כוכבי אור אלמא אור אורתא הוא ה"ק הללוהו כל כוכבים המאירים אלא מעתה כוכבים המאירים הוא דבעו שבוחי שאינן מאירים לא בעי שבוחי והא כתיב (שם) הללוהו כל צבאיו אלא הא קמ"ל דאור דכוכבים נמי אור הוא למאי נפקא מינה לנודר מן האור (דתנן) הנודר

בכי טוב . כשיוצא לדרך יכנס בעיר לבית מלונו בעוד שהחמה זורחת ולמחר ימתין עד הנץ החמה ויצא וזהו טוב לו שהאור טוב הוא כדאמר את האור כי טוב ומה היא סכנתו מפני החיות ומפני הלסטים :

מי כתיב אור בוקר . דלהוי משמע שם דבר כדהוה משמע ליה השתא דהכי קאמר דוד וכאור זה דהיינו בקר כן יזרח שמש לצדיקים לעתיד לבא שהוא מופלאין לעולם הבא . מי כתיב אור דנימא שהוא בקר הא וכאור בקר כתיב ואין זה שם דבר אלא כמאיר של בקר יזרח שמש כלומר כשמתחיל (אור) הבקר להאיר בעולם הזה בהוא מבוך ואפי' בעונת הבקר יהיה נוגה כזריחת השמש של עכשיו תהיה אותה שעה בקר לצדיקים לעתיד לבא לפי שיהיה אור החמה גדול מאד ואפילו עליים כאמר שלכם יאיר כהנץ החמה של עכשיו :

הא קמ"ל דאור דכוכבים נמי אור הוא . לעולם כוכבים המאירים קאמר ודקא קשיא לך הא שאינן מאירים לא הא דנקט כוכבי אור לאו למעוטי כוכבים שאינן מאירים דכל כוכבים יש להם אור אלא למעוטי מידי וקרא אשמועינן דאור דכוכבים

## פרק ראשון

**א** אמר . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגן דער מענטש וואס גייט אין וועג . זאל ער אריין גיין אין אגאסט הויז געכטיגען פארין נאכט איידער די זון גייט אונטער . און אין דער פריה ווען ער גייט אין וועג זאל ער ווארטין ביז די זון וועט אויף שיינען וועט ער ארויס גיין פון גאסט הויז אין וועג :

**ב** כתיב . אין פסוק שטייט וכאור בוקר יזרח שמש . אזוי ווי די נאכט גייט אוועק און עס ווערט ליכטיג . וואס דאס הייסט בוקר . פריא . אזוי וועט שיינען די זון צוא די צדיקים . עס וועט זייא ליכטיג ווערין נאך זייער פינסטערנים . ווען מיר דאך אז אור איז טייטש בוקר : טאג . זאגט די גמרא שטייט דען אין פסוק אור בוקר . עס שטייט דאך כאור בוקר . אז אין פסוק וואלט געשטאנען אור בוקר . וואלטין מיר טאקי אזוי טייטשין אור אז עס ווערט ליכטיג וואס דאס הייסט בוקר : פריא . וואלט געווען אור דער טייטש בוקר . אבער אז עס שטייט כאור בוקר . מיינט אזוי דער פסוק אזוי ווי די ליכטיגקייט פון דער פריא אז דער פריא הייבט אן ליכטיג צוא ווערין ווען דער מארגן שטערין גייט אויף . היינט אויף דער וועלט איז די ליכטיגקייט נאך גאר טונקעל . אבער אז משיח וועט קומען וועט זיין פאר די צדיקים די ליכטיגקייט פון מארגן שטערין אזוי ליכטיג אזוי ווי היינט ווען די זוהן שיינט . ווייל די ליכטיגקייט פון די זוהן וועט זיין זייער גרויס דריבער וועט דער מארגן שטערין אזוי לייכטען אזוי ווי היינט די זוהן . זאגט די גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין אין פסוק שטייט ויקרא אלהים לאור יום . גאט האט גירופין דעם אור יום . ווען מיר דאך אז אור איז טייטש טאג . ענטפערט די גמרא אזוי מיינט דער פסוק גאט האט גירופען די ליכטיגקייט און האט איר גיבאטין זי זאל זיין ביי טאג :

**ג** מיתיבי . זאגט די גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין עס שטייט אין פסוק הללוהו כל כוכבי אור . איר זאלט לויבען גאט אלע שטערין פון ביי נאכט . ווען מיר דאך אז אור איז נאכט . ענטפערט די גמרא אזוי מיינט דער פסוק איר זאלט לויבען גאט אלע שטערין וואס לייכטין . פרעגט די גמרא אויב אזוי . די שטערין וואס לייכטען דארפין לויבען גאט און די שטערין וואס לייכטין ניט דארפין ניט לויבען . עס שטייט דאך אין פסוק הללוהו כל צבאיו אלע שטערין זאלין לויבען גאט . ענטפערט די גמרא אזוי מיינט דער פסוק די ליכטיגקייט פון

[דתניא] הנודר מן האור אסור באורן של כוכבים:
ד מיתיבי (איוב כד) לאור יקום רוצח יקטול עני ואביון ובלילה יהי כגנב (ע"כ) הא כדקאמר ובלילה יהי כגנב אלמא אור יממא הוא התם ה"ק אי פשיטא לך מילתא כנהורא דאנפשות קאתי רוצח הוא וניתן להצילו בנפשו. מיתיבי יקו לאור ואין וגו' אלמא אור יממא הוא התם מילט הוא דקא לייט איוב למיליה אמר יהא רעוא דליצפיה הך גברא לנהורא ולא לישכחיה:
(ע"כ) ה כתיב (תהלים קלט) ואומר אך חשך ישופני ולילה אור בעדני אלמא אור יממא הוא התם ה"ק דוד אני אמרתי אך חשך ישופני לעה"ב

קרוי אור ונפקא לן לנודר הנאה מן האור שאסור באורן של כוכבים:
מדקאמר ובלילה יהי כגנב. מכלל דאור דרישיה דקרא יממא הוא וה"ק ביום כשמשות דרכים הולכים עומד רוצח בהם הדרכים והורגן ונוטל את ממונם ובלילה הוא נעשה גנב לחתור בתים ולגנוב: ה"ק. מה שנתנה לך תורה רשות על הבא במחתרת להרגו כדכתיב אם במחתרת ימצא הגנב והוכה ומת אין לו דמים אם כאור לך הדבר כאור שהוא בא על עסקי נפשות דהיינו כל אדם חוץ מאב על הבן וכיוצא בו שמכיר בו שהוא אוהבו מאד אבל שאר כל אדם באם היה בעל הממון עומד כנגדו להציל ממונו ממנו זה עומד עליו להרגו רוצח הוא וניתן רשות לכל הקודם להציל את בעל הממון בנפשו של הבא במחתרת ובלילה אי מספקא לך בלילה כגון באדם אוהבך שהוא אביך ורחמיו עליך ואם היית עומד כנגדו להציל ממונך אינו הורגך יהי בעיניך כגנב ולא ניתן להורגו והכי אמרינן בסנהדרין דאב על הבן אינו נהרג במחתרת:
אמר דוד אני אמרתי. מפני כמשה בחטאתי שאף מן העולם הבא אהיה טרוד ועסקיו במהל לי

על

דיא שטערין הייסט אויך אליכטיגקייט. צו וואס דארפין מיר דאס וויסען. אויב איינער טוהט אנדר ער זאל ניט הנאה האבין פון ליכטיגקייט. ווארום מיר האבען גילערונט אז איינער טוהט אנדר ער זאל ניט הנאה האבען פון ליכטיגקייט. טאר ער ניט הנאה האבען פון די ליכטיגקייט פון די שטערין:

ד מיתיבי. זאגט דיא גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין. עס שטייט אין פסוק לאור יקום רוצח יקטול עני ואביון ובלילה יהי כגנב. אז דער פסוק זאגט ביי נאכט איז ער אזוי וויא אגנב. מיינט מען דאך אור טאג. מיינט אזוי דער פסוק. ביי טאג איז ער ארוצח. ער שטייט אויף דעם וועג אונ ווען ער טרעפט הרגת ער אונ ער נעמט צו זיין געלט. אדער ער נעמט צו זיין געלט אונ מאכט איהם פאר אארעם מאן אונ לאזט איהם אוועק גיין. אונ ביי נאכט איז ער אגנב. איז דאך אור דער טייטש טאג. זאגט דיא גמרא ניין דעם אור מיינט מען ניט טאג. נאר מען מיינט ליכטיג. אונ דער פסוק גייט נאר אויף איין אנדער זאך. אין דיא תורה שטייט אז אגנב גראבט אונטער אשטוב אונ קומט אריין גנבנן. מעג דער בעל הבית איהם הרגנן. דאס איז נאר אויב מען ווייס געוויס אונ דיא זאך איז קלאר אזוי וויא דיא ליכטיגקייט אז דער גנב וואלט הרגנן דעם בעל הבית אז ער וואלט איהם ניט לאזן גנבנן. ודהיינו דער גנב מיט דעם בעל הבית זענען פרעמדע מענטשין. אדער אפילו דער גנב איז אזוהן פון דעם בעל הבית. הייסט דער גנב ארוצח. מעג דער בעל הבית זיך מציל זיין אונ הרגנן דעם גנב. אבער אז דיא זאך איז אספק. דיא זאך איז טונקעל אזוי ווי די נאכט. מען ווייס ניט. עס קען זיין אויב דער בעל הבית וואלט זיך שטעלין געגין דעם גנב אונ וואלט איהם ניט לאזין גנבנן. וואלט דער גנב איהם ניט גיהרגת. ודהיינו דער גנב איז אפאטער פון דעם בעל הבית. איז ער נאר אגנב. ניט קיין רוצח. טאר ניט דער בעל הבית איהם הרגנן. זאגט די גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין. עס שטייט אין פסוק יקו לאור ואין. ער זאל האפין צום טאג אונ עס זאל ניט זיין. זעהן מיר דאך אז אור איז דער טייטש טאג. ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען. איוב פלוכט זיין מזל אונ ער זאגט הלואי זאל דער מענטש האפען עס זאל ליכטיג ווערין. אונ ער זאל ניט געפינען די ליכטיגקייט:

ה כתיב. עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט. ואומר אך חושך ישופני ולילה אור בעדני. איך האב גזאגט דיא פינצטערניש וועט מיך צו ברעכין. דער נאך איז די נאכט גיווארין טאג פאר מיר. זעהן מיר דאך אז אור איז דער טייטש טאג. ענטפערט די גמרא אזוי מיינט דוד המלך. איך האב גזאגט דיא פינצטערניש וועט מיך צוא ברעכין אויף עולם

לעה"ב שהוא דומה ליום ועכשיו אפילו העולם הזה שהוא דומה ללילה אור בעדני :

(דף ג) ו **אמר** רבי יהושע בן לוי לעולם אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו שהרי עקם הכתוב ח' אותיות ולא הוציא דבר מגונה מפיו שנאמר (בראשית ז) מן הבהמה הטהורה ומן הבהמה אשר איננה טהורה . רב פפא אמר תשעה שנאמר (דברים כג) כי יהיה בך איש אשר לא יהיה טהור מקרה לילה רבינא אמר עשרה וא"ו דטהור רב אחא בר יעקב אמר שש עשרה שנאמר (שמואל א כ) כי אמר מקרה הוא בלתי טהור הוא כי לא טהור . תנא דבי רבי ישמעאל (אומר) לעולם יספר אדם בלשון נקיה שהרי בזב קראו מרכב ובאשה קראו מושב . ואומר (איוב טו) ותבחר לשון ערומים ואומר (שם לג) ודעת שפתי ברור מללו . מאי ואומר . וכי תימא הני מילי בדאורייתא אבל ברבנן לא ת"ש ותבחר

פירוש

של המין לאף בעולם הזה שהוא חשך והייתי שרוי בו כתרפה וחשך האיר במדי שהודיע הקדוש ב"ה למשאי דוד בימי שלמה שמחל לדוד בחיי שלמה בשבקש להכנים ארון לבית קדשי הקדשים ודבקו שערים זה בזה כפרק אלו מגלחין ע"כ. (ולילה אור בעדני אלמא אור ימשמש כו'. לכאורה נפוש סברתו דהמשנה דלילה נאמר על הדמיון שהיה בלילה ובחשך כפירוש רש"י היכא לא ימר כמי דאור מלשון מאיר הוא כדמוקי לה בסוף שנאמר לילה על דמיון פעוה"ז ואור תלבון האיר כפרש"י ויש ליישב. מהרש"א) :

אשר איננה טהורה . ולא כתיב מן הבהמה הטמאה כי ארכיה הרי שמונה אותיות שעקם הכתוב שמה"ס ט' אותיות אשר איננה טהורה הרי י"ג אותיות ואף על גב דבאורייתא כתיב טמא בדוכתא אחריתי שאני התם דלא ארכיה בהדא דוכתא ללמדך לאדם אמר לשון נקיה : אשר לא יהיה טהור מקרה לילה . דהוה ליה למיכתב איש טמא וכי תימא מסוית ליה למסור חסר וה"ל היכא עקים תשע אותיות שהרי י"ב יש וטמא אינו אלא ג' : וא"ו דטהור . דהא לאו חסר הוא : כי אמר מקרה הוא וגו' . הוי לכתוב כי אמר מקרה טמא הוא ולפסוק ויש כאן עקום שש עשרה : בזב כתיב וכל המרכב ובאשה כתיב מושב . או על הכלי אשר היא יושבת עליו לפי שאין לשון הגון להזכיר רכיבה של פיסוק רגלים לאשה ואע"פ שמרכב של זה והמושב של זו שוין בטומאתן : ותבחר לשון ערומים . מאי ערוך לך : ברור מללו : לשון נקי ומבורר : מאי ואומר . נ"ל למימר ואומר הא נפקא ליה מקמא : הכי קאמר וכ"ת ה"מ בדאורייתא . התורה הקפידה על לשונה שילאהם מפי הגבורה אבל הכמים במשנה וברייתא אין להם להקפיד על לשונם : פ"ש

---

הבא וואס ער איז גלייך צו טאג . איצט זעה איך אז אפילו אויף די וועלט וואס זיא איז גלייך צו נאכט איז אויך ליכטיג געווארין פאר מיר (עיין בפירוש) :

ו **אמר** : רבי יהושע בן לוי האט געזאגט א מענטש זאל ניט ארויס ריידין קיין מיאוסע זאך פון זיין מויל . ווארום דער פסוק האט געזאגט אכט אותיות מער . נאר ער זאל ניט זאגין א מיאוסען ווארט . ווארום עס שטייט אין פסוק מן הבהמה הטהורה ומן הבהמה אשר איננה טהורה . פון א בהמה וואס איז טהור אונ פון א בהמה וואס איז ניט טהור . האט דאך געקענט שטיין ומן הבהמה הטמאה . פון א בהמה וואס איז טמא . נאר ווייל די תורה האט ניט געוואלט זאגין דעם ווארט טמאה . האט זיא געזאגט אשר איננה טהורה . אונ אשר איננה טהורה איז דרייצעהן אותיות . אונ הטמאה איז פינף אותיות . איז דאך מיט אכט אותיות מער . רב פפא זאגט דער פסוק האט געזאגט ניין אותיות מער . ווארום עס שטייט אין פסוק כי יהיה בך איש אשר לא יהיה טהור מקרה לילה . אויב עס וועט זיין אין דיר א מענטש וואס ער וועט ניט זיין ריין פון דיא טרעפונג פון ביי נאכט . האט געקענט שטיין כי יהיה בך איש טמא מקרה לילה . אונ דיא פיר ווערטער אשר לא יהיה טה־ (אן א וא"ו) זענען צוועלף אותיות . אונ טמא איז דריי אותיות . איז דאך ניין אותיות מער . ווייל דיא תורה האט ניט געוואלט זאגין דעם ווארט טמא . רבינא זאגט דער פסוק האט געזאגט צעהן אותיות מער . ווארום טהור איז מיט א וא"ו . רב אחא בר יעקב זאגט דער פסוק האט געזאגט זעכצעהן אותיות מער . ווארום עס שטייט אין פסוק כי אמר מקרה הוא בלתי טהור הוא כי לא טהור . האט געקענט שטיין אין פסוק כי אמר מקרה טמא הוא . וויא עס שטייט איצט איז דאך מער מיט זעכצעהן אותיות . ווייל דער פסוק האט ניט געוואלט זאגין דעם ווארט טמא . דבי רבי ישמעאל האבין גילערנט א מענטש זאל אייביג שמועסין מיט א שיינעם לשון . ווארום ביי א זב (א זכר) זאגט דער פסוק מרכב דעם ווארט רייטין . אונ ביי א אשה זאגט דער פסוק מושב דעם ווארט זיצען . נאך א פסוק זאגט דו זאלסט אויס וועהלין א קלוגין לשון . נאך א פסוק זאגט מיינע לעפצין ריידען די וויסענשאפט מיט קלארע רייד . צו וואס ברייננט דיא גמרא דיא אנדערע צוויי פסוקים . פון מרכב אונ מושב ווייסען מיר דאך שוין אז מען דארף ריידין מיט א שיינעם לשון . נאר טאמער וועט מען זאגן

וועלין

ותבדר לשון ערומים. וכי תימא הני מילי בדרבנן אבל במילי דעלמא לא ת"ש ודעת שפתי ברור מללו. ובאשה לא כתיב בה מרכב וכו' (פ"כ) והכתיב (ש"א כה) והיא רוכבת על החמור התם משום בעתותא דליליא אורחא הוא ואבע"א משום בעתותא דדוד ואבע"א משום בעתותא דהר. הני תרי תלמידי דהוו יתבי קמיה דהלל וחד מינייהו רבי יוחנן בן זכאי ואמרי לה קמיה דרבי וחד מינייהו רבי יוחנן חד אמר להו מפני מה בוצרין בטהרה ומוסקין בטומאה וח"א להו מ"מ בוצרין בטהרה ואין מוסקין בטהרה אמר מובטח אני בזה שמורה הוראות בישראל. אמרו לא היו ימים מועטים עד שהורה הוראות בישראל. הנהו תלתא כהני ת"א הגיעני כפול וחד אמר הגיעני כזית וח"א הגיעני כזנב הלטאה בדקו אחריו ומצאו בו שמץ פסול. (והתניא) [והתנן] אין בודקין מן המזבח ולמעלה לא

תימא

וחבר"ר לשון ערומים. כמענו שהערומים בוחרו לשון הם: מפני מה בוצרין בטהרה. שנותנים בכלים טהורים: ואין מוסקין. זיתים בזיתים ק"י מסיקה ואין צריך למוסקן בכלים טהורים לדאמרינן בפ"ק דשבת דלא חשיב מוהל היוצא מן הזיתים משקה להכשיר שאינו שמן גמור אלא היוצא על ידי הכבד אבל יין היוצא מן הענבים מכשיר דניחא ליה בהו: הגיעני כפול. מן להם הפנים נחלקו: שמץ פסול. פסול כהונה חלל: (זר"ת פי' דבר עכו"ם דכתיב לשמצה בקמיהם ופסול לכהונה כדהכן בסוף מנחות כהנים ששמשו בבית חוניו לא ישמשו במקדש ואצ"ל לד"א פירוש לעכו"ם דכתיב אך לא יעלו כהני הבמות אל מזבח ה' ע"כ) : אין בודקין. לענין יוחסין ליטא אבה : מן המזבח ולמעלה. אם שמש (אביו) במזבח א"צ לבדוק למעלה הימנו דאם לא היה ראוי לכהונה לא היו מניחין אותו לשמש כדתנן במסכת מדות לשכת הגזית שם היו יושבים ב"ד ומיחסים כהונה ולויים כל כהן שהיה פסול כשרוצה להתחנך בעבודה לובש בגדים שחורים ויוצא :

ווערן זאגען דיא תורה שמועסט מיט אשיינעם לשון. אבער דיא רבנן ניט. שטייט אין פסוק דוא זאלסט אויס וועהלען אקלוגען לשון. אפילו דיא רבנן וויל זייא זענען קלוגע בארפען אויך ריידען מיט אשיינעם לשון. נאר טאמער וועסטו וועלען זאגען דיא רבנן בארפען שמועסען מיט אשיינעם לשון. אבער אנדערע מענטשען אין וועלטליכע זאכען דארפען ניט ריידען מיט אשיינעם לשון. שטייט אין פסוק מיינע לעפצען ריידען דיא וויסענשאפט נאר וואס איך ווייס מיט קלארע אונ שיינע רייד. פרעגט דיא גמרא ביי אאשה שטייט ניט דער ווארט מרכב רייטען עס שטייט דאך אין פסוק ביי אביגיל והיא רוכבת על החמור. זיא הט גערייטען אויף אאייזיל. ענטפערט די גמרא ווייל זיא הט מורא גיהאט צו זיצען אויף דעם אייזיל ביי נאכט. דריבער הט זיא געריטען אויף איהם. אדער ווייל זיא האט גישראקין פאר דוד המלך דיא שרעק הט זיא מורא גיהאט צו זיצען אויף דעם אייזיל. דריבער הט זיא געריטען אויף איהם. אדער ווייל עס איז גיוועזען אראפ בארג. האט זיא מורא גיהאט צו זיצען אויף דעם אייזיל. דריבער הט זי געריטען אויף איהם. צוויי תלמידים זענען אמאהל גיזעסען פאר הלל. איין תלמיד איז גיוועזען רבי יוחנן בן זכאי. אנדערע זאגען צוויי תלמידים זענען גיזעסען פאר רבי. איינער פון זייא איז גיוועזען רבי יוחנן. איין תלמיד האט גיפרעגט פאר וואס אז מען שניידט וויינטרויבען טוז מען זייא אריין לייגען אין כלים וואס זענען טהור. אונ אז מען שניידט איילבירטען מעג מען זייא אריין לייגען אין כלים וואס זענען טמא. אונ איינער האט גיפרעגט פאר וואס אז מען שניידט וויינטרויבען מוז מען זייא אריין לייגען אין כלים וואס זענען טהור. אונ אז מען שניידט איילבירטען מעג מען זיי אריין לייגען אפילו אין כלים וואס זענען ניט טהור. דער ערשטער האט גזאגט דעם ווארט טמא. דער אנדערער האט ניט גיוואלט זאגין דעם ווארט טמא. נאר ער האט גזאגט ניט טהור. הט דער רבי גזאגט איך בין פאר זיכערט אויף דעם אנדערין אז ער וועט זיין אמורה הוראה ביי יודין. אין אקורצע צייט איז ער גיווארין אמורה הוראה ביי יודין. עס זענען אמאהל גיוועזען דריי כהנים. איינער האט גזאגט איך האב בעקומען פון לחם הפנים אויף מיין חלק אזוי גרויס וויא אבאב. אונ איינער האט גזאגט איך האב בעקומען פון לחם הפנים אזוי גרויס וויא אאיילבירט. אונ איינער האט גזאגט איך האב בעקומען פון לחם הפנים אזוי גרויס וויא דער וויידיל פון דעם שרץ הלטאה. האט מען נאך גיזוכט נאך דעם דריטען כהן ווער ער איז. האט מען גיפונען אז ער איז פסול צו זיין אכהן. ווייל זיין פאטער האט גינומען אגרושה. אונ ער איז גיבארין גיווארין פון דיא גרושה. פרעגט דיא גמרא מיר האבין דאך גילערנט דער כהן

וואס

תימא שמן פסול אלא אימא שחין פסול . אבע"א שאני התם דאיהו הוא דארע אנפשיה :

**ז ההוא** עכו"ם דהוה סליק ואכיל פסחים בירושלים אתא לקמיה דרבי יהודה בן בתירה אמר ליה כתיב (שמות יב) כל בן נכר לא יאכל בו וכתיב (שם) כל ערל לא יאכל בו ואנא קא אכילנא משופרי דשופרי אמר ליה רבי יהודה בן בתירה מאליה מי קא ספו לך אמר ליה לא אמר ליה כד סלקת התם אימא ספו לי מאליה כי סליק להתם אמר להו מאליה ספו לי אמרי ליה מאי קא אמרת אליה לגבוה סלקא אמרו ליה מאן אמר לך הכי אמר להו רבי יהודה בן בתירה (א"ל) אמרי מאי

שמן פסול. שלא עלה בו שום רוח ומנוה את הקדשים ואין ראוי לגמרי כדקיימא לן עבודה המסורה לבני אהרן כל כהן שאינו מודה בכלן אין במתנה שבכהונה אין לו חלק בכהונה: דהוה אתפסיל. והולך בדיקה אחריו וגלה שבתחלה לא בדקוהו יפה: מי קא ספו לך. כלום נתנו לך מן האליה לאכול לא נתנו לך אלא מן הכתף בנו ומתכוין לה עונה שכשילך עוד שם יאכל מן האליה ובזה רבי יהודה בן בתירה לא היה להורגו: ספו לי מאליה. האכילוני מן האליה וכבש היה ואליתו קרבה לגבוה כדכתיב בכבשים החלב האליה תמימה: רבי יהודה בן בתירה קאמר לי. שאין אתם נותנין לי מן היפה אלא מן הכתף וסלא אני נותן דמים כמותכם:

---

וואס איז מקריב קרבנות אויף דעם מזבח. זוכט מען שוין ניט אויף איהם ווער ער איז. ווארום עס איז געווען א בית דין פון כהנים וואס האבין גוט נאך גיזוכט אויף יעדער כהן איידער ער איז גיגאנגען צום מזבח מקריב זיין קרבנות מען זאל וויסען ווער ער איז. אונ אויב מען האט גיפונען אויף איהם אפסול. האט מען איהם ניט גילאזט גיין צום מזבח. איז דאך אקשיא ווי אזוי האט מען איצט גיפונען אז דער כהן איז פסול אונ פריער האבין בית דין ניט גיוואוסט. ענטפערט דיא גמרא ניט מען האט גיפונען אז ער איז פסול צו זיין א כהן ווייל ער איז געווען א זוהן פון אגרושה ער איז מאקי געווען אערלאך קינד. נאר מען האט גיפונען אז ער איז געווען גרוים ביי זיך אונ האט פאר מיאוסט דיא ארבעט פון בית המקדש מיט דיא קרבנות. אדער ווי מען האט פריער גזאגט מען האט גיפונען אז ער איז א זוהן פון אגרושה. אונ אלע כהנים וואס זענען מקריב קרבנות זוכט מען מאקי ניט נאך ווער זיי זענען. נאר דער כהן ווייל ער הט גזאגט אמיאוסין ווארט אויף דעם לחם הפנים. דריבער האט מען נאך גיזוכט. אונ מען הט גיפונען אז בית דין האבין פריער ניט גוט נאך גיזוכט:

**ז** ההוא. אגוי האט זיך אמאהל פארשטעלט פאר איוד אונ פלעגט גיין אין ירושלים אונ פלעגט עסין דעם קרבן פסח. אמאל איז דער גוי גיקומען פאר רבי יהודה בן בתירה. אונ האט גיזאגט צו איהם. אין דער תורה שטייט אפרעמדער ווייט קיין יודו זאל ניט עסין דעם קרבן פסח. אונ עס שטייט דער וואס איז ניט גימלת זאל ניט עסין דעם קרבן פסח. אונ איך בין ניט קיין יוד אונ בין ניט גימלת פון דעסט וועגין עס איך פון קרבן פסח דעם בעסטען חלק. האט רבי יהודה בן בתירה גזאגט צום גוי מען גיט דיר נאר דיא מאגערע פון קרבן פסח אבער ניט דיא פעטע. ווארום פון דעם וויידל פון שעפס האט מען דיר גינעבען צו עסען. האט דער גוי גזאגט ניין. האט רבי יהודה גזאגט צום גוי אז דו וועסט נאך אמאהל קומען אין ירושלים עסין דעם קרבן פסח. זאלסטו זאגין מען זאל דיר געבין פון וויידל ווער וויידל פון אשעפס איז פעט. אונ אלע יודען וויסען אז דעם וויידל איז מען מקריב אויף דעם מזבח. דריבער האט רבי יהודה אים אן גירעט ער זאל בעטין מען זאל אים געבין עסין דעם וויידל. וועט מען וויסען אז ער איז אגוי פארשטעלט פאר איוד. אז דער גוי איז געקומען אין ירושלים צום קרבן פסח עסין. האט ער גיזאגט צו זיי גיט מיר עסען פון וויידל פאר וואס גיט איר מיר אלע מאל די מאגערע ניט די פעטע. איך גיב דאך אויך געלט צום קרבן פסח אזוי וויא איהר. האבען זייא גזאגט צו אים. וואס זאגסטו. דעם וויידער איז מען דאך מקריב צו גאט. ווער האט דיר גזאגט דו זאלסט בעטין דעם וויידל. האט ער גזאגט צו זייא. רבי יהודה בן בתירה האט מיר גזאגט איך זאל בעטין דעם וויידל. האבען זיי גזאגט וואס קען דאס זיין רבי יהודה בן בתירה זאל זאגין מען זאל נעבין

מאי (האי) דקמן בדקו אחריו ואשכחוהו דעכו"ם הוא וקטלוהו. שלחו ליה לרבי יהודה בן בתירה שלם לך רבי יהודה (בן) בתירה דאת בנציבין ומצודתך פרוסה בירושלים:

ח רב כהנא חלש שדרוה רבנן לרבי יהושע בריה דרב אידי אמרי ליה זיל בדק מאי דיניה אתא אשכחיה דנח נפשיה קרעיה ללבושיה ואהדריה לקרעיה לאחוריה ובכי ואתי אמרו ליה נח נפשיה. אמר להו אתון קאמריתו אנא לא קאמינא (משלי י) מוציא דבה הוא כסיל:

מאי דקמן. מה הדבר שלפניו כו': בנכרית. שם עירו:
לקרייתא. לכפרים לראות בהנו זה: שעורים נעשו יפות. ומכלל דברין משמע שהשיב לא נעשו יפות ולא היה רוצה להוציא דבר קללה מפיו: עדשים נעשו יפות. שהם מאכל אדם: רב בר אחוה ובר אחתיה דרבי חייא הוה. אייבו אביו של רב אחיו של רבי חייא הוה מן האב כדאמרינן בפ"ק דסנהדרין אייבו וחנא ושילא ומרתא ורבי חייא כולהו בני דרבי אחא מכפרי הוו ואימא שהיתה אמו של רב אחותו של רבי חייא מן האם: כי סליק. רב מעירו לא"י שהיה רבי חייא שם: אמר. רבי חייא לרב אייבו אביך מהו קיים: א"ל. רב: אימא קיימת. לשון שאלה כלומר עד

ט יוחנן חקוקאה נפק לקרייתא כי אתא א"ל חיטין נעשו יפות א"ל שעורין נעשו יפות א"ל צא ובשר לסוסים ולחמורים דכתיב (מלכים א ה) השעורים והתבן לסוסים ולרכש מאי ה"ל למימר אשתקד נעשו חיטין יפות אי נמי עדשים נעשו יפות. (דף ד) רב בר אחוה דרבי חייא ובר אחתיה כי סליק להתם א"ל אייבו קיים א"ל אימא קיימת

אמר

---

געבּן עסן דעם ייִדיל. האט מען נאך גיזוכט נאך דעם מענטש ווער ער איז. האט מען געפונען אז ער איז א גוי. האט מען אים גיהרגעט. האבען זייא געשיקט צו רבּי יְהוּדָה בֶּן בְּתֵירָה שָׁלוֹם זאל זיין צו דיר רַבּי יְהוּדָה בֶּן בְּתֵירָה. דו בּיסט אין נציבין אונ דיין נעץ איז פאר שפּרייט אין ירוּשָׁלַיִם:

ח רב כַּהֲנָא איז קראנק געווארען. האבּין די רַבָּנָן געשיקט צו רַבּי יְהוֹשֻׁעַ בְּרֵיהּ דְרַב אִידִי ער זאל גיין זעהן וואס רב כַּהֲנָא מאכט. איז רַבּי יְהוֹשֻׁעַ געקומען צו רב כַּהֲנָא אונ האט גיזעהן ער איז שוין גישטארבען. האט רַבּי יְהוֹשֻׁעַ צוריסען זיינע קליידער. אונ הט אומגיקערט די צוריסענע זייט אויף אינטען. אונ האט גיוויינט אונ ער איז געקימען פאר די חֲכָמִים. האבּין די חֲכָמִים גזאגט צו רַבּי יְהוֹשֻׁעַ. ער איז שוין גישטארבין. האט רַבּי יְהוֹשֻׁעַ גזאגט צו די חֲכָמִים איר זאגט ער איז געשטארבין. אָבער איך זאג ניט. ווארום דער וואס רעט שלעכטע רייד איז א נאר:

ט יוֹחָנָן הַחֲקוּקָאָה איז אמאהל ארוים געגאנגען אין די דערפער זעהן די תְּבוּאָה אז ער איז צוריק געקומען האבען די חכמים איהם גיפרעגט די ווייץ זענען שיין גראטען אין פעלד. האט יוֹחָנָן גיענטפערט גערשטען זענען שיין גראטין. וועלין זייא שוין פארשטיין אבער ווייץ איז נישט גראטין. ווייל ער האט ניט געוואלט ארוים רידען אשלעכטען ווארט פון מויל. האבען די חכמים גזאגט צו יוֹחָנָן גיי זאג אן די פערד אונ די אייזלען. זיי זאלען זיך פרייען ווייל די גערשטין איז גראטין. ווארום עס שטייט אין פסוק די גערשטין אונ די שטרוי איז גיווען פאר די פערד אונ פאר די אייזלען. פרעגט די גמרא ווי דען האט יוֹחָנָן גידארפט זאגין ווען מען ווילט ענטפערט די גמרא ער האט גידארפט זאגען פאר איהרען איז ווייץ גראטען. ווען מען ווילט אבער דער יאהר איז ניט גראטין. אדער ער האט גידארפט זאגען ארבעס איז גראטין. ווען מען חיכען אבער ווייץ איז ניט גראטין. ווער האט גידארפט זאגען אזוי אזאך וואס מענטשן עסין. אבער ניט וואס בהמות עסין. רב איז גיווען דער זוהן פון רַבּי חייאס ברודער אונ פון רַבּי חייאס שוועסטער ווארום אייבו דער פאטער פון רב איז גיווען רַבּי חייאס אברודער פון איין פאטער ניט פון איין מוטער. אונ די מוטער פון רב איז גיווען רַבּי חייאס אשוועסטער פון איין מוטער ניט פון איין פאטער. איז אייבו מיט די שוועסטער גיווען פרעמדע. האבּן זיי חתונה גיהאט בעזאמען. אונ פון זיי איז גיבארען גיווארען רבו. ווען רב פלעגט קומען פון בָּבֶל אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. האט אמאהל רַבּי חייא גזאגט צו רב מיין ברודער ואיז דיין

פאטער

אמר יה אייבו קיים אמר ליה לשמעיה חלוץ לי סנעלי והוליך כלי אחרי לבית המרחץ. שמע מינה נ ש"מ אבל אסור בנעילת סנדל ושמע מינה שמועה רחוקה אינה נוהגת אלא יום אחד ושמע מינה מקצת היום ככולו :

י ההוא דהוה קאמר דונו דיני אמרי שמע מינה מדן קאתי דכתיב דן ידין עמו כאחד שבטי ישראל. ההוא דהוה קאזיל ואמר אכיף ימא אסיסני בירא בדקו ואשכחו דמזבולן קאתי דכתיב (בראשית מט) זבולן לחוף ימים ישכן :

(דף ה) יא תנא דבי רבי ישמעאל בשכר שלשה ראשון זכו לשלשה ראשון להכרית זרעו של עשו. ולבנין בית המקדש ולשמו של משיח.

להכרית

שהרב שואל על אבי בהל עד אמי ס"ק היא אתותך : א"ל. עוד רבי חייא לרב ורימה אהוהי קיימא : א"ל. רב : איבו קיים. ואיינו לום קיים כוה עדיין לא השיבותיך עליו ומתוך הבין שלא בניחותא היה משיבו רב על מי שהיו שואל כדי שיבין מן הכלל וקשה בעיני לומר שיוציא רב דבר שקר מפיו : חלוץ לי מנעלי. לפרש על אח ואחותי : והוליך כלי אחרי לבית המרחץ. ללמד הלכה לתלמידים נתכוין כאן שמועה רחוקה שלאחר ל' יום נוהגת אלא יום אחד ומקצת של יום כמלו ואינם צריך לישב כל היום כולו מדקאמר ליה והוליך לי כלי אחרי לבית המרחץ ולא המתין עד לאחר אלמא שעה אחת די :

ההוא דהוה קאמר דונו דיני בכל דבר מבא ומתן שהיה לו עם אדם היה אומר המיד בא לדין ואיני נשמע לדבר האדם אלא ע"פ דין : אכיף ימא חסיסני בירא. (אהקן בירונים) אם היו לי פלטין לגנוח לא סייהי קובעם אלא על שפת הים והמיד היה מבחנה בשפת הים ובהבונת הגהות מאחי אכיף ימא הסנא בראתא ופי' כך היה מבחנה בשפת הים ואומר המיד בהמתיה שעל שפת הים ברושים הם במקומות אחרים ולשון זה כנגן כנה בלשון ארמי אכנה. ברים ברואתא :

בשכר שלשה ראשון. שביתת רגל דפסח ושביתת דרגל דחג ונטילת לולב בוקראו ראשונים זכו לג' ראשון :

זכר

---

פאטער) אייבו לעבט. האט רב געזאגט צו רבי חייא פאר וואס פרעגסטו ניט אויף מיין מוטער אויב זיא לעבט. זי איז דאך אויך דיינע איינוועסטער. האט רבי חייא גזאגט צו רב דיין מוטער לעבט. האט רב גזאגט צו רבי חייא איך האב דאך דיר נאך ניט געענפערט אויב מיין פאטער לעבט וואס פרעגסטו שוין אויף מיין מוטער. האט שוין רבי חייא פארשטאנען אז ביידע זענען געשטארבען. האט רבי חייא גזאגט צו זיין בדינער ציה אראפ פון מיר מיינע שיך. אונ נעם מיינע קליידער מיר וועלין גיין אין באד. זאגט די גמרא מיר האבען איצט גילערנט פון רבי חייא דריי דינים. איין דין איז אז אבל טאר ניט גיין אין שיך. דער אנדערער דין איז אז מען הערט פון דעם שטארבין נאך דרייסיג טעג. דארף מען נאר זיצען אויף דער ערד אונ זיין אבל. איין טאג. דער דריטער דין איז מען דארף ניט זיין אבל דעם גאנצען טאג. נאר אביסעל טאג איז אויך גינוג. איין פערטיל שעה צו זיצען אויף דער ערד איז אויך גינוג (עיין בש"ע יו"ד) :

י ההוא. עס איז אמאהל גיוועז איינער אז ער פלעגט האבען אקריג מיט אמענטשין אין האנדעל. האט ער ניט געוואלט מענטשין זאלען פאר גלייבען די קריג. ער האט נאר גיוואלט האבען א דין תורה. ביי יעדער זאך וואס ער האט נאר געהאט מיט אמענטשין. האט ער נאר געוואלט האבען א דין תורה. האט מען גזאגט ער איז געווים געבארין פון שבט דן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דן וועט משפטין זיין פאלק (זיין שבט) אזוי ווי איינעם פון אלע אנדערע שבטים. עס איז אמאהל גיוועז איינער וואס ער פלעגט זאגען אז איך וואלט גיבויט פאר מיר אהויז. וואלט איך זיא גיבויט נאר ביי דעם ים. אונ אלע מאהל איז איהם נאר גיפעלען דער ים. האט מען נאך געזוכט נאך אים אונ מען האט געפונען אז ער איז געבארען פון שבט זבולון. וואס עס שטייט אין פסוק זבולון וועט וואהנען בייא דעם פארט פון ים :

יא תנא. דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט אז די יודען וועלין היטען די דרייא זאכען וואס הייסען ראשון. זיי וועלען האלטען דעם יום טוב פסח וואס ביי אים שטייט ביום הראשון אונ דעם יום טוב סוכות וואס בייא אים שטייט אויך ביום הראשון. אונ דעם אתרוג מיט לולב וואס ביי איהם שטייט אויך ביום הראשון. וועלען זיי זוכה זיין צו דריי זאכען וואס הייסען ראשון. צו פאר שניידען די קינדער פון עשו. אונ צו בויהען דעם בית המקדש. אונ צוא

דעם

להכריה זרעו של עשו שנאמר (בראשית כה) ויצא הראשון אדמוני ולבנין בית המקדש דכתיב (ירמיה יז) כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשנו ולשמו של משיח דכתיב (ישעיה מא) ראשון לציון הנה הנם :

זכר לדבר . כדפרישנא והכתא מפרש קרא היכא וכתיב ממש ליכא הלא אסמכתא בעלמא דדברי סופרים מדברי קבלה ניהו : קולא היא . דאקילא רחמנא גבי ירושלים דלא נבדקה באבוקה אלא בנר קטן שלכך לא ילפינן חמץ מיניה נ"ל :

(דף ז ע"ב) **יב לאור** הנר וכו' . כה"מ אמר רב חסדא למדנו מציאה ממציאה ומציאה מחפוש וכו' מציאה ממציאה כתיב הכא (שמות יב) שבעת ימים שאור לא ימצא בבתיכם וכתיב התם (בראשית מד) ויחפש בגדול החל ובקטן כלה וימצא ומציאה מחפוש דידיה כו' . תנא דבי רבי ישמעאל לילי י"ד בודקין את החמץ לאור הנר ואע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר שנאמר (שמות יב) שבעת ימים שאור לא ימצא בבתיכם ואומר (בראשית מד) ויחפש בגדול החל ובקטן כלה ואומר (צפניה א) בעת ההיא אחפש את ירושלים בנרות ואומר (משלי כ) נר ה' נשמת אדם חופש מאי ואומר וכי תימא האי בעת ההיא קולא הוא דקאמר רחמנא לא בדיקנא לה לירושלים בנהורא דאבוקה דנפיש נהורית טובא אלא בנהורא דשרגא דזוטר נהורא טפי דעון רבה משתכח ועון זוטר לא משתכח . ת"ש

נר

---

דעם נאמען פון משיח . צו פאר שניידען די קינדער פון עשו וואס ער הייסט ראשון . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויצא הראשון אדמוני . צו בויהען דעם בית המקדש וואס ער הייסט ראשון . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשנו . צו דעם נאמען פון משיח וואס ער הייסט ראשון . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ראשון לציון הנה הנם :

**יב** לאור הנר . אין די משנה שטייט מען דארף בודק זיין חמץ די נאכט וואס געהער צו ערב פסח . ביי די ליכטיגקייט פון אליכט . פרעגט דיא גמרא פון וואגען ווייסען מיר אז בודק זיין חמץ מוז זיין נאר ביי נאכט אונ פאר אליכט . האט רבי ישמעאל געזאגט אפילו מיר האבען ניט קיין ריכטיגע ראיה ובעוויזונג אויף דיא זאך . פון דעסטוועגען אקליינע בעווייזונג איז דא צוא דער זאך . ווארום עס שטייט אין פסוק שבעת ימים שאור לא ימצא בבתיכם זיבען טעג זאל ניט געפונען ווערין זויערע טייג אין אייערע הייזער) . אונ נאך אפסוק שטייט ויחפש בגדול החל ובקטן כלה וימצא וער האט געזוכט ביי דעם גרעסטען האט ער אן גיהויבען צו זוכען אונ ביי דעם קלענסטען האט ער אויס גילאזט . אונ ער האט געפונען) . אזוי וויא דער געפינען איז געוועזען דורך זוכען . אזוי דער געפינען פון חמץ איז אויך דורך זוכען . מען זאל זוכען דעם חמץ פאר פסח . עס זאל ניט געפונען ווערין אום פסח . נאך אפסוק שטייט בעת ההיא אחפש את ירושלים בנרות . ואין דער צייט וועל איך זוכען אין ירושלים מיט ליכט) . אזוי וויא דער זוכען וואס אין ירושלים איז מיט ליכט . אזוי דער זוכען חמץ דארף אויך זיין מיט ליכט . נאך אפסוק שטייט נר ה' נשמת אדם חופש ודיא נשמה פון מענטשין איז אזוי וויא אליכט פון גאט די נשמה זוכט אויס דעם גאנצין גוף . זעהן מיר פון דעם פסוק אויך אז זוכען איז מיט אליכט . פרעגט דיא גמרא צוא וואס דארף מען בריינגען אראיה פון דעם פסוק נר ה' אז זוכען איז מיט אליכט . מיר ווייסין דאך שוין פון יענעם פסוק בעת ההיא . אז זוכען איז מיט אליכט . ענטפערט די גמרא פון דעם פסוק בעת ההיא וואלט איך ניט וויסען אז זוכען איז גינוג מיט אליכט . איך וואלט ווערין מיינען אז זוכען דארף מען מיט אפלאם ווס די ליכטיגקייט איז גרויס . נאר פאר וואס שטייט איך וועל זוכען ירושלים מיט ליכט . דאס וויל נאט גרינגער מאכען . גאט זאגט איך וועל ניט זוכען ירושלים מיט אפלאם וואס דיא ליכטיגקייט איז גרויס . וועל איך דאך קליינע עבירות אויך געפינען . איך וועל נאר זוכען מיט אליכט ווס די ליכטיגקייט איז קליין וועל איך נאר געפינען גרויסע עבירות, אבער ניט קליינע עבירות . אבער אנדערע זאכען אז מען וויל זוכען דארף מען זוכען מיט אפלאם .

בריינוט

נר ה' נשמת אדם (דף ח) אמר רבא מאי דכתיב (חבקוק ג) ונגה כאור תהיה קרנים מידו לו. למה צדיקים דומים בפני השכינה כנר בפני האבוקה:

(ע"ב) **יג אמר** רבי אלעזר שלוחי מצוה אינם נזוקין לא בהליכתן ולא בחזירתן רבי אלעזר דאמר כי האי תנא דתניא איסי בן יהודה אומר כלפי שאמרה תורה (שמות לד) לא יחמוד איש את ארצך מלמד שתהא פרתך רועה באפר ואין חיה מזיקתה תרנגולתך מנקרת באשפה ואין חולדה מזיקתה. והלא דברים ק"ו ומה מי שדרכן ליזוק אין ניזוקין מי שאין דרכן ליזוק עאכ"ו אין לי אלא בהליכה בחזרה מנין ת"ל (דברים טז) ופנית בבקר והלכת לאהליך כלמד שתלך ותמצא אהליך בשלום וכי מאחר דאפילו בחזרה בהליכה למה לי אלא מיבעיא ליה לכדרבי אמי דא"ר אמי כל אדם שיש לו קרקע עולה לרגל שאין לו קרקע אינו

פי' . מכאן קרא דבדיקה מעליתא היא דכתיב חופש כל חדרי בטן: ונוגה. שעתיד הקב"ה ליתן לצדיקים כאור של ז' ימי בראשית יהיה: וקרנים. שלבון כי קרן עור פני משה ווסחרין מידו של הקב"ה לו לצדיק מזיו של הקב"ה ילכו ויסחרון לפקרין פני הצדיקים ולא יהיה אורן שוה לאורו אלא כנר בפני האבוקה:

כלפי שאמרה תורה. מתוך שאמרה תורה כן אנו למדין שהבטיחן הכתוב שלא יוזק ממונם וכ"ש גופם שאין דרכו ליזק דאדם אית ליה מזלא וחיה מכיר לצורת חוק בגופו: כדרבי אמי. ק"ה קמא

---

ברייננט די גמרא דעם פסוק נר ה' נשמת אדם. צו ווייזען אז זובען איז אלע מאהל גינת מיט אליכם. רבא האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק ונגה כאור תהיה קרנים מידו לו ונגה. דיא שיינונג וואס גאט וועט געבין צו דיא צדיקים. כאור תהיה. וועט זיא זיין וויא דיא ליכטיגקייט פון דיא ערשטע זיבען טעג וואס גאט האט דיא וועלט בשאפען. קרנים מידו לו. עס וועלין גיין שטראלין ליכטיגקייט פון דיא שיינקייט פון גאט אויף דיא צדיקים. פון דעסטוועגין זאלען מיר ניט מיינען אז דיא שיינקייט פון דיא צדיקים וועט זיין גלייך צו די שיינקייט פון גאט. זאגט רבא וויא זענען גלייך די צדיקים געגין די שכינה: אזוי ווי אליכט געגין אפלאם:

יג אמר. רבי אלעזר האט גזאגט די מענטשין וואס גייען טאהן אמצוה. וועלין ניט האבין שאדין ניט ווען זיי גייען טאהן די מצוה. אונ ניט ווען זייא האבען שוין אפ גיטאהן די מצוה אונ גייען צוריק. זאגט די גמרא רבי אלעזר זאגט אזוי וויא דער תנא. ווארום מיר האבען גילערנט איסי בן יהודה זאגט וויל דיא תורה דט גזאגט לא יחמוד איש את ארצך קיין מענטש וועט ניט גלוסטען דיין לאנד ווען דוא וועסט אויף גיין אויף יום טוב אין ירושלים. דער פסוק לערנט אונז אז די יודישע קיה וועלען זיך פיטערין אויף דעם גראז אונ די חיות וועלין איר ניט שאדין טאהן. דיא יודישע הינער וועלין ארום גיין אויף דעם מיסט קלויבען קערנער אונ קליינע ווערים. אונ קיין שרץ וועט איר ניט שאדין טאהן. זאגט די גמרא מאדאך ער וועט ניט שאדין האבען אין געלט זאכען. וועט ער אין זיין גוף געווים ניט שאדין האבען. זאגט די גמרא פון דעם פסוק ווייסען מיר נאר אז ער וועט ניט שאדין האבען ווען ער וועט גיין אין ירושלים אויף יום טוב. פון וואנען ווייסען מיר אז ער וועט ניט שאדין האבען אפילו ווען ער וועט גיין צוריק פון ירושלים אהיים. שטייט אין פסוק ופנית בבוקר והלכת לאהליך. דוא וועסט דיך קערין אין דער פריא נאוף מארגין נאך יום טוב אונ וועסט גיין אהיים צו דיין גיצעלט: דער פסוק לערנט אונז אז דו וועסט גיין אהיים אונ וועסט געפינען דיין גיצעלט אין גאנצען. פרעגט דיא גמרא אז דער פסוק זאגט אונז אז אפילו ווען מען וועט צוריק גיין פון ירושלים וועט מען ניט שאדין האבען. אז מען וועט אהין גיין אין ירושלים וועט מען געווים ניט שאדין האבען. צו וואס דארף שטיין דער פסוק לא יחמוד אז מען וועט ניט שאדין האבען ווען מען וועט גיין אין ירושלים. דס ווייס מען דאך שוין אליין. זאגט די גמרא דער פסוק לא יחמוד דארף מען צו דער זאך וואס רבי אמי האט גזאגט. ווארום רבי אמי האט גזאגט דער מענטש ווס האט גיהאט אפעלד האט גימוזט גיין אויף אלע יום טוב אין ירושלים: אונ דער מענטש וואס האט ניט גיהאט קיין פעלד. האט ניט גידארפט גיין אויף

יום

אינו עולה לרגל. אמר רבין בר (אבא) [רב אדא] א"ר יצחק מפני מה אין פירות גינוסר בירושלים שלא יהו עולי רגלים אומרים אלמלא לא עלינו אלא לאכול פירות גינוסר דיינו ונמצאת עליה שלא לשמה. כיוצא בו אמר רבי דוסתאי ברבי ינאי מפני מה אין חמי טבריא בירושלים כדי שלא יהו עולי רגלים אומרים אלמלי לא עלינו אלא לרחוץ בחמי טבריא דיינו ונמצאת עליה שלא לשמה. עוד הזכירו בגמרא ענין אמוניי. על שלא הצריכו לבדוק חמץ בגל הנעשה ע"י כותל שנפל. והטעם מפני הסכנה והקשו על זה והא אמר רבי אלעזר שלוחי מצוה וכו'. אמר רבי (משרשיא) [אשי] שמא תאבד לו מחט ואתי לעיוני בתרה. וכה"ג לאו מצוה היא והתניא האומר סלע זו לצדקה בשביל שיחיו בני או כדי שאהיה בן העה"ב הרי זה צדיק גמור דילמא בתר דבדק אתי לעיוני בתרה. בעו מיניה מרב הני בי רב דדיירי בבאגא מהו למיתי קדומא וחשוכא לבי רב אמר להו ניתו עלי ועל צוארי

לדרדקי אמי אתא: פירות גינוסר. מתוקים הן מאד כדאמרינן בברכות והיינו כנרת שם מדינה בא"י: וכה"ג. המתכוין למצוה ולצרכו לאו שלים מצוה הוא בהאי: הרי זה צדיק גמור. בדבר זה אם היה רגיל לעשות כך אלמא דבשביל עולם הזה ובשביל עולם הבא מצוה הוי ולא אמרינן שלא לשמה נעשה אלא אמרינן קיים מצות בוראו לעשות צדקה ומתכוין אף להנאת עצמו בעולם הזה שיחיו בניו ובעולם הבא: בבאגא. בכפרים שבבקעה: מהו למיתי. הבקר והערב כלום יש להם ליראה מן המזיקין: עלי ועל צוארי. עונש הזיקן יהיה עלי דודאי לא יוזקו שהמצוה מגינה עליהם: למיזל. לאושפיזא משחשך: מאי. כלום יכולין לסמוך על המצוה אף בהולכה או לא ע"כ:

---

יום טוב אין ירושלים. ווארום אין פסוק שטייט אז דוא וועסט גייז אויף יום טוב אין ירושלים וועט קיינער ניט גלוסטען דיין לאנד: דארף ער האבען אלאנד. אבער אז ער האט ניט קיין לאנד דארף ער ניט גיין אויף יום טוב אין ירושלים רבין בר רב אדא האט גזאגט פון רבי יצחק ווענין פאר וואס וואקסט ניט אין ירושלים אזעלכע גוטע פירות אזוי ווי אין גינוסר וואקסט. דיא מענטשין וואס גייען אויף יום טוב אין ירושלים זאלין ניט זאגען ווען מיר האלטען נאר גיגאנגען אין ירושלים צו עסין די פירות פון גינוסר וואלט אונז אויך גילוינט. ועלין זייא דאך נאר גיין אין ירושלים וועגין דיא גוטע פירות. אונ ניט וועגין מצוה. אזוי אגלייכען האט רבי דוסתאי ברבי ינאי גזאגט פאר וואס איז ניטא אין ירושלים אזעלכע ווארעמע קוואלען ווי אין טבריה. דיא מענטשין וואס גייען אויף יום טוב אין ירושלים זאלען ניט זאגין ווען מיר וואלטין נאר גיגאנגען אין ירושלים צום באדען זיך אין דיא ווארעמע קוואלען וואלט אונז אויך גילוינט. וועלין זייא דאך נאר גיין אין ירושלים וועגין דיא ווארעמע קוואלען: אונ ניט וועגין מצוה. דיא גמרא זאגט אויב אוואנט איז איין גיפאלען. דארף ער ניט אריין שטעקין דיא האנט אין דעם בארג זוכען טאמער איז דא חמץ. טאמער וועט אים אביס טאהן אשלאנג. פרעגט דיא גמרא רבי אלעזר האט דאך גזאגט דער וואס טוהט אמצוה האט ניט קיין שאדין. האט רב אשי גזאגט טאמער איז איהם פאר לארין גיווארין אנאדיל וועט ער איצט זוכען ביידע דיא חמץ מיט דיא נאדיל. פרעגט דיא גמרא אונ אז מען וועט זוכען ביידע די נאדיל מיט די חמץ הייסט דאס ניט ער טוהט אמצוה. מיר האבען דאך גילערונט אז איינער זאגט דער טאלער זאל זיין אויף צדקה מיין זוהן זאל לעבין. אדער ער זאגט דער טאלער זאל זיין אויף צדקה איך זאל האבען עולם הבא. איז ער אאמתר צדיק. זעהן מיר דאך אפילו דער מענטש מיינט זיין טובה אויך מיט דער מצוה. פון דעסטוועגין איז דאס אמצוה. אזוי דא אפילו ער זוכט דיא נאדיל צו זאמען מיט דעם חמץ. הייסט דאס אלץ ער טוהט אמצוה. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען מורא טאמער דער דארף ער ניט געביסען ווערין פון אשלאנג. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען מורא טאמער דער נאך ווי ער וועט שוין אפ זוכען דעם חמץ. דיא מצוה וועט שוין זיין אפ גיטאהן אין גאנצין. וועט ער נעמען זוכען דיא נאדיל. אונ טאמער ביי דער צייט וועט ער געביסען ווערין פון אשלאנג. זאגט דיא גמרא מען האט גיפרעגט פון רב די תלמידים וואס זואוהנען אין די הערפער צו קענען זייא קומען גאנץ פריה פר טאג אדער שפעט ביי נאכט אין בית המדרש. צו בארפין זיי מורא האבען פר אשאדין אדער ניין. האט רב גזאגט זייא מעגין קומען אויף מיר אונ אויף

צוארי ניזיל מאי אמר להו לא ידענא :

אי כתיב ונגע כנפו . הל כנתס דמשמע שהסכך פס נגעס דלחס כוי לחשון : במה שנגע בכנפו . פע נגעס דסוס ליכ לחס כוי :

(דף טז ע"ב) **יד כתיב** (חגי ב) הן ישא איש בשר קדש בכנף בגדו ונגע בכנפו אל הלחם ואל הנזיד ואל היין ואל שמן ואל כל מאכל היקדש ויענו הכהנים ויאמרו לא רב אמר אישתבוש כהני ושמואל אמר לא אישתבוש כהני ר"א אישתבוש כהני רביעי בקדש בעא מינייהו וא"ל טהור ושמואל אמר לא אישתבוש כהני חמישי בקודש בעא מינייהו וא"ל טהור . בשלמא לרב היינו דכתיב ד' לחם ונזיד יין ושמן אלא לשמואל חמישי מנא לן מי כתיב ונגע כנפו ונגע בכנפו כתיב במה שנגע בכנפו . ת"ש (שם) ויאמר חגי אם יגע טמא נפש בכל אלה הטמא והסוגיא ארוכה קצת ורש"י האריך בפירושה ומה שראוי לכתוב כאן שחגי הנביא היה בודק הכהנים בוני הבית בשנת ש"ם לדריוש לידע אם היו בקיאים בהלכות טומאה לפי שנשתכחו מהם בזמן הגלות שלא נתעסקו בקדשים וכתב לבסוף אמר מר זוטרא ואיתימא רב אשי כתוך שקלקלו מעשיהם מעלה עליהם הכתוב כאילו הקריבו בטומאה :

הניא

---

מין האלדו זאל זיין דער שאדין וואס זייא וועט זיין : האט מען גיפרעגט בייא רב צוריק גיין פון בית המדרש אהיים מעגין זייא אויך גיין בייא נאכט . האט רב גיזאגט איך וויים ניט :

**יד כתיב.** אין פסוק שטייט חגי הנביא האט גיפרעגט דיא כהנים אויב אמענטש וועט טראגין פלייש וואס איז טמא ואנבלה אדער אגיפייגערטין שרץ אין זיין עק קלייד . ואין זיין פאלט אונ ער וועט אן דירען מיט זיין עק קלייד צו ברויט צו גיקאכטע עסין צו וויין צו אייל צו אלע אנדערע עסינוואר"ג . וועלין דיא זאכען ווערין טמא . האבען דיא כהנים גיענטפערט עס ווערט ניט זיין טמא . רב זאגט דיא כהנים האבען שלעכט גיענטפערט . אונ שמואל זאגט דיא כהנים האבען גוט גיענטפערט . רב זאגט דיא כהנים האבען שלעכט גיענטפערט . ווארום חגי האט בייא זיי גיפרעגט אויף דעם פערטין פון הייליגע זאכען . ווי נבלה וואס איז גילעגין אין זיין עק קלייד הייסט אב הטומאה . דיא נבלה האט אן גערירט דעם ברויט . איז דער ברויט דער ערשטער פון דיא טומאה . דער ברויט האט אן גערירט דעם נזיד (דיא גיקאכטע עסין) איז דער נזיד דער אנדערער פון דיא טומאה . דער נזיד האט אן גערירט די וויין . איז דיא וויין דער דריטער פון די טומאה . די וויין האט אן גערירט די אייל . איז די אייל דער פערטער פון די טומאה . האבין דיא כהנים גזאגט דיא אייל איז טהור אונ עס איז ניט אזוי דער דין . דער פערטער בייא הייליגע זאכין (אז דער ברויט אונ דער נזיד אונ דיא וויין אונ דיא אייל זענען גיווען פון בית המקדש) איז טמא . אונ שמואל זאגט דיא כהנים האבין ניט שלעכט גיענטפערט . ווארום חגי האט בייא זיי גיפרעגט אויף אפינפטע זאך . האבין זיי גיענטפערט עס איז טהור . אונ עס איז טאקי טהור . זאגט די גמרא ווי רב זאגט אז חגי האט גיפרעגט אויף אפערטע זאך . איז ריכטיג . ווארום אין פסוק שטייט פיר זאכין . ברויט . גיקעכץ . וויין . אייל . נאר וויא שמואל זאגט אז מען האט בייא זיי גיפרעגט אויף אפינפטע זאך . וואו שטייט אין פסוק אפינפטע זאך . ענטפערט די גמרא שטייט דען אין פסוק ונגע כנפו . עס שטייט דאך ונגע בכנפו . מיינט אזוי דער פסוק . די נבלה האט אנגערירט דעם עק קלייד . איז איינס . דער עק קלייד האט אן גערירט דעם ברויט . איז צוויי . דער ברויט האט אן גערירט דעם נזיד . איז דריי . דער נזיד האט אן גערירט דעם וויין . איז פיר . דער וויין האט אן גערירט די אייל . איז פינף ודי שאלות איז גיווען ווייל מען האט גיבאהט דעם אנדערין בית המקדש . האט חגי הנביא גיוואלט פרובין דיא כהנים אויב זיי וויסען די דינים פון טומאה . ועיין בגמרא :

תניא

(ד' כב ע"ב) **א תניא** שמעון העמסוני ואמרי לה נחמיה העמסוני היה דורש כל אתין שבתורה כיון שהגיע **לאת** ה' אלהיך תירא פירש. **אמרו** לו תלמידיו רבי **כל** אתין שדרשת מה תהא עליהן **אמר** להם כשם שקבלתי שכר על הדרישה כך אני **מקבל** שכר על הפרישה עד שבא רבי עקיבא ולימד את ה' אלהיך תירא לרבות תלמידי חכמים:

(ד' כה) **ב תניא** רבי אליעזר אומר אם נאמר (דברים ו) בכל נפשך למה נאמר בכל מאודך **אם נאמר** בכל מאודך למה נאמר בכל נפשך אלא **לומר לך** אם יש לך אדם שגופו **חביב** עליו ממונו לכך נאמר בכל נפשך ואם יש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו **לכך נאמר** בכל מאודך. כי אתא רבין א"ר יוחנן בכל מתרפאין חוץ מעכו"ם וג"ע (ע"ב) וש"ד **עכו"ם הא** דאמרן ג"ע וש"ד (מאי היא) דתניא רבי אומר (דברים כב) כי באשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש כן הדבר הזה וכי מה ענין רוצח אצל נערה מאורסה הרי

כיון שהגיע **לאת** ה' אלהיך פירש. מכלם וחזר בו מכל רבויי שדרש (ואמר מה תהא עליהם) דמדהאי את לא לרבויי אתאי כולהו נמי לאו לרבויי אתו: לרבות ת"ח. שיהא מורא רב כמורא שמים:
למה נאמר בכל מאדך. יאמר הכתוב מגופיהם **ודיו** ומפרש לפי שפעמים שזה חביב ופעמים שזה חביב לכך הוצרכו שניהם לומר תאהב את בוראך **יותר** מן החביב עליך והמתרפא בעבודה זרה מראה **כמודה** בה: בכל מתרפאין. אפילו באיסורי הנאה: **ושפיכת** דמים. כגון אמרו לו הרוג את ישראל **חבירך ואם** לא תהרג: מה למדנו מרוצח לנערה המאורסה.

---

## פרק שני

**א** תניא. מיר האבען גילערנט שמעון העמסוני. אונ אנדערע זאגין **נחמיה העמסוני** האט גידרשת אלע ווערטער את וואס עס שטייט אין די תורה. ווא ער איז גיקומען **צו דעם** פסוק את ה' אלהיך תירא. האט ער זיך אפ גישיידט. אונ האט ניט געוואוסט **ווס צו דרשנן** אויף דעם וואורט את. האבען די תלמידים גיזאגט צו איהם רבי וואס וועט זיין מיט די אלע אתין וואס דו האסט גידרשת. האט ער גיזאגט צו זיי אזוי **ווא** איך האב גינומען שכר אויף דעם דרשנן. אזוי וועל איך נעמען שכר אויף דעם אפ שיידין. אונ ניט דרשנן. ביז רבי עקיבא **איז** גיקומען אונ האט גילערנט את ה' אלהיך תירא. דס מיינט מען תלמידי חכמים. מען זאל מורא האבען פר א תלמיד חכם אזוי ווי פר גאט:

**ב** תניא. מיר האבען גילערנט רבי אליעזר זאגט אז אין פסוק שטייט בכל נפשך. **דוא זאלסט** ליב האבען גאט מיט דיין גאנצין לעבין. צוא וואס שטייט בכל מאדך. מיט דיין גאנצין פאר מעגין. אונ אז עס שטייט בכל מאדך מיט דיין גאנצען פאר מעגין. צוא **וואס** שטייט בכל נפשך. מיט דיין גאנצין לעבין. לאז שטיין דיא זאך וואס ביי א מענטשין **איז** ליבער. ער זאל ליב האבען גאט מער וויא דיא ליבסטע זאך וואס ביי איהם איז. ענטפערט די גמרא **וויל** ניט אלע מענטשין זענען גלייך. עס איז דא א מענטש וואס זיין לעבין איז **ביי** איהם טייערער וויא זיין געלט. דריבער שטייט בכל נפשך. **דוא זאלסט** גאט ליבער האבען וויא דיין לעבין. אונ עס איז דא א מענטש וואס זיין געלט איז ביי איהם טייערער וויא זיין לעבין. דריבער שטייט בכל מאודך. דו זאלסט גאט ליבער האבען וויא דיין געלט. אז רבין איז גיקומען האט ער גיזאגט פון רבי יוחנן מען מעג זיך היילן מיט אלע זאכין אז ער איז קראנק. נאר מיט עבודה זרה. אונ מיט זנות. אונ מיט א מענטשין הרגנן. מיט די דריי זאכין טאר ניט א מענטש מציל זיין רעטטען זיין לעבין. זאגט די גמרא אז א מענטש טאר ניט מציל זיין זיין לעבין מיט עבודה זרה. ווייסין מיר פון בכל נפשך. גאט דארף **ביי** איהם זיין ליבער וויא זיין לעבין אז מען זאגט צו א מענטשין ער זאל דינען עבודה זרה. **אז ניט**. וועט מען איהם הרגנן. זאל ער זיך לאזין הרגנן אונ ניט דינען עבודה זרה. **נאר פון** וואנען ווייסען מיר אז מיט זנות אונ מיט רציחה טאר ניט א מענטש מציל זיין זיין לעבין. זאגט די גמרא וואורום מיר האבען גילערנט רבי זאגט עס שטייט אין פסוק כי כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש כן הדבר הזה. אזוי וויא א מענטש שטייט אויף אויף זיין חבר

אונ

הרי זה בא ללמד ונמצא למד. מקיש נערה מאורסה לרוצח ורוצח לנערה המאורסה. מה נערה המאורסה ניתן להצילה בנפשו אף רוצח ומה הרוצח יהרג ואל יעבור אף נערה המאורסה תהרג ואל תעבור. ורוצח גופיה מנ"ל סברא הוא כי ההוא דאתא לקמיה דרבא א"ל מארי דוראי אמר לי זיל קטליה לפלניא ואי לא קטילנא לך א"ל רבא ליקטלך ולא תקטליניה דמאי חזית דדמא דידך סומק טפי דילמא דמא דההוא גברא סומק טפי :

(ד' כו) ג אמר רבי שמעון בן פזי אמר רבי יהושע בן לוי משום בר קפרא קול ומראה וריח אין בהם משום מעילה :

(ד' כח) ד שתק רבי יהודה אמר רב יוסף היינו דאמרי אינשי כפא דהטא נגרא בנווה בשו"ף

והלא כנר פירש מה אונס פטור כדכתיב ולנערה לא תעשה דבר אלא נוחה כמי שהולך בא ללמד כאן ונמצא שהוקש כאן לרוצח למד מכאן וה"ק בתולת נערה שהיא שוה וכמו וכיון כעס ככהן ולא נאמר וכיון כעס ככהן : ניתן להצילה. ניתן להצילה ברוצח שהוא רודף אחריה שיצילנה ממנו בנפשו של רודף כדכתיב ואין מושיע לה הא יש מושיע לה צריך להושיע בכל אשר הוא יכול ואפילו בהריגתו אם אינו יכול להציל באחד מאבריו : יהרג. אם אומרים עכו"ם הרוג ואם לאו שהרג יהרג ולא יעבור עבירה זו : מארי דוראי. מושל הכפר דיינו שלי : מאי חזית דדמא דידך סומק טפי. כלומר כלום אתה בא לשאול על כך אלא מפני שאתה יודע שאין מצוה עומדת בפני פקוח נפש ויסבור אתה שאף זו נדחה מפני פקוח נפשך אין זו דומה לשאר עבירות דמ"מ יש כאן אבוד נפש והתורה לא התירה לדחות את המצוה אלא מפני חבת נפשו של ישראל וכאן עבירה נעשית ונפש אבודה מי יאמר שנפשך חביבה לפני המקום יותר משל זה דילמא שלו חביבה עליו טפי נמצאת עבירה נעשית ונפש אבודה :
קול. של כלי שיר שבמקדש : וריח. הקטורת : אין בהן משום מעילה. דאורייתא הואיל ואין בהם ממש :
כפא דהטא נגרא. כף כוך שהקן האומן בשכו ישכוף את לשונו ואם חכו בחרדל נ"א ישרוף

---

און הרגנת איהם. אזוי איז די זאך וואס ער האט גינייט די נערה המאורסה און האט מיט איר מזנה געווען נערה המאורסה איז. אבתולה וואס מען האט איר מקדש געווען. פרעגט דיא גמרא וויא קומט די זאך פון רוצח צו דיא זאך פון נערה המאורסה. ענטפערט די גמרא דער דין פון רוצח איז גיקומען צו לערנען אויף די נערה המאורסה. און באמת ווערט דער דין פון רוצח אפ גילערנט פון די נערה המאורסה. מיר גלייכען נערה המאורסה צום רוצח. און דעם רוצח גלייכין מיר צו די נערה המאורסה. אזוי וויא מען מעג הרגנן דעם נאאף מציל צו זיין די נערה המאורסה פון זנות. אזוי מעג מען הרגנן דעם רוצח מציל צו זיין דעם וואס ער האט גיוואלט הרגנן. און אזוי וויא ביי רציחה דארף זיך אמענטש לאזין הרגנן. און ער זאל ניט הרגנן. אויב מען זאגט צו איינעם וויסטו הרגנן דעם מענטש איז גוט. און אויב ניט וועט מען דיך הרגנן. מוז ער זיך לאזין הרגנן און טאר ניט הרגנן דעם מענטש. אזוי איז אויך ביי נערה המאורסה. אז מען וויל מיט איר מזנה זיין. און אויב זיא וועט ניט וועלין וועט מען איר הרגנן. מוז זיא זיך לאזין הרגנן און טאר ניט מזנה זיין. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר ביי רציחה אז דער דין איז מען זאל זיך לאזין הרגנן און ניט הרגנן אין אנדערין. ענטפערט די גמרא דס ווייסען מיר פון אונזער איינענעם פאר שטאנד. ווארום איינער איז אמאהל גיקומען פאר רבא. און האט גזאגט צו רבא מיין בעל הבית וואס איך וואוין ביי איהם האט צו מיר גזאגט גיי הרגע יענעם מענטש. און אויב דוא וועסט איהם ניט הרגנן וועל איך דיך הרגנן. וויא זאל איך טאהן. האט רבא צו איהם גזאגט זאל ער דיך הרגנן. און דוא זאלסט ניט הרגנן יענעם מענטש. ווארום פון וואנען ווייסטו אז דיין בלוט איז רויטער פון דיין חברס בלוט. טאמער איז דיין חברס בלוט רויטער ווי דיין בלוט: רבא מיינט סיי ווי וועט דאך דא איין מענטש גיהרגת ווערין. פון וואנען ווייסטו אז דו ביסט ליבער ביי גאט ווי דיין חבר: דו זאלסט דיין חבר הרגנן אבי דו זאלסט לעבין. טאמער איז דיין חבר ליבער ביי גאט ווי דוא. זאל מען דיך הרגנן אבי דיין חבר זאל לעבין:

ג רבי שמעון בן פזי האט גזאגט רבי יהושע בן לוי האט גזאגט פון בר קפראס וועגן אז מען הערט שפילען די מוזיק פון בית המקדש. אדער מען זעהט די כלים פון בית המקדש אדער מען שמעקט דעם ריח פון די קטורת און מען האט הנאה. דארף מען ניט ברייננן קיין קרבן מעילה:

ד שתק. רבי יהודה האט געשוויגען. האט רב יוסף גזאגט דס איז וואס מענטשין זאגן

ושרוף תרדלא אביי אמר סדנא בסדני יתיב מר ויל ידיה משתלים רבא אמר גיראה בגיריה מיקטיל מדויל ידיה משתלים :

(פ"נ נג) ה **אמר** רבי יצחק מנין לבעל חוב שקונה משכון שנאמר (דברים כד) ולך תהיה צדקה אם אינו קונה משכון צדקה מנין מכאן לבעל חוב שקונה משכון :

(ד' נג) ו **החמיץ** בתלוש ה"נ דקרשה אמר ליה אין (דניאל ד) בגזרת עירין פתגמא ומאמר קדישין שאלתא וכן מורין בבי מדרשא כוותי :

(ד' לו ע"ב) ז **תנו** רבנן לחם עוני פרט לחלוט ולאשישה וכו' ומאי משמע דהאי אשישה לישנא דחשיבותא דכתיב (ש"ב ו) ויחלק לכל העם לכל המון ישראל וגו' ואשפר אחד ואשישה אחת ואמר רב חנן בר

כומי"ר בלעז כמו שורפה חיה בלע"ז : פרוי. תגי עוצה פה לגוס בו רגלי אבירים כמו והכה נכה רגלי : מדויל ידיה משתלים. מהדמת ידו ממלאכתו משתנים שבין כשמוא גנב : גיראה. עושה חלים :

קונה משכון. כל ימי הלואה המשכון קנוי לו והא נאנס חייב באונסין שאינו עליו לא כשומר חנם ולא כשומר שכר שפטורין באונסין אלא כלוה במעותיו וברשותו עומד : ולך תהיה צדקה. בהשבת העבוט כתיב אי אמרת קונה משכון היכא צדקה בהא שהיכה שבכה בגלותו שהשאיל לו זה דבר שקנוי לו : ואם אינו קונה. צדקה בהשבתו מאין על פני שכב :

עירין. מלאכים כלו' ש"ה שכב כמלכ"ש אמרי בבכמ"ד במזהי דהא דקהני לעיל תיבה קודש כשהחמיץ במחובר קאמר : ומאמר קדישין שאלתא. מקרא הוא בדניאל : מורין. מורין הוראה : כוותי. כמותי :

אשישה

---

בקא דחטא נגרא. דיא לעפיל וואס דער סטאלער האט גימאכט. בגוה גשרוף תרדלא. מיט דיא לעפיל וועט ער פאר ברענען זיין צונג אונ דעם גומען מיט דיא זענעפט. אביי זאגט נגרא בסדנא יתיב. דער סטאלער וואס מאכט די הילצערנע קלעצער אריין צוא זעצין. אין זייא דיא פיס פון גנב ער זאל ניט קענען אנטלויפען. מדויל ידיה משתלים. ווערט ער בצאהלט פון זיין ארבעט. אז ער גנבת זעצט מען אריין זיינע פיס אין די זעלביגע קלעצער וואס ער האט גימאכט. רבא זאגט גיראה בגיריה מיקטיל. דער וואס מאכט פיילין אונ הרגת מיט זיינע פיילין. מדויל ידיה משתלים. ווערט ער בצאהלט פון זיין ארבעט. זיין אייגענע פייל קען איב שיסען אונ הרגנן :

ה אמר. רבי יצחק האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז אבעל חוב איז קונה דעם משכון וואס ביי איהם ליגט. די גאנצע צייט וואס דער משכון ליגט ביי דעם מלוה ווערט דער משכון גירעכנט וויא זיינער. ווארום עס שטייט אין פסוק ולך תהיה צדקה. אז דוא וועסט געבין אהיים נאכט דעם משכון צום לוה. וועט דאס גירעכנט ווערין ביי דיר פאר אצדקה אז מיר וועלין זאגין דער משכון גיהער ניט צום מלוה. וואס פאר אצדקה האט ער גיטאהן מיט דעם וואס ער גיט איהם דעם משכון אהיים נאכט. דער משכון איז דאך טאקי זיינער. געוויס מוז זיין אז דער משכון גיהער צום מלוה. אונ אז ער באר גיט דעם לוה דעם משכון קומט איהם מאקי שכר :

ו החמיץ. אויב עס איז זאמער גיווארין ווען עס איז גיוועזן אפ גערייסען ווערט הייליג? האט ער גזאגט יא. עס ווערט הייליג (עיין בגמרא). בגזרת עירין פתגמא. דיא תלמידי חכמים וואס זענען אזוי וויא מלאכים זאגין אויך אזוי אין בית המדרש. ובמאמר קדישין שאלתא. אונ דיא הייליגע תלמידי חכמים האבען אויך אזוי גיפרעגט אונ גזאגט. אונ אין בית המדרש האט מען אויך אזוי גיפסקנת ווי איך :

ז תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק לחם עוני. ארעמע ברויט. דיא ברויט פון דיא מצות דארף זיין גימאכט אזוי וויא אארעם מאן מאכט זיין ברויט. דריבער טאר מען ניט בגיסען דיא מעהל פון מצות מיט הייסע וואסער. אונ מען טאר ניט מאכען קיין גרויסע מצות. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אשישה איז טייטש אשיינער קיכול אונ אגרויסער. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיטיילט צו דיא יודען אונ ער האט גיגעבין צו יעדין איין אשפר אונ איין אשישה. אונ רב חנן בר אבא האט גזאגט

א שפר

בר אבא אשפר אחד משנה בפר אשישה אחת מששת באיפה ופליגא דשמואל דאמר שמואל אשישה גרבא דחמרא דכתיב (הושע ג) ואוהבי אשישי ענבים. (ד' לט) אמר רבא מאי חזרת חסא כאי חסא דחס רחמנא עילוון. ואמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן למה נמשלו מצריים בחזרת ובמרור לומר לך מה חזרת זו שתחלתו רך וסופו קשה אף מצריים תחלתן רכה וסופן קשה:

# אלו עוברין פרק שלישי

(ד' מג ע"ב) **א אמר** רב נחמן בר יצחק בתחלה כשהיו מביאין נסכים מיהודה לא היו יינם של יהודה מחמיץ וכו':

(ד' מט) **תניא** רבי שמעון (בן אלעזר) אומר כל סעודה שאינה של מצוה אין ת"ח רשאי ליהנות ממנה כגון מאי אמר רבי יוחנן כגון בת כהן לישראל ובת תלמיד חכם לעם הארץ דאמר רבי יוחנן בת כהן לישראל ובת ת"ח לעם הא"ץ אין זיווגן עולה יפה מאי היא אמר רב חסדא או אלמנה או גרושה

**אשפר.** גלוסקא גדולה: גרבא דחמרא. איפה של יין: מאי חסא. מ"ש קרינן ליה הכי: מצרים. דוכר היא דהכי רחמנא עלן אלמא נמשלו לי מה: למה נמשלו במרור. דכתיב וימררו את חייהם: תחלתה רכה. בתחלה כשהעבידו להם ע"י שכר שהיו בוצרין אותם, חזרת סופה קשה הקלח שלו מתקשה כעץ:

**נסכים.** כשבהמ"ק קיים היו מביאין נסכים מיהודה טעם ביינם ולא היה מחמיץ וכו':

**בת כהן.** אריכה להנשא לכהנים ולא ליפגום משפחתם ולהנשא לישראל: אין זיווגן עולה יפה. **בתאל יפה** ישיב: מאי היא. מה עונה בידן: או אלמנה או גרושה לא זרע אין לה. כדכתיב ובת כהן כי תהיה אלמנה וגרושה וזרע אין לה **וגם** כהן כי

אשפר איז טייטש אזעקסטיל פון אאקס. אונ אשישה איז טייטש אקיכול וואס איז גיבאקט פון אזעקסטל איפה מעהל. דאס איז אגרויסער קיכל. אונ רב חנן קרינט אויף שמואל. ווארום שמואל זאגט אשישה איז טייטש אבעכער וויין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואהבי אשישי ענבים. זיי האבען ליב צו טרינקען בעכערס וויין פון ווינטרויבען:

**אמר.** רבא האט גזאגט וואס איז חזרת ודיא מרור וואס מען עסט פסח ביינאכט צום סדרו. דאס איז חסא. פאר וואס עסט מען דיא מרור וואס מען רופט דאס חסא. וויל דאס איז אאנדיינקונג אז גאט האט אויף אונז רחמנות גיהאט אין מצרים אונ האט אונז אויסגילייזט. רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין צו וואס זענען דיא מצריים גענליכען צו חזרת אונ צוא מרור. אזוי וויא חזרת אין אנהייב ווען ער איז יונג איז ער ווייך. דער נאך ווערט ער הארט. אזוי זענען גיוועז דיא מצריים. אין אנהייב זענען זייא גיוועז ווייך צוא דיא יודין. זייא האבען גיבעטין דיא יודין זאלין ארבעטין. אונ מען האט זייא גיצאהלט פאר דיא ארבעט. דער נאך זענען זייא גיוועז הארט צוא דיא יודען. זייא האבען גיטוזט ארבעטין אונ אן געלט:

## פרק שלישי

**א אמר.** רב נחמן בר יצחק האט גזאגט אין אנהייב ווען דער בית המקדש איז גישטאנען אונ דיא מענטשין פון יהודה פלעגין ברייגען וויין צו גיסען אויף דעם מזבח. פלעגט דיא וויין פון יהודה קיין מאהל ניט זאיער ווערין:

**תניא.** מיר האבען גילערנט רבי שמעון זאגט דיא סעודה וואס איז ניט אמצוה: טאר ניט אתלמיד חכם הנאה האבען פון איר. וועלכע סעודה איז ניט אמצוה. האט רבי יוחנן גזאגט דהיינו אטאכטער פון אכהן האט חתונה גיהאט מיט אישראל. אדער אטאכטער פון אתלמיד חכם האט חתונה גיהאט מיט אעם הארץ. די סעודה פון דיא חתונה היסט ניט קיין סעודת מצוה. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט אז אטאכטער פון אכהן האט חתונה מיט אישראל. אדער אטאכטער פון אתלמיד חכם האט חתונה מיט אעם הארץ. וועט דער זיווג ניט זיין מיט גליק. ווס מיינט מען אן גליק. האט רב חסדא גזאגט אדער זיא ווערט אאלמנה. אדער ער גט איר.

אדער

גרושה או זרע אין לה . במתניתא תנא או קוברה או קוברתו או כביאתו לידי עניות איני והאמר ר' יוחנן הרוצה שתעשר ידבק בזרעו של אהרן כל שכן שתורה וכהונה מעשרתו לא קשיא הא בתלמיד חכם הא בעם הארץ (כי הא דרב יהודה) [רבי יהושע] נסיב כהנתא חלש אמר לא ניחא ליה לאהרן דאידבק בזרעיה דהוי ליה חתנא כי אנא (ואיתסי) . רב אידי בר אבין נסיב כהנתא והוי ליה תרי בני סמיכי (סמיכי ס"ד אלא אימא דחזו לסמיכה ומאן אינון) רב ששת בריה דרב אידי ורב יהושע בריה דרב אידי אמר רב פפא אי לא דנסיבנא כהנתא לא איעתרי אמר רב כהנא אי לא דנסיבנא כהנתא לא גלאי אמרו ליה והא למקום תורה גלית . לא גלאי כדגלו אינשי . אמר רבי יצחק כל הנהנה מסעודת הרשות לסוף גולה שנאמר (עמוס ו) ואוכלים כרים מצאן ועגלים מתוך מרבק וכתיב בתריה (שם) לכן עתה יגלו בראש גולים :

**תנו** רבנן כל ת"ח המרבה סעודתו בכ"ם לסוף מחריב את ביתו ומאלמן את אשתו ומייתם את

תהיה אלמנה וגרושה וזרע וגומר : **או קוברה . כלא זמן : תלמידי חכמים** : שנה לכן אבל עם הארץ והיינו כהן גלאי סוא לבני אהרן ונענשין : **לא גלאי . רב כהנא** גלה מבבל לארץ ישראל כדאמרינן בפרק הגוזל ומאכיל : **לא גלאי כדגלו אינשי . סעודת** ת"ח גולין ויגלהו מדעתן ואני על כרחי יגלוהו מחמת מרדין ואימת מלכות : **ומאלמן את אשתו . שמבקש**

---

אדער זיא האט ניט קיין קינדער . אין א ברייתא האבען מיר גילערענט אדער ער בגראבט איר . אדער זיא בגראבט איהם . אדער זיא ברינגט איהם צו ארעמקייט . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . רבי יוחנן האט דאך גזאגט דער וואס וויל רייך ווערין זאל ער זיך בהעפטן ווער זאל נעמען אוייבו פון די קינדער פון אהרן . ווארום וויל ער וועט האבען תורה אונ כהונה וועט ער רייך ווערין . זעהן מיר דאך אז א טאכטער פון אכהן מעג נעמען אמאן אישראל . זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא . א טאכטער פון אכהן מעג נעמען אמאן אישראל אז ער איז א תלמיד חכם . אבער ניט אז ער איז אעם הארץ . רבי יהושע האט גינומען אוייב א טאכטער פון א כהן . נאך דיא חתונה איז ער קראנק גיווארין . האט רבי יהושע גזאגט אהרן וויל ניט איך זאל מיך בהעפטין מיט זיינע קינדער ער זאל האבין אזוי אאיידים וויא איך בין . איז ער גיזונד גיווארין . רב אידי בר אבין האט גינומען אוייב א טאכטער פון אכהן . האט ער גיהאט מיט איר צוויי זיהן וואס זענען ווערט גיוועזען מען זאל זייא געבין סמיכה אויף רבנות (ועיין פרק ראשון דסנהדרין) . איינער האט גיהייסען רב ששת דער זוהן פון רב אידי . אונ איינער האט גיהייסען רב יהושע דער זוהן פון רב אידי . רב פפא האט גזאגט ווען איך וואלט ניט גינומען אוייב א טאכטער פון א כהן . וואלט איך ניט רייך גיווארין . רב כהנא האט גזאגט ווען איך ווארט ניט גינומען אוייב א טאכטער פון א כהן וואלט איך ניט פאר טריבען גיווארין פון בבל אין ארץ ישראל . האט מען גזאגט צו רב כהנא דוא ביסט דאך פאר טריבען גיווארין אין א ארט וואס מען לערענט דארט תורה . האט רב כהנא גזאגט איך בין ניט פאר טריבען גיווארין וויא אנדערע מענטשין ווערין פאר טריבען אנדערע תלמידי חכמים גייען אוועק פון זייער היים מיט זייער גוטען ווילען צו לערנען התורה אין אישיבה אין ארץ ישראל . אבער איך האב גימוזט אנטלויפען פון דער היים ווייל איך האב מורא גיהאט פאר דעם מלך מען זאל מיך ניט הרגנן (ועיין בב"ק פ"ב) . רבי יצחק האט גזאגט דער וואס האט הנאה פון אזעלכע סעודות וואס זענען ניט קיין מצוה . ער האט ליב צו עסין אונ טרינקען וועט זיין סוף זיין אז ער וועט פאר טריבען ווערין פון זיין שטוב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווייל זיי עסין די בעסטע פון די שעפסין . אונ קעלבער פון די שטאלין . דריבער וועלין זיי גיין די ערשטע אין גלות :

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערענט דער תלמיד חכם וואס גייט עסין סעודות צו יעדער מענטש ווער עס רופט איהם אויף א סעודה . וועט זיין סוף זיין ער וועט פארוויסטען זיין שטוב . אונ אז ער וועט ניט בעקומען קיין סעודות וואו נוט צו עסין . אונ ער איז אבער גיוואונט נוט

צו

את גוזליו ותלמודו משתכח ממנו· ומחלוקות רבות באות עליו ודבריו אינן נשמעים ומחלל שם שמים ושם אביו ושם רבו וגורם שם רע לו ולבנו ולבן בנו עד סוף כל הדורות. מאי היא אמר אביי קרי ליה בר מיחם תנורי רבא אמר בר מרקד בי כובי. רב פפא אמר בר מלחך פינכי רב (הונא) [שמעיה] אמר בר מך רבע:

**ב תנו** רבנן לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו וישא בת תלמיד חכם שאם מת או גולה מובטח לו שבניו תלמידי חכמים ולא ישא בת עם הארץ שאם מת או גולה בניו עמי הארץ. תנו רבנן לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו (וישא בת תלמיד חכם) וישיא בתו לתלמיד חכם משל לענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל. ולא לעם הארץ משל לענבי הגפן בענבי הסנה דבר מכוער (ע"ג) ואינו מתקבל.

למודו ואין לו וגולה למזונות והרי אשתו כאלמנות חיות: גוזליו. יתומיו: ותלמודו משתכח. שאינו עוסק לחזור אחריו: ומחלוקות רבות באות עליו. מחמת שכחת תלמודו או קושיות שהקשו מפני למודתו: וקרו ליה לבניה: בר מרקד בי כובי. בנו של מרקד בין החנויות כדרך שהליצנים עושים שמשחקים ומרקדים בחנויות להשקותן כשכרן: מלחך פינכי. לוחך קערות: מך רבע. מקפל לבושו ורובץ וישן כך דרך המשוכרין שאינו יכול לילך לביתו ולשכב על מטתו אלא מקפל כסותו תחתיו וישן: מך. כמו בר תמרה מוך שקיך וגמי במסכת תענית:

תנו

---

צו עסן. וועט ער גנבענען און גזלענען אדער ער וועט מאכען אנדערע פאלשע זאכען. און אז עס ווערט דער וואוסט ווערין דער פאלש. וועט ער זיך שעמען. וועט ער מוזען אוועק ווייט פון זיין שטאט. וועט זיין ווייב בלייבן איין לעבעדיגע אלמנה. און זיינע קינדער וועלין זיין לעבעדיגע יתומים. און זיין לערנען וועט פון איהם פאר געסין ווערין. און פיל קריג וועט אויף איהם קומען. ער זאל בצאהלין זיינע חובות וואס ער האט געבארגט אויף זיינע גוטע עסן. און זיינע רייד וועט ניט זיין אנגינומען ביי מענטשין. און ער וועט פאר שעמען דעם נאמען פון גאט. און דעם נאמען פון זיין פאטער: און דעם נאמען פון זיין רבי. און ער וועט מאכען איין שלעכטין נאמען פאר זיך און פאר זיין זוהן און פאר זיין זוהנס זוהן ביז אייביג. וואס פאר איין נאמען וועט זיין זוהן האבען. אביי זאגט מען וועט איהם רופען דער זוהן פון דעם וואס פלעגט זיך ווארעמען ביי די אויבנס. צו זעהן וואס מען קאכט דארטין. רבא זאגט מען וועט איהם רופען דער זוהן פון דעם וואס פלעגט טאנצין צווישען די קראמען וואס מען פאר קויפט דארט עסין און טרינקען. רב פפא זאגט מען וועט איהם רופען דער זוהן פון דעם וואס פלעגט לעקין די שיסלען. רב שמעיה זאגט מען וועט איהם רופען דער זוהן פון דעם וואס פלעגט שלאפען אויף זיין קאפאטע אזוי ווי דער שטייגער איז פון די וואס זענען שכור. אז ער קען ניט קומען אהיים. שלאפען אויף זיין בעט. ווא ער געפינט איין ארט לייגט ער אונטער זיין קאפאטע און שלאפט:

**ב** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט א מענטש זאל פאר קויפען אלץ וואס ער האט און ער זאל נעמען א ווייב איין טאכטער פון א תלמיד חכם. אויב ער וועט שטארבין אדער ער וועט פאר טריבען ווערין פון זיין היים. וועט ער זיין זיכער אז זיינע קינדער וועלין זיין תלמידי חכמים. און ער זאל ניט נעמען פאר א ווייב א טאכטער פון א עם הארץ. ווארום אז ער וועט שטארבין. אדער ער וועט פאר טריבען ווערין פון זיין היים. וועלין זיינע קינדער זיין עמי הארצים:

תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט א מענטש זאל פר קויפען אלץ וואס ער האט. און זאל חתונה מאכען זיין טאכטער מיט א תלמיד חכם. דאס איז גלייך ווי מען בהעפט ווייון טרויבין פון איין ווין שטאק מיט די ווינטרויבין פון איין אנדער ווין שטאק. איז דאס א שיינע זאך און עס איז אן גינומען ביי אלע מענטשין. אזוי אז א תלמיד חכם מאכט חתונה זיין טאכטער מיט א תלמיד חכם. דער שווער איז א תלמיד חכם און דער איידים איז א תלמיד חכם. איז שיין און עס גיפעלט אלע מענטשין. און ער זאל ניט חתונה מאכען זיין טאכטער מיט איין עם הארץ. דאס איז גלייך ווי מען בהעפט ווייון טרויבין פון איין ווין שטאק מיט די טרויבין פון איין דארין. דאס איז מיאוס. און עס גיפעלט ניט קיין מענטשין. אזוי אז דער שווער איז איין

תלמיד

תנו רבנן לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו וישא בת תלמיד חכם לא מצא בת ת"ח ישא בת גדולי הדור לא מצא ישא בת ראשי כנסיות לא מצא ישא בת גבאי צדקה לא מצא ישא בת מלמדי תינוקת ולא ישא בת עם הארץ מפני שהם שקץ ונשותיהם שרץ ועל בנותיהם הוא אומר (דברים כז) ארור שוכב עם כל בהמה. תניא רבי אומר עם הארץ אסור לאכול בשר שנאמר (ויקרא יא) זאת תורת הבהמה והעוף כל העוסק בתורה מותר לאכול בשר בהמה ועוף וכל שאינו עוסק בתורה אסור:

**ג אמר** רבי אלעזר עם הארץ מותר לנוחרו ביום הכפורים שחל להיות בשבת אמרו לו תלמידיו רבי אמור לשחטו אמר להם זו טעון ברכה וזו אינו טעון ברכה. ואמר רבי אלעזר עם הארץ אסור להתלוות עמו בדרך שנאמר (דברים ל) כי הוא חייך ואורך ימיך הוא על חייו לא חס על חיי חברו לא כל שכן. אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן עם הארץ מותר לקורעו כדג אמר רבי שמואל ברבי יצחק ומגבו תניא אמר רבי עקיבא כשהייתי עם הארץ אמרתי מי יתן לי תלמיד חכם ואנשכנו כחמור אמרו לו תלמידיו רבי אמור ככלב אמר להם זה נושך ושובר העצם וזה נושך ואינו שובר העצם. תניא היה רבי מאיר אומר כל המשיא בתו לעם הארץ כאלו כופתה ונותנה לפני ארי מה ארי דורס ואוכל ואין לו בשת פנים אף עם הארץ מכה ובועל ואין לו בושת פנים. תניא רבי אלעזר (בן יעקב) אומר אלמלא צריכין אנו להם למשא ולמתן היו הורגים אותנו. תני רבי חייא כל העוסק בתורה בפני עם הארץ כאלו בועל ארוסתו בפניו שנאמר (דברים לג) תורה צוה לנו משה מורשה אל תקרי מורשה אלא מאורשה וגדולה שנאה ששונאין עמי הארץ את תלמידי חכמים יותר משנאה ששונאין עכו"ם את ישראל ונשותיהן יותר מהם תנא שנה ופירש קשה יותר מכלן. ת"ר ששה דברים נאמרו בעם הארץ אין מוסרין לו עדות ואין מקבלין עדות ממנו ואין מגלין לו סוד ואין ממנין אותו אפוטרופוס על היתומים ואין ממנין אותו אפוטרופוס על קופה של צדקה ואין מתלוין עמו בדרך. ויש אומרים אף אין מכריזין על אבידתו. ות"ק זמנין דנפיק ברא מעליא מיניה ואכיל ליה ומיקיים ביה מה שנא' (איוב כז) יכין רשע וצדיק ילבש:

ואינו מתקבל. לשומעים: גדולי הדור. אנשי מעשה לצדיקים: בת גבאי צדקה. שאין ממנין אותן אלא א"כ טובים ונאמנים: ונשותיהם שרץ. שאינן זהירות במצות: עם כל בהמה. שדומות לבהמה שאין להם לב להבין:

כי הוא חייך ואורך ימיך. התורה שהיא אורך ימים וחיים ארוכים: על חייו לא חס. ללמוד תורה ולחיות: על חיי חברו לא כ"ש. ויש לדאוג שמא יהרגנו: ומגבו. דהו לא חיי כדאמרינן בשחיטת חולין קרעו כדג מטמא באהל המת מיד ואף ע"פ שמפרפר ואמר רב שמואל בר רב יצחק ומגבו: אלמלא צריכין אנו להם. למזונותיהם ולעזרתם היו הורגים אותנו: כאלו בועל ארוסתו בפניו. שמבייתו: מאורסה. היא לכל קהלות ישראל: שנה ופירש יותר מכלן. תלמיד שפירש מן התורה ויודע כמה ת"ח מגנין את עמי הארץ וכמה הם שפלים בעיניהם שונא ת"ח יותר מכלם מעמי הארץ ונשותיהן: אין מוסרין לו עדות. אין מזמנין אותו לשמוע דבר להעיד עליו: ואין מגלין לו את הסוד. דבר הסתר לפי שהוא הולך רכיל ומגלה סוד: על היתומים. שהוא חשוד על הגזל: אף אין מכריזין. המוצא אבדה חייב הוא להכריז כדאמרינן בפרק אלו מציאות וע"ה אינו אחיך דאינו עושה מעשה עמך:

---

תַּלְמִיד חָכָם אונ דֶער אֵיידִים איז אַיין עם הָאָרֶץ. איז נִיט שֵׁיין אונ עס גֶיפֶעלְט נִיט קיינֶם:

תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גֶילֶערוּנְט אַמֶענְטְשׁ זָאל פַאר קויפֶען אַלְץ וָואס עֶר הָאט אונ עֶר זָאל נֶעמֶען אַוַוייבּ אַטָאכְטֶער פוּן אַיין תַּלְמִיד חָכָם. אוֹיבּ עֶר הָאט נִיט גִיפוּנֶען אַטָאכְטֶער פוּן אַתַּלְמִיד חָכָם. זָאל עֶר נֶעמֶען אַטָאכְטֶער פוּן אַפְרוּמֶען יוּד. אַפִילוּ עֶר אִיז נִיט אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן. אוֹיבּ עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע אוֹיךְ נִיט גִיפוּנֶען. זָאל עֶר נֶעמֶען אַטָאכְטֶער פוּן אַגַבַּאי פוּן אַשׁוּהל. אוֹיבּ עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע אוֹיךְ נִיט גִיפוּנֶען. זָאל עֶר נֶעמֶען אַטָאכְטֶער פוּן אַגַבַּאי אִיבֶּער צְדָקָה. אוֹיבּ עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע אוֹיךְ נִיט גִיפוּנֶען. זָאל עֶר נֶעמֶען אַטָאכְטֶער פוּן אַמְלַמֵד וָואס לֶערוּנְט קִינְדֶער. אונ עֶר זָאל נִיט נֶעמֶען אַטָאכְטֶער פוּן אַיין עם הָאָרֶץ:

תַּנְיָא. מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי זָאגְט אַיין עם הָאָרֶץ טָאר נִיט עֶסִין פְלֵייש. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זאת תּוֹרַת הַבְּהֵמָה וְהָעוֹף. דֶער וָואס לֶערוּנְט תּוֹרָה מֶעג עֶסִין פְלֵייש פוּן אַיין בְּהֵמָה אונ פוּן אַיין עוֹף. אונ דֶער וָואס לֶערוּנְט נִיט תּוֹרָה טָאר נִיט עֶסִין פְלֵייש נִיט פוּן אַיין בְּהֵמָה אונ נִיט פוּן אַיין עוֹף:

(דף נ) ד והיה ביום ההוא לא יהיה אור יקרות וקפאון (זכריה יד) מאי אור יקרות וקפאון אמר רבי אלעזר זה אור שיקר בעולם הזה וקפוי הוא לעולם הבא. רבי (יהושע) [יוחנן] אומר אלו נגעים ואהלות שיקרות הן בעולם הזה וקפויין הן לעולם הבא רבי (יוחנן) [יהושע בן לוי] אמר אלו בני אדם שהם יקרים בעולם הזה וקפויין הם לעולם הבא כי הא דרב יוסף בריה דרבי יהושע בן לוי איחלש ואיתנגיד כי הדר אמר ליה אבוה מאי חזית אמר ליה עולם הפוך ראיתי עליונים למטה ותחתונים למעלה אמר ליה בני עולם ברור ראית ואנן היכי חזיתינן תמן אמר ליה כי היכי דחשבינן הכא חשבינן התם ושמעתי שהיו אומרים אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו ושמעתי שהיו אומרים אשרי הרוגי מלכות שאין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתן מאן נינהו אילימא רבי עקיבא וחבריו משום הרוגי מלכות ותו לא אלא הרוגי לוד:

אור שיקר בעולם הזה. בשמש מאירה בגבורתה ולורה כולך וגדל הוהו אור הטוב ויקר בלה יפה קפוי וקל לעולם הבא כל דבר קל קרוי קפוי על פני המים כלומר ויוף הברזל ומתרגמינן וקפא פרזלא: בני אדם יקרים. עשירים וחשובים אינם טובים למקום: ואיתנגיד. גוע ופרחה נשמתו: עליונים למטה. הותן שראיתי כאן חשובים ראיתי שם קלים: ואנן. תלמידי חכמים היכי חזינן התם: הרוגי מלכות והו לא. לא היתה כאן מעלה אחרת שיחשבו עליה אלא זו בלבד: הרוגי לוד. שני אחים שמסרו עצמן על ישראל שהודו על עצמם שהרגו בת קיסר שהיו מטילין אותה על כל ישראל:

ביום

ד והיה ביום ההוא לא יהיה אור יקרות וקפאון. אזוי שטייט אין פסוק. פרעגט די גמרא וואס מיינט מען אור יקרות וקפאון. האט רבי אלעזר גיזאגט דאס מיינט מען די ליכטיגקייט וואס איז טייער אויף דיא וועלט. אונ גרינג אונ וואלוויל אויף יענע וועלט. דאס מיינט מען די ליכטינגקייט פון די זוהן. זאגט דער פסוק אין דעם טאג וואס משיח וועט קומען וועט נאר זיין די ליכטיגקייט פון גאט אליין. רבי יוחנן זאגט דאס מיינט מען די מכות נגעים אונ די מכות אהלות. אויף דער וועלט איז שווער צו פארשטיין זייערע דינים. אבער אז משיח וועט קומען וועלין מיר די אלע דינים גרינג פארשטיין. רבי יהושע בן לוי זאגט דאס זענען די מענטשין וואס זענען טייער אויף די וועלט אונ זענען גרינג אויף יענע וועלט. אויף דער וועלט האלט מען זיי פאר צדיקים. אונ אין אמת זענען זיי גיט קיין צדיקים. אזוי ווי עס האט אמאהל גיטראפען רב יוסף דער זוהן פון רבי יהושע בן לוי איז קראנק גיווארען. אונ דיא נשמה איז ארויס פון איהם. דער נאך אז די נשמה איז צו איהם צוריק גיקומען. האט דער פאטער איהם גיפרעגט וואס האסטו גיזעהן האט ער גיזאגט איך האב גיזעהן צפארקערטע וועלט. די מענטשין וואס זענען דא אויבין (גרויסע לייט). זענען דארט אויף יענע וועלט אונטען (נידעריג). אונ דיא מענטשין וואס זענען דא אונטען (נידעריג). זענען זיי דארט אויבען (גרויסע לייט). האט דער פאטער צו איהם גיזאגט מיין זוהן דוא האסט גיזעהן אקלארע וועלט. נאך האט רבי יהושע גיפרעגט זיין זוהן וויא זעהן מיר אויס דארט. האט ער גיזאגט אזוי טייער וויא מיר זענען דא. זענען מיר דארטען אויך. אונ איך האב גיהערט מען האט דארט גיזאגט וואוהל צו דעם וואס עס קומט אהער אונ ברייננט מיט זיין לערנען. ער האט זיין לערנען ניט פארגעסין. אונ איך האב גיהערט מען האט דארט גיזאגט וואוהל צו די מענטשין וואס זענען גיהרגת גיווארען פון די מלוכה. ווייל זיי האבען זיך מוסר נפש גיווען אויף די תורה. קיין מענטש קען ניט שטיין אויף דעם ארט ווא זיי שטייען אין גן עדן. זאגט די גמרא ווער זענען די מענטשין וואס זענען אום גיקומען אונ זענען גיהרגת גיווארין פון דיא מלוכה. זאלין מיר זאגין דאס מיינט מען רבי עקיבא מיט זיינע חברים. איז דאך די קשיא צו נאר ווייל זיי זענען גיהרגת גיווארען פון דיא מלוכה דורך די תורה דריבער קען קיין מענטש ניט שטיין אין גן עדן אויף זייער ארט ווא זייא זיי שטייען. אויסער דעם איז דאך אויך זייער זכות גאנץ גרויס. נאר זאגט די גמרא דס מיינט מען די מענטשין וואס זענען גיהרגת גיווארען אין לוד. ודי מעשה איז אזוי גיווען. א קיסרס טאכטער איז גיהרגת גיווארען. אונ מען האט ניט גיוואוסט ווער עס האט איהר גיהרגת. האט מען גיזאגט דיא יודען האבען איהר גיהרגת. אונ ווייל מען האט גיט גיוואוסט וועלכע יודען האט מען גיוואלט הרגנן אלע יודען. האבן צוויי ברידער גיזאגט אויף זיך אז זיי האבן גיהרגת דעם

קיסרס

ה ביום ההוא יהיה על מצלות הסוס קדש לה' (זכריה יד) מאי על מצלות אמר רבי יהושע בן לוי עתיד הקב"ה להוסיף על ירושלים עד שעה שהסוס רץ ומיצל רבי אלעזר אומר כל מצילות שתולין לו לסוס בין עיניו יהיה קדש לה רבי יוחנן אומר כל ביזה שבוזו ישראל עד שעה שהסוס רץ ומיצל יהיה קדש לה' בשלמא למ"ד כל ביזה היינו דכתיב (זכריה יד) והיה הסירות בבית ה' כמזרקים אלא למ"ד הנך תרתי מאי והיה הסירות כמזרקים מילתא אחריתא קאמר דמתעתרי ישראל ומתנדבי ומייתי בשלמא למ"ד כל ביזה היינו דכתיב (שם) ולא יהיה כנעני עוד בבית ה' צבאות אלא למ"ד הנך תרתי מאי ולא יהיה כנעני עוד אמר רבי

עד שעה שהסוס רץ ומיצל. כשיעור מהלכת הסוס שהות עד חצי היום ולשון מיצל צילו תחתיו דהיינו חצי היום (שכל שעות היום חמה נוטה לצדדין ועל האדם והבהמה נוטה לצל) כשחמה במזרח על האדם במערב וכשהיא במערב נוטה כלפי מזרח אבל בחצי היום החמה עומדת באמצע הרקיע וחמה בראש כל אדם ועל הסוס תחתיו כפירוש רבי מכיר מנחם: כל מצילות הסוס. שמתלין לו לסוס לנוי לקשקשו לשון מצלתים: יהיה קדש לה'. שיתנדבו ישראל מדבותיהם למקדש: כל ביזה. שיבוזו ישראל מהעכו"ם יום אחד עד חנות קדש לה' שיביאו הנדבה למקדש: הסירות כמזרקים. אף הסירות יהיו של כסף וזהב שיהא שם כמה רבה להקדש: מאי והיה הסירות כמזרקים. אל במצלות הסוס ליכא הקדש (שיהא שם עושר) כולי האי: דמתעתרי ישראל. שיתעשרו ישראל וכבזות אחרת היא: כנעני. לא יהיו צריכים הגזברים לעשות סחורה בנכסי הקדש לפי שיהא שם שפע

---

קיסרים מאכטער. האט מען זיי גיהרגת. אונ זיי האבען מציל גיוועזען אלע יודען אויף דיעזער ערט אין גן עדן קיין קיינער ניט שטיין:

ה ביום ההוא יהיה על מצלות הסוס קודש ליי. אזוי שטייט אין פסוק. פרעגט די גמרא וואס מיינט מען על מצלות הסוס. האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט גאט איז אן גיברייט צו פאר גרעסערן ירושלים אזוי פיל וויא פיל א פערד קען לויפען פון דער פריא ביז האלבען טאג וואס דער שאטען פון דעם פערד איז ניט גרעסער פון איהם אונ ניט קלענער פון איהם נאר גלייך אונטער איהם. רבי אלעזר זאגט אזוי מיינט דער פסוק אלע גלעקלאך ואונ אנדערע צירונג וואס מען טוהט אן דעם פערד צווישען זיינע אויגען פון שיינקייט וועגען. וועט דאס זיין היילינג צו גאט. ואפילו אזעלכע זאכען וועלין די יודען אויך היילינע צו גאט. צום בית המקדש. רבי יוחנן זאגט אזוי וואס די יודען וועלין רויבען פון די היידען איין טאג פון דער פריא ביז האלבען טאג. דאס איז ביז דער צייט וואס דער פערד לויפט אונ דער שאטען איז אונטער איהם. דם וועלין די יודען היילינען צו גאט צום בית המקדש. זאגט די גמרא נאך רבי יוחנן וואס ער זאגט אז דער פסוק שמועסט פון רויב. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק די קעסלען וועלין זיין אין בית המקדש פון זילבער אונ פון גאלד אזוי וויא די בעקינס וואס מען שפריצט פון דיא בלוט אויף דעם מזבח. ווייל עס וועט זיין זייער פיל רויב. נאר נאך רבי יהושע אונ רבי אלעזר וואס זיא זאגין די צוויי זאכען. אדער גאט וועט פאר גרעסערין ירושלים. אדער אלע צירונג פון די פערד וועלין די יודען היילינען צום בית המקדש. וויא קומט דער צו וואס דר פסוק דער ציילט אז די קעסלען וועלין זיין אזוי וויא בעקינס. די צירונג פון די פערד איז נאר ניט אזוי פיל אז מען זאל דער פון קענען מאכען זילבערנע אונ גאלדענע קעסלען. ענפערט דיא גמרא דער פסוק זאגט נאר אבזונדער זאך. אז די יודען וועלין רייך ווערין אונ זיי וועלין געבין נדבות זילבער אונ גאלד אין בית המקדש. אזוי פיל. אז מען וועט מאכען פון זייא קעסלען. זאגט די גמרא נאך רבי יוחנן וואס ער זאגט אז דער פסוק שמועסט פון רויב. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק ולא יהיה כנעני עוד בבית יי צבאות. עס וועט שוין ניט מער זיין קיין האנדיל אין בית המקדש. דער נביא פון בית המקדש וועט שוין ניט דארפען האנדלען מיט די געלט פון בית המקדש דער בית המקדש זאל רייך ווערין פון האנדיל. ווייל עס וועט זיין גינוג רייכקייט אין בית המקדש פון די פיל רויב וואס די יודען וועלין רויבען. אבער נאך די צוויי נאך רבי יהושע אונ רבי אלעזר. וואס זיי זאגין די צוויי זאכען. אדער גאט וועט פאר גרעסערין ירושלים. אדער אלע צירונג פון דיא פערד וועלין די יודען היילינען צום בית המקדש. פאר וואס זאל ניט זיין קיין האנדיל אין בית המקדש. דער בית המקדש וועט דאך ניט האבען פון וואס רייך צו זיין. האט רבי ירמיה גיזאגט פון רב אויא וועגין וואס דא שטייט אין פסוק ולא

פירוש

גדול מן כניה: את תגרים והזהיר את יצחק. שהזהירו והשביעו לאליעזר כדכתיב אשר לא תקח אשה לבני וגו': ויצוהו את יעקב. לא תקח אשה מבנות כנען:

הטוב והמטיב. שאין שם שמועה רעה: למדרשיה בפרקא. קרי' ביו"ד ה"א דהדרשה אותיות דרשה וטעמים של תורה תלויין בה: לעלם כתיב. זה שמי לעלם חסר וא"ו לשון העלמה: וכתיב זכרי. משמע קריאה ולא העלמה. ל"א כיון דכתיב זה שמי פשיטא דזה זכרי ה"לך יקרא אלא כבמו: לא

ירמיה אמר רבי אויא אין כאן עני וכנעני מנא לן דאיקרי תגר דכתיב (בראשית לח) וירא שם יהודה בת איש כנעני אילימא כנען ממש אפשר בא אברהם והזהיר את יצחק בא יצחק והזהיר את יעקב ואזיל יהודה ונסיב בת כנעני אלא אמר ר"ל בת גבר תגרא כדכתיב (הושע יב) כנען בידו מאזני מרמה ואי בעית אימא מהכא (ישעיה כג) אשר סוחריה שרים כנעניה נכבדי ארץ:

(זכריה יד) ו והיה ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד הוא אמר רבי אחא בר חנינא (אמר רבי אסי) לא כהעולם הזה העולם הבא העולם הזה על שמועות טובות אומר הטוב והמטיב ועל שמועות רעות אומר ברוך דיין האמת אבל לעולם הבא כולו הטוב והמטיב ושמו אחד אטו עד האידנא לאו שמו אחד הוא אמר רב נחמן בר יצחק לא כהעולם הזה העולם הבא העולם הזה נכתב ביו"ד ה"א ונקרא באל"ף דל"ת העולם הבא כולו אחד נכתב ביו"ד ה"א ונקרא ביו"ד ה"א סבר רבא למדרשיה בפירקא אמר ליה ההוא סבא לעלם כתיב רבי אבינא רמי כתיב (שמות ג) זה שמי לעלם וכתיב וזה זכרי לדר דר (אמר רבי אבהו) אמר הקדוש ב"ה לא

כשאני

---

יהודה כנעני מיינט מען נית כנעני אסוחר. נאר כנעני איז דרייווערטער: אין כאן עני. דא וועט נית זיין קיין ארעם מאן. אבער מען וועט האנדלען אין בית המקדש. זאגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז כנעני איז טייטש אסוחר. ווארום עס שטייט אין פסוק יהודה האט גיזעהן אין טאכטער פון אכנעני. וואס מיינט מען כנעני. אויב מען מיינט איינער פון דיא פאלק כנענים קען דען דאס זיין. אברהם האט פאר זאגט יצחק ער זאל נית נעמען אווייב פון דיא כנענים. יצחק האט פאר זאגט צו יעקב ער זאל נית נעמען אווייב פון דיא כנענים. וועט יהודה נעמען אווייב פון די כנענים. זאגט ריש לקיש נאר כנעני מיינט מען אסוחר. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כנען בידו מאזני מרמה. דער סוחר האלט אין זיין האנט פאלשע וואג שאלען. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין פון דעם פסוק אשר סוחריה שרים כנעניה נכבדי ארץ. איהרע סוחרים זענען פירשטען. אונ איהרע סוחרים זענען דיא גרויסע לייט פון דער וועלט:

ו והיה ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ה' אחד. אין פסוק שטייט גאט וועט זיין אמלך אויף דיא גאנצע וועלט. אין דעם טאג וואס משיח וועט קומען וועט גאט זיין איינער. פרעגט דיא גמרא ביז איצט איז גאט נית איינער. האט רבי אחא בר חנינא גזאגט דיא וועלט איז נית וויא יענע וועלט וועט זיין. אויף דיא וועלט אז מען הערט אגוטע זאך זאגט מען הטוב והמטיב. אונ אז מען הערט אשלעכטע זאך זאגט מען ברוך דיין האמת. אבער אז משיח וועט קומען וועט מען נאר זאגין הטוב והמטיב. ושמו אחד. אונ זיין נאמען וועט זיין איינער. פרעגט דיא גמרא אונ ביז איצט איז זיין נאמען נית איינער. האט רב נחמן בר יצחק גזאגט דיא וועלט איז נית וויא יענע וועלט וועט זיין. אויף דיא וועלט ווערט געשריבען דער נאמען פון גאט מיט יו"ד ה"א. אונ גילייענט ווערט ער מיט אל"ף דל"ת (אדני). אונ אז משיח וועט קומען וועט זיין ארץ איינס עס וועט געשריבען ווערין יו"ד ה"א (יהוה) אונ גילייענט וועט אויך ווערין יו"ד ה"א (יהוה). רבא האט גיוואלט דרשנן אין אדרשה וויא אזוי מען זאל לייענען דעם שם יהוה. האט אאלטער מאן צו איהם גזאגט לעלם כתיב. עס שטייט מען זאל פאר הוילין. מען זאל נית ארויס רעדין דעם נאמען פון גאט. רבי אבינא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט זה שמי לעלם. מיין נאמען זאל זיין פאר הוילין. אונ אין איין פסוק שטייט וזה זכרי לדר דר. דאס איז מיין דער מאנונג אויף אלע דורות. אויף אייביג מעג מען דאך יא דער מאנען דעם נאמען פון גאט. האט רבי אבהו גזאגט אזוי האט

נאמ

**כ**שאני נכתב אני נקרא נכתב אני ביו"ד ה"א ונקרא אני באל"ף דל"ת :

## מקום שנהגו פרק רביעי

(דף נ ע"ב) **א העושה** מלאכה בערבי שבתות ובערבי ימים טובים מן המנחה ולמעלה ובמוצאי שבתות ובמוצאי ימים טובים ובמוצאי יום הכפורים ובכל מקום שיש שם נדנוד עבירה לאתויי תענית צבור אינו רואה סימן ברכה לעולם. ת"ר יש זריז ונשכר יש זריז ונפסד יש שפל ונשכר ויש שפל ונפסד זריז ונשכר דעביד כולא שבתא ולא עביד במעלי שבתא זריז ונפסד דעביד כולה שבתא ועביד במעלי שבתא שפל ונשכר דלא עביד כולה שבתא ולא עביד במעלי שבתא שפל ונפסד דלא עביד כולה שבתא ועביד במעלי שבתא אמר (רב) [רבא] הני נשי דמחוזא אע"ג דהא דלא עבדן עבידתא במעלי שבתא משום ספנקותא הוא דהא כל יומא ויומא נמי לא עבדן אפ"ה שפל ונשכר קרינא להו :

כשאני נכתב. ב' שמות למדנו שם הקריאה ושם הכתיבה :
במוצאי שבתות. משום כבוד השבת שמוסיפין מחול על הקדש : נדנוד עבירה. רמז עבירה :
תענית צבור. אסור במלאכה במסכת תענית כשהיו מתענין על הגשמים אבל שאר תענית צבור לא כדאמר שמואל אין תענית צבור בבבל :
זריז. בעל מלאכה : שפל ונשכר דלא עביד כולה שבתא ומעלי שבתא נמי לא עביד. ואף ע"ג דלאו משום מצוה קא מכוין מצוה שלא לשמה מיהא איתא ואמרינן לקמן לעולם יעסוק בתורה ובמצות. ואפילו וכו' :

רבא

---

וָאס גִזָאגְט נִיט אַזוֹי וְויא אִיךְ וְוער גֶעשְׁרִיבֶּען וְוער אִיךְ גִילֵייעֶנְט. אִיךְ וְוער גֶעשְׁרִיבְּען יו"ד ה"א ויהו"ה אונ אִיךְ וְוער גִילֵייעֶנְט אל"ף דל"ת וַאדֹנָי. יהוה אִיז צוּ פַאר הוֹילִין. אונ אֲדֹנָי אִיז צוּם לֵייעֶנֶען :

## פרק רביעי

**א** הָעוֹשֶׂה. דֶער וָואס טוּהט אַמְלָאכָה עֶרֶב שַׁבָּת אָדֶער עֶרֶב יום טוב נָאךְ מִנְחָה וָדָאס הֵייסְט מֶען פַארִין נַאכְט דֶעם לֶעצְטִין פֶערְטִיל טָאג. אָדֶער עֶר טוּהט אַמְלָאכָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת. אָדֶער מוֹצָאֵי יום טוב אָדֶער מוֹצָאֵי יום כִּפּוּר. אָדֶער אִין דִיא תַּעֲנִיתִים וָואס מֶען פַאסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף רֶעגִין. וֶועט עֶר קֵיין מָאהל נִיט הָאבִּין קֵיין בְּרָכָה פוּן זַיין אַרְבֶּעט :

תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבִּין גִירֶערוּנְט עֶס אִיז דָא אַבַּעַל מְלָאכָה וָואס אַרְבֶּעט פִיל אונ פַאר דִינְט. אונ וָואס אַרְבֶּעט פִיל אונ הָאט שָׁאדִין. אונ וָואס אַרְבֶּעט נִיט אונ פַאר דִינְט. וָואס אַרְבֶּעט נִיט אונ הָאט שָׁאדִין. דֶער בַּעַל מְלָאכָה וָואס אַרְבֶּעט פִיל אונ פַאר דִינְט. דָאס אִיז דֶער וָואס אַרְבֶּעט אַגַאנְצֶע וָואךְ אונ עֶרֶב שַׁבָּת פַארִין נַאכְט אַרְבֶּעט עֶר נִיט. דֶער בַּעַל מְלָאכָה וָואס אַרְבֶּעט פִיל אונ הָאט שָׁאדִין. דָאס אִיז דֶער וָואס אַרְבֶּעט אַגַאנְצֶע וָואךְ אונ עֶרֶב שַׁבָּת פַארִין נַאכְט אַרְבֶּעט עֶר אוֹיךְ. דֶער וֶועט קֵיין מָאהל נִיט הָאבִּין קֵיין בְּרָכָה. דוּרךְ דִיא אַרְבֶּעט פוּן פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט וֶועט עֶר שָׁאדִין הָאבִּין דִיא בְּרָכָה פוּן דִיא אַרְבֶּעט פוּן דִיא גַאנְצֶע וָואךְ. אִיז גִיוֶועז אוּמזִיסְט זַיין אַרְבֶּעט פוּן דִיא גַאנְצֶע וָואךְ: דֶער בַּעַל מְלָאכָה וָואס אַרְבֶּעט נִיט אונ פַאר דִינְט. דָאס אִיז דֶער וָואס אַרְבֶּעט נִיט אַגַאנְצֶע וָואךְ אונ אַרְבֶּעט נִיט פְרַייטָאג פַארִין נאכט. וֶוינִיגְסְטֶענְס פַאר דִינְט עֶר אַמִצְוָה עֶר אַרְבֶּעט נִיט פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט. אִיז דָאס אַמִצְוָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ. אִיז אוֹיךְ אַמִצְוָה. דֶער בַּעַל מְלָאכָה וָואס אַרְבֶּעט נִיט אונ הָאט שָׁאדִין. דָאס אִיז דֶער וָואס אַרְבֶּעט נִיט אַגַאנְצֶע וָואךְ אונ פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אַרְבֶּעט עֶר יָא. דִיא אַרְבֶּעט פוּן פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אִיז גַאנְץ וֶוינִיג. אונ דִיא עֲבֵירָה אִיז גְרוֹיס. רָבָא זָאגְט דִיא וַוייבֶּער פוּן מְחוֹזָא. אֲפִילוּ דָאס וָואס זֵייא אַרְבֶּעטִין נִיט פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אִיז נִיט פוּן וֶועגִין מִצְוָה נָאר וַוייל זֵייא זֶענֶען פוֹיל צוּא אַרְבֶּעטִין. וָוארוּם אַלֶע טָאג אַרְבֶּעטִין זֵייא אוֹיךְ נִיט. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז דָאס דָאךְ גוּט: וָוארוּם אַמִצְוָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ אִיז אוֹיךְ גוּט :

רבא

**ב רבא** רמי כתיב (תהלים נז) כי גדול עד שמים חסדך וכתיב (שם קח) כי גדול מעל שמים חסדך הא כיצד כאן בעושין לשמה כאן בעושין שלא לשמה וכדרב יהודה אמר רב דאמר רב יהודה אמר רב לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אע"פ שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה:

**ג תנו** רבנן המצפה לשכר אשתו וריחים אינו רואה סימן ברכה לעולם שכר אשתו מתקולתא ריחייא אגרתא אבל עבדה ומזבנא אשתבוחי משתבח בה קרא שנאמר (משלי לא) סדין עשתה ותמכור. ת"ר המשתכר בקנים ובקנקנים אינו רואה סימן ברכה לעולם מאי טעמא כיון דנפיש אפחיהו שלטא ביה עינא בישא. ת"ר תגרי סימטא ומגדלי בהמה דקה וקוצצי אילנות טובות ונותנין עיניהם בחלק יפה אינם רואים סימן ברכה לעולם מאי טעמא דתהו ביה אינשי:

חובן לשמה. מעל שמים: ושלא לשמה. עד שמים דמלוה מיהא סבר כדרב יהודה: ה"ג עושין: מתקולתא. מטלה מלאה בידה ומהלכת בשוק להשכין לכל שכניה ושכר מועט הוא ומתבזה תמיד על דבר מועט: אגרתא. בכר אחיים במשכיר טרחו גדול ושכר מועט הוא אבל הקונה בחייב ומוכרן הרי הוא כבעל פרקמטיא: בקנים. כל מקלות דקים קרי קנים שעושים מהם גדרות גדרות ומחיצות: אפחיהו. נפח שלכן ושכרו מועט: תגרי סימטא. יושבין ומוכרין בשוק ועין רעה שולטת בהן: ומגדלי בהמה דקה. בכל אוחזין עליהן: וקוצצי אילנות טובות. למוכרן לאנשים בכל המקום ולועזים עליהן ומתוך כך העין רעה שולטת בהן ולעקת בני אדם: ונותנין עיניהם

**ב** רבא האט אקשיא געפרעגט אין איין פסוק שטייט דיינע חסדים זיינען גרויס ביז צום הימעל. און אין אנדערן פסוק שטייט אז דיינע חסדים זיינען גרויס ביז איבער דעם הימעל. וויא אזוי איז דאס. ענטפערט דיא גמרא דער וואס טוהט דיא מצות וייל גאט האט גיבאטען. מיט אים טוט מען חסד ביז איבער דעם הימעל. און דער וואס טוט די מצות וייל ער האט אויך הנאה פון דיא מצוה. מיט איהם טוהט מען נאר חסד ביז צום הימעל. און אזוי וויא רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין. ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אמענטש זאל לערנען תורה און טאהן מצות אפילו ניט וייל גאט האט גיבאטין. נאר פון זיין הנאה וועגין. ווארום דיא תורה און מצות וועלין אין איהם אריין ברענגען פרומקייט און היילינקייט אז ער וועט דער נאך לערנען וייל גאט האט גיבאטין און ניט פון זיינעט וועגין:

**ג** תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערענט דער מענטש וואס פאר דינט ניט אליין נאר ער האפט צו דעם פאר דינסט פון זיין ווייב. אדער זיין פאר דינסט איז פון דעם וואס ער מאלט אין זארנעס. דער מענטש וועט קיין מאהל ניט זעהן קיין ברכה. דאס איז נאר אז דער פאר דינסט פון זיין ווייב איז וואס זיא טראגט אין גאס אוואג שאל און דער וואס דארף וועגין געבט ביי איר דיא וואג שאל. און ער גיט איר עפעס ניץ געלט. אדער זיא מאלט אין זארנעס. אדער זיא פאר דינגט זארנעס אויף ניץ געלט. פון אזוי אפארדינסט איז ניטא קיין ברכה. אבער די ווייב וואס וועבט. שטריקט. נייט. און פאר קויפט. די ווייב לויבט דער פסוק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זי האט גימאכט צלייכאך און האט פאר קויפט:

תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערענט דער וואס האנדילט מיט שטעקלאך און מיט קרוג וועט ער קיין מאהל ניט זעהן קיין ברכה. ווייל פאר אביסיל געלט ליגט מען אריין אפולע שטוב סחורה. און אז איינער זעהט אזוי פיל סחורה גיט ער אעין הרע:

תנו רבנן. די רבנן האבין גילערענט די סוחרים וואס זיצען אין גאס מיט זייער סחורה און האנדלין האבען ניט קיין ברכה ווייל מען גיט זייא אעין הרע. און די מענטשין וואס ארציהען יונגע בהמות. שעפסין ציגען. צום פאר קויפין. האבין ניט קיין ברכה. ווייל זייא מאכען שאדינס שרייט מען אויף זיי. פארגינט מען זיי ניט. און די מענטשין וואס האקין אפ גוטע בוימער צום פאר קויפען זיי צו האלץ. ווייל דיא מענטשין וואס זעהן דאס פאר דריסט זיי. און מען איז בייז אויף איהם. דריבער האט ער ניט קיין ברכה. און די מענטשין אז זייא טיילין

**תנו** רבנן ארבע פרוטות אין בהן סימן ברכה לעולם שכר כותבין שכר מתורגמנין מעות יתומים מעות הבאות ממדינת הים. בשלמא שכר מתורגמנין משום דמחזי כשכר שבת. מעות יתומים נמי דלאו בני מחילה נינהו. מעות הבאות ממדינת הים דלאו כל יומא ויומא מתרחיש ניסא אלא שכר כותבין מאי (שאם יתעשרו אינם כותבין ת"ר) [אריב"ל] כ"ד העניות ישבו אנשי כנה"ג על כותבי ספרים תפילין ומזוזות שלא יתעשרו שאם יתעשרו אינן כותבין. ת"ר כותבי ספרים תפילין ומזוזות הן ותגריהן ותגרי תגריהן וכל העוסקים במלאכת שמים לאתויי מוכרי תכלת אינם רואים סימן ברכה לעולם ואם עוסקין לשמן רואים.

בני

בחלק יפה. כשחולקין עם אחרים תמיד מקפידין ליטול חלק יפה: מתורגמנין. בעומדים בפני החכם כשדורש בשבתות וימים טובים ושומעין מפיו ומשמיעין לרבים: מעות יתומים. למתעסק בהן לחצי שכר: ממדינת הים. משלח ספינותיו תמיד למקום סכנה: תכלת. לציצית: אינם רואים. כדאמרינן דלא יתעשרו לא יהיו עסוקים במלאכת שמים: ואם עוסקים לשמה. לשום מצוה מצוה לצורך לה: רואין. דהואיל ולשמה עוסקים לא יניחום בשביל

---

אזאך (פלייש אדער פיש · אדער אנדערע זאכען) מיט זייערע חברים · זעהן זיי נאר זיי זאלין נעמען דעם בעסערן חלק. אונ די חברים פאר דריסט דאס אונ וואונדערין בארוף אונ זענען בייז אויף איהם דריבער הט ער ניט קיין ברכה:

תנו רבנן · די רבנן האבין גילערונט פיר ערליי פאר דינסטען איז דא וואס אין זייא איז ניטא קיין ברכה · דער פאר דינסט פון דיא וואס שרייבין ספרי תורות תפילין מזוזות · דער פאר דינסט פון די מתורגמנין · (פאר צייטין איז גיוועהן דער שטייגער אז דער רב הט גידרשת שבת הט ער גזאגט די דרשה אויף לשון קודש · אונ נעבין איהם איז גישטאנען איינער אונ קאט איבער גיזעצט די דרשה אויף תרגום · ווייל אלע האבין גירעט תרגום לשון · אונ דער מענטש הייסט מתורגמן (איבער זעצער) · אונ אז מען נעמט געלט פון יתומים צום האנדלען אונ דער פאר דינסט זאל זיין אויף העלפט · אונ די געלט וואס קומט צו א מענטשין פון זיינע שיפען וואס ער שיקט אויף דעם ים · זאגט די גמרא דער פאר דינסט פון די מתורגמנין איז רעכט וואס אין זיי איז ניטא קיין ברכה ווייל עס זעהט אויס זייא זייא פאר דינען געלט אום שבת · אז מען נעמט געלט פון יתומים צו האנדלען מיט זייא אויף העלפט פאר דינסט · איז אויך רעכט וואס אין דעם האנדיל איז ניטא קיין ברכה · ווייל טאמער נעמט ער עפעס מער ווי ער בארף נעמען · גזלת ער דאך די יתומים · אונ די יתומים ווייל זייא זענען קליין קענען זיי ניט שיינקען די גזלה · אונ די געלט וואס קומט צו א מענטשין פון זיינע שיפען וואס ער שיקט אויף דעם ים · איז אויך רעכט וואס אין זייא איז ניטא קיין ברכה · ווייל ניט אלע טאג טרעפט אנם די שיפען זאלין קומען בשלום · וואונדערין זיך מענטשין אויף דעם פארדינסט · אונ זיי גיבען אעין הרע אין דעם געלט · נאר פאר וואס איז ניטא קיין ברכה אין דעם פר דינסט פון די סופרים וואס שרייבין ספרי תורות תפילין מזוזות · זאגט די גמרא ווארום אז זיי וועלין רייך ווערין וועלין זיי ניט זיין קיין סופרים:

תנו רבנן · די רבנן האבען גילערונט דיא אנשי כנסת הגדולה (הונדערט מיט צוואנציג אלטע רבנים) האבין גיפאסט פיר אונ צוואנציג תעניתים אונ האבין גיבעטין ביי גאט אז די מענטשין וואס שרייבין ספרי תורות תפילין מזוזות זאלין ניט רייך ווערין · ווארום אז זייא וועלין רייך ווערין וועלין זיי ניט שרייבין:

תנו רבנן · די רבנן האבין גילערונט די וואס שרייבין ספרי תורות תפילין מזוזות · אונ דיא וואס קויפין ביי די סופרים ספרי תורות תפילין מזוזות צום פאר קויפין · אונ די וואס קויפין ביי די פאר קויפערס צום פאר קויפין · אונ די וואס האנדלען מיט הייליגע זאכין · דהיינו ער פאר קויפט תכלת צו ציצית · די אלע האבין ניט קיין ברכה פון זייער האנדיל · זייא ווערין ניט רייך ווערין · ווארום אז זייא וועלין רייך ווערין וועלין זיי אוועק לייגין דעם האנדיל · אונ וועלין האנדלען מיט אנדערע זאכין · אבער אז זייא האנדלען נאר וועגן מצוה · יעדער זאל

בעקומען

בני בישן נהוג דלא הוו אזלי מצור לצידון במעלי שבתא אתא בנייהו לקמיה דרבי יוחנן אמרו ליה אבהתנא אפשר להו אנן דלא אפשר לן מאי . אמר להו כבר קבלו עליהם אבותיכם שנאמר (משלי א) שמע בני מוסר אביך :

ד בני מדינת הים נמי כיון דלא שכיחי רבנן גבייהו ככותים דמו :

(דף נא ע"ב) ה ההולך ממקום וכו' בשלמא ההולך ממקום שעושין למקום שאין עושין נותנים עליו חומרי מקום שהלך לשם ואל ישנה אדם מפני המחלוקת ולא ליעביד אלא ממקום שאין עושים למקום שעושין אל ישנה אדם מפני המחלוקת וניעביד הא אמרת נותנים עליו חומרי מקום שהלך לשם וחומרי מקום שיצא משם אמר אביי ארישא וכו' :

(דף נב) ה במערבא ממנו אנגידא דבר בי רב ולא מכנו אשכתא :

(דף נג) ו תניא רבי שמעון בן גמליאל אומר סימן להרים מילין סימן לעמקים דקלים סימן לנחלים קנים סימן לשפלה שקמה ואע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר שנאמר (מלכים א י) ויתן המלך את הכסף בירושלים כאבנים ואת הארזים נתן כשקמים אשר

**פירוש**

צידון : מצור לצידון . יום השוק של צידון בע"ש והם מחמירין על עצמן שלא לבטל מערבי שבת : שוב אפשר להו . לימנע מן השוק מעשירים היו : כותים דמו . דכיון דלא גמירי ולאו מקום תורה הוא סרכי מלתא :

ארישא . ואל ישנה דמתניתין ארישא קאי ההולך ממקום שעושין למקום שאין עושין : ממנו אנגידא דבר בי רב . תלמיד שסרח היו ממנין ללקותו ולא לנדותו משום דשמתא חמורה וחוששין לכבוד תורה :

סימן להרים מילין . עפצי גלי"ש אבל שאר אילנות שבהרים אין יפים וכ"מ דלא מייתי ביכורים מינייהו : דקלים . תמרים : שקמה . אינה עושה פרי : שפלה : ארץ מישור ולקמיה מפרש מאי נ"מ : כשקמים אשר בשפלה . ש"מ דרך שפלה לשקמים

---

בעקומען ספרי תורות תפילין מזוזות תכלת צו ציצית . וועלין זיי רייך ווערין . ווארום אפילו זיי וועלין זיין רייך וועלין זיי ניט אוועק לאזין די מצוה . די קינדער פון דעם מענטש ביישן פלעגין ניט גיין פון צור צוא צידון צום מארק ערב שבת . ואין צידון פלעגט זיין א יריד אלע פרייטאג . אונ די קינדער פון ביישן פלעגין ניט וועלין גיין צום יריד . נאר זיי פלעגין זיין אין דער היים אן צו גרייטין אויף שבת אלץ וואס מען דארף . די קינדער זייערע זענען גיקומען פאר רבי יוחנן אונ האבין גזאגט צו איהם אונזערע עלטערין האבין גיהאט פרנסה אן דעם יריד . מיר האבין אבער ניט קיין פרנסה אן דעם יריד . צו מעגין מיר גיין אויף דעם יריד ערב שבת . האט רבי יוחנן גזאגט צו זיי אייערע עלטערין האבין אויף זיך גינומען מיט אנדר זיי זאלין ניט גיין פרייטאג אויף דעם יריד . טארט איר אויך ניט גיין פרייטאג אויף דעם יריד . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הער צו מיין זוהן דיא שטראף פון דיין פאטער :

ד בני מדינת הים . די מענטשין וואס וואוהנען אין די ווייטע מדינות ביי דעם ים . וויל די רבנן זענען ניטא געבין זיי . זענען זיי אזוי ווי דיא כותים :

ה במערבא . אין ארץ ישראל אז א תלמיד האט געזינדיגט האבין זיך די רבנן גיציילט וויא פיל עס זאגין מען זאל איהם ניט שלאגין מלקות אונ וויא פיל עס זאגין מען זאל אים שלאגין מלקות . אויב די וואס האבין גזאגט מען זאל איהם שלאגין מלקות . זענען גיוועזן מער וויא דיא וואס האבין גזאגט מען זאל איהם ניט שלאגין מלקות . האט מען איהם גישלאגין מלקות . אבער מחרים צו זיין האבין דיא רבנן זיך ניט גיוואלט ציילין . אונ מען האט אים ניט מחרים גיוועזן :

ו תניא . מיר האבין גילערנט רבן שמעון בן גמליאל זאגט א בארג הייסט אז עס וואקסט אויף איהם בוימער מיט גאליש . א טאהל הייסט אז עס וואקסט אין איהם בוימער מיט טייטלען א נחל הייסט אז עס וואקסט אין איהם שטעקלאך גרינע . א שפלה הייסט א נגלייכער פלאץ א נידעריגער וואס עס וואקסט אויף איהם שקמים (דאס איז א זעלכע פייגין) . אפילו עס איז ניטא קיין ריכטיגע בעווייזונג צו דער זאך אז א גלייכער פלאץ א נידעריגער הייסט אנדערש ניט שפלה נאר מידין עס וואקסט אויף איהם שקמים . אבער א דערמאנונג איז דא צו דער זאך

ווארום

אשר בשפלה לרוב סימן להרים מילין סימן לעמקים דקלים נפקא מינה לביכורים דתנן אין מביאין ביכורים אלא משבעת המינין ולא מדקלים שבהרים ולא מפירות שבעמקים. סימן לנחלים קנים נפקא מינה לנחל איתן. סימן לשפלה שקמה נפקא מינה למקח וממכר השתא דאתית להכי כולהו נמי למקח וממכר:

(דף נג) ז אמר רבי יוסי תודוס איש רומי הנהיג את בני רומי לאכול גדיים מקולסים בלילי פסחים שלחו לו אלמלא תודוס איש רומי אתה גזרנו עליך נדוי שאתה מאכיל את ישראל קדשים בחוץ קדשים ס"ד אלא אימא קרוב להאכיל את ישראל קדשים

ומיהו לאו ראיה גמורה לידע דאם אין בה שקמים לא יקרא שפלה: לבכורים. בבכורים כתיב אשר תביא מארצך ודרשינן במנחות נאמר כאן ארץ ונאמר להלן ארץ חטה ושעורה וגו' מה להלן שבח ארץ דהא בשבחה הכתוב מדבר אף כאן שבח ארץ וילפינן מינה דאין מביאין אלא מז' המינין האמורים שם ואין מביאין אלא ממקום משובח. תמרים מז' המינין הם דכתיב ודבש דהיינו דבש תמרים: ולא מדקלים שבהרים. דאינן משובחים אלא דקלים של עמקים: ולא מפירות. תבואת דגן: שבעמקים. שהמים לנים שם ותבואתן כחושה ומרקבת: לנחל איתן. לעגלה ערופה צריך שיהיו קנים גדלים בו ואי לא לא מקרי נחל: למקח וממכר. בשפלה אני מוכר לך צריך שיהו בה שקמים:
ה"ג תודוס איש רומי. ישראל חשוב שהיה ברומי: מקולסין. צלויין ראשן על כרעיו ועל קרבו כצליית הפסח דתניא בפ' כיצד צולין רבי עקיבא קורהו מקולס מפני שתולה כרעיו הולה לו בלדו כסשא כלי זיינו כלדו כובע נחשת דגבי גלית מתרגמינן קולסא דנחשא: אלמלא תודוס אתה. אדם חשוב: קרוב להאכיל. ודומה

ווארום עס שטייט אין פסוק. דער קעניג שלמה האט גיגעבין דיא זילבער אין ירושלים אזו פיל וויא שטיינער. אונ דיא טענגען בוימער האט ער גיגעבין אזוי פיל וויא דיא שקמים וואס וואקסט אויף דעם ארט שפלה. זעהן מיר אז דער ארט וואו שקמים וואקסין הייסט שפלה. נאר פון דעסטוועגין איז דאס ניט קיין ריכטיגע בעוויזונג. ווארום עס קען זיין אנגלייכער פלאץ וואס עס וואקסט אויף איהם ניט קיין שקמים הייסט אויך שפלה. זאגט די גמרא אבארג הייסט אז עס וואקסט אויף איהם בוימער מיט גאליש. אונ אטאהל הייסט אז עס וואקסט אין איהם בוימער מיט טייטלען. צו וואס דארפין מיר דאס וויסען. געגין ביכורים. ווארים מיר האבין גילערנט מען ברייננגט ניט בכורים נאר פון די זיבען מינים. ווייץ. גערשטין. וויינטרויבין. פייגין. מילגרוימען. אייל בירטען. טייטלען. אונ מען ברייננגט ניט בכורים פון דיא טייטלען וואס וואקסין אויף דיא בערג. אונ ניט פון דיא פירות (ווייץ. גערשטין) וואס וואקסין אין דיא טאהלין. זאגט די גמרא אנחל הייסט וואס וואקסט אין איהם גרינע שטעקלאך. צו וואס דארפין מיר דאס וויסען. אין דיא תורה שטייט אז מען געפינט אגיהרגתין אונ מען וויים ניט ווער איהם האט גיהרגת. זאל דיא שטאט ברייננגען אקאלב אונ מען זאל איר אפ האקין דעם קאפ אין נחל איתן. זאגט די גמרא אויב עס וואקסט אין איהם גרינע שטעקלאך הייסט דאס אנחל אונ אויב עס וואקסט ניט אינווייניג קיין גרינע שטעקלאך הייסט דאס ניט קיין נחל. זאגט די גמרא אנגלייכער פלאץ אנידעריגער וואס עס וואקסט אויף אים שקמים הייסט שפלה. צוא וואס דארפין מיר דאס וויסען. געגין פאר קויפען. אז אייגער זאגט צו זיין חבר איך פאר קויף דיר אנגלייכען פלאץ אנידעריגען וואס הייסט שפלה. מוז דארט וואקסען שקמים. אונ אויב עס וואקסט ניט שקמים. קען דער קויפער חרטה האבין. זאגט די גמרא איצט אז דוא זאגסט ביי שפלה שמועסט געגין פאר קויפען. קען מען זאגין אז די אלע זאכען שמועסין געגין פאר קויפען.. אז אייגער זאגט איך פר קויף דיר אבארג. מוז אויף איהם וואקסען גאליש. איך פר קויף דיר אטאהל. מוז אין איהם וואקסען טייטלען. איך פר קויף דיר אנחל. מוז אין איהם וואקסען שטעקלאך:

ז אמר. רבי יוסי האט גזאגט תודוס פון רוים האט איין געפירט די מענטשין פון רוים זאלין עסין פסח ביי נאכט אגדי מקולס. נאגיבראטענעם שעפס אגאנצען. אזוי ווי דער קרבן פסח איז גיוועזן. האבען די חכמים געשיקט צו תודוס. ווען דו וואלסט ניט גיוועזן תודוס פון רוים. וואלסטו גיוועזן אין חרם. ווייל דוא הייסט דיא יודין זייא זאלען עסין קרבנות אויסער ירושלים. פרעגט די גמרא דס איז דאך ניט גיוועזן אקרבן. מען האט דאך דעם שעפס ניט גיהיילינט צו אקרבן. נאר אזוי האבען די חכמים גזאגט עס זעהט אויס ווי די יודין וואלטין

לקדשים בחוץ: גברא רבה הוה. ומשום כבודו לא נדוהו: או בעל אגרופין הוה. ומפני יראה לא נדוהו: ועוד זו דרש. אלמא גברא רבה הוה: מה ראו. שלא נצטוו ומי נפש ולא סימום בהם (ויש מפרשים. מה ראו. שמסרו עצמם לתוך כבשן האש ולא הרגו עצמם כמו בעצה שאול כשראה את פלשתים שיהרגו אותו מיד כתיב ויפול עליה וימת): מטיל מלאי. טוען סחורה לת"ה להשתכר בהם: בצל החכמה. כשהחכם יכנס זה בעל הכסף שהוא מהנה אותו מנכסיו והחכמה בעגלה היא: ודאי דאמריתו כו'. אמת הדבר ששמעתי עליכם שאתם אומרים משמיה דרבי יוחנן הכי: הדר

קדשים בחוץ. איבעיא להו תודוס איש רומי גברא רבה הוה או בעל אגרופין הוה ת"ש עוד זו דרש תודוס איש רומי מה ראו הנניה מישאל ועזריה שמסרו עצמן על קדושת השם לתוך כבשן האש. נשאו קל וחומר בעצמם ומה צפרדעים שאינן מצווין על קדוש השם כתיב בהו (שמות ז) ועלו ובאו בביתך ובחדר משכבך ועל מטתך ובתנוריך ובמשארותיך אימתי משארות מצויות אצל התנור בשעה שהתנור חם אנו שמצווין על קדושת השם על אחת כמה וכמה (ושמע מינה תודוס איש רומי גברא רבה הוה) ר' יוסי בר אבין אמר מטיל מלאי לכים של ת"ח הוה ד' ר"י המטיל מלאי לכים של ת"ח זוכה ויושב בישיבה של מעלה שנא' (קהלת ז) כי בצל החכמה בצל הכסף:

**ח** עולא הוה רכיב חמרא ואזיל והוו אזלי רבי אבא מימיניה ורבב"ח משמאליה אמר ליה רבי אבא לעולא ודאי דאמריתו משמיה דרבי יוחנן אין מברכין על האור אלא במוצאי שבת הואיל ותחלת ברייתו הוא הדר עולא חזא ביה ברבב"ח בבישות א"ל אנא

---

גיעסעו קרבנות אויסער ירושלים. ווייל מען קען מיינען אז מען האט איהם גיהיילינט צוא אקרבו פסח די רבנן האבען גיפרעגט ווער איז תודוס. אגרויסער תלמיד חכם. אדער אשטארקער מענטש ווס מען הט פר איהם מורא גיהאט. זאגט די גמרא מיר האבען גיהערונט די זאך הט אויך גידרשעט תודוס פון רוים. פון וואנען האבען גיוואוסט חנניה מישאל עזריה אז מען דארף זיך לאזין איין ווארפען אין קאכה הויבין צוא פאר ברענט ווערין אבי נאר צוא היילינען דעם נאמען פון גאט אונ ניט צוא דינען עבודה זרה. נאר זייא האבען דאס אפ גילערונט פון די צפרדעים ווס זענען גיקומען אין מצרים אויף פרעה. זיי האבען אזוי גיזאגט מאדאך די צפרדעים וואס זיי זענען ניט גיבאטען זיי זאלין היילינען דעם נאמען פון גאט. פון דעכטוועגין שטייט ביי זיי די צפרדעים ווערין אויף גיין אונ וועלין קומען אין דיין שטוב אונ אין דיא שטוב וואו דוא שלאפסט אויף דיין בעט אונ אין דיין הויבין אונ אין דיינע טייג. ווען איז די טייג נעבין הויבין. ווען דער הויבין איז היים. זענען דאך דיא צפרדעים אריין גיגאנגען אין אהייסין הויבין צו פאר ברענט ווערין גאר צו היילינען דעם נאמען פון גאט. מיר וואס זענען גיבאטען גיווארין צו היילינען דעם נאמען פון גאט. איז געווים אז מיר דארפין אונז לאזין פאר ברענען צו היילינען דעם נאמען פון גאט. אז מיר זאגין תודוס הט גידרשת דיא זאך. איז ער דאך גיוועזען אלמדן. אונ אז מען האט איהם ניט גיוואלט מחרים זיין. איז ער געווים גיוועזען אגרויסער תלמיד חכם. רבי יוסי בר אבין זאגט תודוס פלעגט געבין געלט אונ סחורה צו די תלמידי חכמים זיי זאלען האנדלען. דס געלט זאלען זיי איהם צוריק געבין. אונ דאס פאר דינסט זאל גיהערין צו דיא תלמידי חכמים. אונ רבי יוחנן הט גזאגט דער וואס גיט געלט אדער סחורה צו תלמידי חכמים זיי זאלען האנדלען אונ זאלען נעמען דעם פארדינסט פר זיך. איז ער זוכה צו זיצען אין דער ישיבה וואס אין הימעל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בצל החכמה בצל הכסף. דער ווס לערונט תורה אונ דער וואס שפייזט מיט זיין געלט דעם תלמיד חכם. וועלין ביידע זיצען אונטער איין שאטין. זיי וועלין ביידע זיצען אין הימעל איינער נעבין דעם אנדערין:

**ח** עולא האט גערייטען אויף אאייזיל אונ איז גיגאנגען אין וועג. אונ רבי אבא איז גיגאנגען פון זיין רעכטע זייט. אונ רבה בר בר חנה איז גיגאנגען פון זיין לינקע זייט. האט רבי אבא גזאגט צו עולא איז אמת ווס איך האב גיהערט אז איר זאגט פון רבי יוחנן וועגין מען טאר ניט מאכען אברכה אויף פייאר בורא מאורי האש נאר מוצאי שבת. נוייל דאס

פייער

אנא לאו אהא אמרי אלא אהא אמרי דהני תנא קמיה דר"י ר"ש בן אלעזר אומר יום הכיפורים שחל להיות בשבת אף במקום שאמרו שלא להדליק מדליקין מפני כבוד השבת וענו ר"י בתריה והחכמים אוסרין א"ל עדא והא קרי עליה רב יוסף (משלי כ) מים עמוקים עצה בלב איש זה עולא ואיש תבונה ידלנה זה רבה בר בר חנה :

(דף נד) **י אור** במוצאי שבת איברי והקשה על זה בעל הגמרא והתניא עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות ואלו הן באר מן קשת כתב ומכתב ולוחות וקברו של משה ומערה שעמד בה משה ואליהו ופתיחת פי האתון ופתיחת פי הארץ לבלוע את הרשעים רבי נחמיה אומר משום אביו אף האור והפרד רבי

עילא אלא כיון כרבנ"ח בניהות . ובתשו' ג נפיס ונעפוה כלומר אהא אמרה בבכ"י ונולא לא אמר כי לנא גם כמולתי י"ה מדברי ללו הוליי ודבר הדב הזה שהלסר בו כל טוב ועבדין מנה ממני : חנה להא אמרי . לכו מבמה דר"י נענה אחר שהנא והכמים אוסרים להדליק זה יכרן ניה"כ שחל להיות בשבת עד מ"ם ולא הזכרתי שם של ר"י על אור במ"ם אלא הזו והכ כנוים שעל דבר ברכה אתיו הזכרתי שמו : עצה משה . זה . היה בזלה אני מודה שאמר ר"י : זה עולא . שהבין בדבריו כל רבב"ח סעות ורזא כיה בניבות ושם דבריו בלא אמר כלום . והיינו עלם בלב איש דקים ליה בליביה ולא א"ל למה אמרה כך : ואיש תבונה ידלנה. הבין מה שהיה בלבו של עולא שהיה מסתכל בו :

כהר . נחש של מריס והיה סבלע שלתו ממט כמים ע"י מטה ואהרן ועגול כמו כברה היה ומתגלגל עמהם בכל מקום שהולכין : כתב . קיואה של האותיות : המכתב . זה הקיקתן ונותן כך בעיניו . ול"נ כתב זה הקיקה ונותה והמכתב וכו' עט ההיט שנכתב בו הקיקה בלוחות כי סכיה דקודשין מכין לרמות הכול והסיכה והכתב ונותן דברי דקיקה לא קרי לה כתב : ומערה שעמד בה משה (ואליהו). דכתיב ושמתיך בנקיק הצור ושכותי כפי עליך עד עברי . וכן אליהו ויבא עד הר האלהים חורבה ויבא בה אל המערה וילן שם : לבלוע את הרשעים

פייער איז בשאפען געווארין מוצאי שבת . האט עולא אומגיקערט זיין פנים צו רבה בר בר חנה אונ האט איהם אן גיקוקט בייז. (דו האסט אזוי גזאגט פון רבי יוחנן וועגין . אבער רבי יוחנן האט אזוי ניט גזאגט) · האט עולא גזאגט צוא רבי אבא נים אויף דער ברכה מאורי האש האב איך דער מאנט דעם נאמען פון רבי יוחנן . נאר אויף איין אנדער דין . אונ דער וואס האט גיהערט האט גימיינט אז מען שמועבט פון די ברכה מאורי האש . ווארום אתנא האט גילערונט פאר רבי יוחנן רבי שמעון בן אלעזר זאגט אפילו וואו דער מנהג איז מען זאל ניט צינדען קיין ליכט אין דער היים ערב יום כפור פארין נאכט. נאר מען זאל זיין יום כפור ביי נאכט אין דער פינסטער . אבער אז יום כפור גיפאלט אום שבת . זאל מען אן צינדען ליכט אין דער היים ערב יום כפור פארין נאכט. פון וועגין כבוד שבת · האט רבי יוחנן גיענטפערט די חכמים אסרין צו צינדען ליכט ערב יום כפור פארין נאכט אפילו יום כפור גיפאלט אום שבת . האט רבה בר בר חנה גזאגט צו עולא אזוי זאל דאס זיין . אזוי האט טאקי רבי יוחנן גזאגט . האט רב יוסף גילייענט אויף זיי דעם פסוק . אזוי ווי טיפע וואסער איז דיא עצה ביי דעם מענטשין אין הארץ . דס מיינט מען עולא . וואס ער האט גיהאלטען די זאך אין הארצען . אונ ער האט ניט גזאגט צו רבה פאר וואס האסטו אזוי גזאגט : ער האט נאר גיקוקט אויף רבה . אונ דער פאר שטאנדיגער מענטש שעפט אויס די עצה . דס מיינט מען רבה בר בר חנה וואס ער האט פר שטאנען וואס עולא מיינט :

**ט** אור . פרעגט די גמרא דער פייער איז בשאפען געווארין מוצאי שבת . מיר האבן דאך גילערונט צעהן זאכען זענען בשאפען געווארין ערב שבת צווישען טאג אונ נאכט . אונ דס זענען זיי · דער ברונען פון מרים (דס איז דער שטיין וואס פון איהם איז גיגאנגען וואסער צו די יודין אין דער מדבר) · דער מן . דער רעגין בויגין . די נעמען פון די אותיות . די צורה פון דיא אותיות . דיא לוחות . דער קבר פון משה רבינו . דיא מערה וואס משה רבינו אונ אליהו הנביא זענען אין איר גישטאנען · אונ ווס דער אייזיל פון בלעם האט גירעט . אונ ווס די ערד הט גיעפינט די מויל איין צו שלינגען די רשעים פון קרח . רבי נחמיה זאגט פון זיין פאטערס וועגין די ליכטיגקייט פון פייער · אונ דער פרד · זענען אויך בשאפען געווארין ערב שבת צווישען טאג אונ נאכט . רבי יאשיה זאגט דער איל פון אברהם אבינו · אונ דער שמיר דס איז אזוי א ווארעם אז מען האלט איהם נעגין אדימאנט שפאלט זיך דער דימאנט איז אויך

בשאפען

רבי יאשיה אומר (משום אביו) אף האיל ושמיר רבי יהודה אומר אף הצבת הוא היה אומר צבתא בצבתא מתעבדא וצבתא קמייתא מאן עבדא הא לאי בריה בידי שמים היא אמרו לו אפשר יעשנה בדפוס ויקבענה כיון הא לאי בריה בידי אדם היא (קתני מיהא רבי נחמיה אומר אף האור) לא קשיא הא באור דידן הא באור דגיהנם אור דידן במוצאי שבת אור דגיהנם בע"ש :

י ואור דגיהנם בערב שבת איברי והא תניא שבעה דברים נבראו קודם שנברא העולם ואלו הן תורה ותשובה וגן עדן וגיהנם וכסא הכבוד ובית המקדש ושמו של משיח תורה דכתיב (משלי ח) ה' קנני ראשית דרכו תשובה דכתיב (תהלים צ) בטרם הרים יולדו וגו' וכתיב בתריה תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם . גן עדן דכתיב (בראשית ב) ויטע ה' אלהים גן בעדן מקדם . גיהנם דכתיב (ישעיה ל) כי ערוך מאתמול תפתה . כסא כבוד ובית המקדש דכתיב

כסא

בהשמשות : ערב שבת : האיל . של אברהם : הפרד . אין כל פרד באה מסוס ופרד הראשון נברא מהארץ ולא בא מהכלאים : השמיר . כמין תולעת הוא ואין כל דבר קשה עומד בפניו שלא יתפרק ובו בנה שלמה את בית המקדש כדאיתא במסכת גיטין : הצבת . פירוש"י של ברזל : צבתא . שעושין עליה (הצבתות) : בצבתא מתעבדא . על ידי צבת אחרת היא עשוי' שאוחזה בצבת ומכה בקורנס עד שעושים וצבתא קמייתא מאן עבדה : לאי . באמת על כרחך בריה בידי שמים היא : יעשנה בדפוס . ע"י יציקה כמו שעושין כלי כסף וזהב : ויקבענה בו כיון . כלה כאותה מגר :

ראשית דרכו . קודם לשאר דרכים וכיון דאמרינן לעיל סתמא בע"ש בכתבן של נותם וה מסים כתובה מתחלה באש שחורה על גבי אש לבנה : בטרם הרים יולדו . בראת מדת התשובה : תשב אנוש עד דכא . עד ידכה נפשו לפניך : מקדם . מקודם לעולם : מאתמול . קודם לעולם : תפתה . גיהנם שכל המתפתה ביצרו יפול שם : מרום מראשון . מרום הוא כסא כבוד מראשון מקודם

---

בשאפען געווארין ערב שבת צווישען טאג אונ נאכט . רבי יהודה זאגט אצוואנג איז אויך בשאפען געווארין ערב שבת צווישען טאג אונ נאכט · רבי יהודה פלעגט זאגען איין צוואנג ווערט געמאכט דורך די אנדערע צוואנג . ער האלט אשטיק אייזין מיט אצוואנג אונ ברענט איר אין פייער אונ קלאפט מיט האמערס ביז ער מאכט פון איר אצוואנג . ווי אזוי הט מען אבער געמאכט די ערשטע צוואנג . מוזין מיר זאגין די ערשטע צוואנג איז בשאפען געווארין פון גאט . האבען די חכמים געזאגט צו רבי יהודה עס קען זיין די ערשטע צוואנג איז געגאסען געווארין אין אפארעם . איז זיא בשאפען געווארין פון אמענטשין . זאגט די גמרא אבער דאס האבען מיר דאך געלערנט אז דער פייער איז בשאפען געווארין ערב שבת צווישען טאג אונ נאכט . ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא אונזער פייאר איז בשאפען געווארין מוצאי שבת · אונ דער פייאר פון גיהנם איז בשאפען געווארין ערב שבת צווישען טאג אונ נאכט :

י אור . פרעגט די גמרא דער פייאר פון גיהנם איז בשאפען געווארין ערב שבת צווישען טאג אונ נאכט . מיר האבען דאך געלערנט זיבען זאכען זענען בשאפען געווארין איידער די וועלט איז בשאפען געווארין . דס זענען זיי . תורה . תשובה . גן עדן . גיהנם . דער כסא הכבוד . דער בית המקדש · דער נאמען פון משיח . פון וואנען ווייסען מיר אז די תורה איז בשאפען געווארין איידער די וועלט איז בשאפען געווארין . ווארום עס שטייט אין פסוק די תורה זאגט גאט הט מיך געקויפט (בשאפען) די ערשטע פון זיין וועג . די ערשטע בשאפונג : ביי תשובה שטייט אין פסוק איידער די בערג זענען געבארין (בשאפען) געווארין · דער נאך שטייט ווייטער אין פסוק דו קערסט דעם מענטשין צו זיך ביז ער צו שטויסט זיין הארץ פר דיר אונ דוא זאגסט איר מענטשין קערט אייך צו מיר ; דאס אלץ הט גאט געזאגט איידער די וועלט איז בשאפען געווארין . ביי דעם גן עדן שטייט אין פסוק גאט האט געפלאנצט אגארטען אין עדן פריער . איידער די וועלט איז בשאפען געווארין · ביי דעם גיהנם שטייט אין פסוק דער גיהנם איז אן געברייט פון נעכטין . איידער די וועלט איז בשאפען געווארען ; ביי דעם כסא הכבוד אונ בית המקדש שטייט אין פסוק כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשנו . דער כסא הכבוד איז גאנץ הויך · אונ ער איז בשאפען געווארען פריער ווי די וועלט איז בשאפען געווארען . אונ דער בית המקדש איז אויך אזוי בשאפען געווארען איידער די וועלט איז בשאפען געווארין ·

ביי

(ירמיה יז) כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשנו. שמו של משיח דכתיב (תהלים עב) לפני שמש ינון שמו אמרו חללה הוא דנברא קודם שנברא העולם ואור דידיה בערב שבת. ואור דידיה בע"ש איברי והא תניא אמר רבי יוסי אור שברא הקב"ה בשני בשבת אין לו כביה לעולם שנאמר (ישעיה סו) ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי כי תולעתם לא תמות ואשם לא תכבה. ואמר רבי (בנאה בריה דרבי עולא) מפני מה לא נאמר כי טוב בשני בשבת מפני שנברא בו אור של גיהנם ואמר רבי אלעזר אע"פ שלא נאמר בו כי טוב חזר וכללו בששי בשבת שנאמר (בראשית א) וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד אלא חללה קודם שנברא העולם ואור דידיה בשני בשבת ואור דידן עלה במחשבה לבראות בערב שבת ולא נברא עד מוצאי שבת דתניא רבי יוסי אומר שני דברים עלו במחשבה לבראות בערב שבת ולא נבראו עד מוצאי שבת ובמוצאי שבת נתן הקדוש ב"ה בינה באדם הראשון מעין דוגמא של מעלה ולקח שני אבנים וטחנן זו בזו ויצא מהן אור והביא שתי בהמות והרכיבם זו על זו ויצא מהן פרד רבי שמעון בן גמליאל אומר פרד בימי ענה היה שנאמר (שם לו) הוא ענה אשר מצא את הימים במדבר

דורשי

לעולם וכן: מקום מקדשנו. נברא מראשון: חללה. של גיהנם קודם בריאת העולם והיינו הוא: אין לו כביה לעולם. שהוא אור של גיהנם: חזר וכללו. לקרוהו טוב לפי שהרשעים נדונין בו: אלא ודאי. אור של גיהנם בב' בשבת איברי והא דתניא לעיל דאור בע"ש איברי באור דידן והא דתניא במוצאי שבת בריאה לא קאי אלא במחשבה אלא ביצירה בע"ש עלו במחשבה לבראות ולא נברא עד מוצאי שבת: וטחנן. שחק והכה והקיש זו בזו: דורשי

---

בַּיי דֶעם נָאמֶען פוּן מָשִׁיחַ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֵיידֶער דִי זוּהן אִיז בַּשַׁאפֶען גְיוָוארֶען אִיז גִזָאגְט יִנָּארֶען דֶער נָאמֶען פוּן מָשִׁיחַ. זֶעהן מִיר אָבֶּער אַז דֶער גֵיהִנָם אִיז בַּשַׁאפֶען גְיוָוארִין אֵיידֶער דִי וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפֶן גְיוָוארִין. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא דֶער גֵיהִנָם אִיז טַאקִי בַּשַׁאפֶן גְיוָוארִין אֵיידֶר דִי וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפֶן גְיוָוארֶען. אָבֶּער דֶער פַייעֶר פוּן גֵיהִנָם אִיז בַּשַׁאפֶען גְיוָוארֶען עֶרֶב שַׁבָּת צְווַישֶׁען טָאג אוּנ נַאכְט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דֶער פַייעֶר פוּן גֵיהִנָם אִיז בַּשַׁאפֶען גְיוָוארִין עֶרֶב שַׁבָּת. מִיר הָאבִּין דָאךְ גִילֶערוּנְט רַבִּי יוֹסִי זָאגְט דֶער פַייעֶר וָואס גָאט הָאט אִים בַּאשַׁאפֶען מָאנְטָאג וֶועט קֵיין מָאהל נִיט פַארְלָאשֶׁען. [דָאס אִיז דֶער פַייעֶר פוּן גֵיהִנָם]. אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זַייא וֶועלִין אַרוֹיס גֵיין אוּנ וֶועלֶען זֶעהֶן דִי פְּגָרִים פוּן דִי מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט צוּ מִיר זַייעֶרֶע וֶוערִים וֶועלֶען נִיט פֵיינֶערֶען אוּנ זַייעֶר פַייעֶר וֶועט נִיט פַארְלָאשֶׁען וֶוערֶען. אוּנ רַבִּי בַּנָאָה דֶער זוּהן פוּן רַבִּי עוּלָא הָאט גִיזָאגְט פַאר וָואס שְׁטֵייט נִיט בַּייא מָאנְטָאג כִּי טוֹב. וַוייל מָאנְטָאג אִיז בַּאשַׁאפִין גְיוָוארֶען דֶער פַייעֶר פוּן גֵיהִנָם. אוּנ רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גִיזָאגְט אֲפִילוּ בַּיי מָאנְטָאג שְׁטֵייט נִיט כִּי טוֹב. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין שְׁטֵייט דֶער כִּי טוֹב פוּן מָאנְטָאג בַּיי פְרַייטָאג. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי פְרַייטָאג גָאט הָאט גִיזֶעהֶן אַלְץ וָואס עֶר הָאט גִיטָאהן אוּנ עֶס אִיז זַייעֶר גוּט. אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט אַלְץ וָואס עֶר הָאט גִיטָאהן אִיז גוּט. אִיז דָאךְ דָאס וָואס מֶען הָאט גִיטָאהן מָאנְטָאג אוֹיךְ גוּט. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא אַזוֹי אִיז גִיוֶועזְן דֶער גֵיהִנָם אִיז בַּאשַׁאפֶען גְיוָוארֶען אֵיידֶער דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפִין גְיוָוארִין. אוּנ דֶער פַייעֶר פוּן גֵיהִנָם אִיז בַּאשַׁאפִין גְיוָוארִין מָאנְטָאג. אוּנ אוּנְזֶער פַייעֶר הָאט גָאט גִיטְרַאכְט צוּ בַּאשַׁאפִין פְרַייטָאג. אוּנ עֶר אִיז נִיט בַּאשַׁאפִין גְיוָוארִין בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת. וָוארוּם מִיר הָאבִּין גִילֶערוּנְט רַבִּי יוֹסִי זָאגְט צְווֵיי זַאכִין הָאט גָאט גִיטְרַאכְט צוּ בַּשַׁאפִין פְרַייטָאג אוּנ זֵיי זֶענִין נִיט בַּשַׁאפִין גְיוָוארִין בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת. מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט גָאט גִיגֶעבִּין חָכְמָה צוּ אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּנ עֶר הָאט גִינוּמֶען צְווֵיי שְׁטֵיינֶער אוּנ עֶר הָאט גֶערִיבֶּען אֵיינֶעם אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן זַייא פַייעֶר: אוּנ עֶר הָאט גִיבְּרַאכְט צְווֵיי בְּהֵמוֹת אַזָכָר מִיט אַנְקֵבָה אוּנ דֶער זָכָר הָאט בּוֹעֵל גִיוֶועזְן דִי נְקֵבָה. אִיז פוּן זַייא גִיבַּארִין גְיוָוארִין דֶער פֶּרֶד: רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַמְלִיאֵל זָאגְט דֶער פֶּרֶד אִיז גֶעפוּנֶען גְיוָוארִין אִין דִי צַייטִין פוּן עֲנָה. אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס אִיז דֶער עֲנָה וָואס הָאט גִיפוּנֶען דִי יֵמִים [דִי פְּרָדוֹת] אִין דֶער

מדבר

דורשי חמורות אמרו ענה פסול היה לפיכך הביא פסולין לעולם שנאמר (שם) אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ לוטן ושובל וצבעון וענה . וכתיב ואלה בני צבעון ואיה וענה (הוא ענה חשיב ליה באחיה וחשיב ליה בבניה) אלא מלמד שבא צבעון על אמו והוליד ממנה ענה ודילמא תרי ענה הוו אמר רבא אמינא מלתא דלא אמרה שבור מלכא ומנו שמואל (אומרה אנא) . איכא דאמרי אמר רב פפא אמינא מילתא דלא אמרה שבור מלכא ומנו (רב אומרה אנא) [רבא] אמר קרא הוא ענה הוא ענה דמעיקרא :

התמורות. מקראות סתומות : פסול היה : שאחיו אלא אמו היה אביו כמו שמפרש מלמד שבא צבעון על אמו והולידו : אלה בני שעיר צבעון וענה . אלמא אחים היו : וכתיב ואלה בני צבעון ואיה וענה. אלמא בנו היה : שמואל . קרי ליה רבא שבור מלכא משום שהיה בקי בדיני' והלכתא כותיה בדיני כדין היוצא מפי המלך שמתקיים ושבור מלך פרסיים הוה בימי רבא' : בגדיו של אדם הראשון . שהיו הקוקות בהן כל מין חיה ועוף ובהמה והיו נמסרין לנמרוד על כן היה גבור ציד ובא עשו והרגו ונטלן לפיכך היה איש ציד וזה שכתוב בהן החמודות אשר אתה בבית (ואני שמעתי בגדיו של אד"ם היינו כתנות עור שהיה לו) : יום הנחמה . שכל אדם יתנחם

יא תנו רבנן עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות ואלו הן באר ומן וקשת כתב ומכתב ולוחות וקברו של משה ומערה שעמד בה משה ואליהו ופתיחת פי האתון ופתיחת פי הארץ לבלוע את הרשעים וי"א אף מקלו של אהרן שקדיה ופרחיה וי"א אף המזיקן . וי"א אף (ע"כ) בגדיו של אדם הראשון . תנו רבנן שבעה דברים מכוסין מבני אדם יום המיתה ויום הנחמה ועומק הדין ואין אדם יודע במה משתכר ואינו יודע מה בלבו

---

מְדַבֵּר . דִי וָואס דַרְשֶׁנֶען דִי פְּסוּקִים הָאבֶּין גֶזָאגְט וַוייל עֲנָה אִיז גֶיוֶועזֶען פָּסוּל דְרִיבֶּער הָאט עֶר גֶיבְּרַאכְט פְּסוּלָה זַאכֶין אוֹיף דֶער וֶועלְט . אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּן שֵׂעִיר הַחוֹרִי וָואס זֵיי זֶענֶען דִי זִיצֶער פוּן דֶער לַאנְד . לוֹטָן שׁוֹבָל צִבְעוֹן עֲנָה . אִיז צִבְעוֹן מִיט עֲנָה גֶיוֶועזֶען בְּרִידֶער . אוּנ נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּן צִבְעוֹן . אַיָה אוּנ עֲנָה . אִיז דָאךְ עֲנָה גֶיוֶועזֶען אַזוּהְן פוּן צִבְעוֹן . נָאר צִבְעוֹן הָאט מִמֶּנָּה גֶיוֶועזֶען מִיט זַיין מוּטֶער . אִיז פוּן זֵיי גֶיבָּארֶין גֶיוָוארִין עֲנָה . אִיז עֲנָה גֶיוֶועזֶען אַזוּהְן פוּן צִבְעוֹן : אוּנ זַיינֶער אַבְּרוּדֶער פוּן אֵיין מוּטֶער . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא טָאמֶער אִיז גֶיוֶועזֶען צְוֵויי עֲנָה . אֵיינֶער אִיז גֶיוֶועזֶען אַבְּרוּדֶער פוּן צִבְעוֹן אוּנ אֵיינֶער אִיז גֶיוֶועזֶען אַזוּהְן פוּן צִבְעוֹן . הָט רָבָא גֶזָאגְט אִיךְ הָאבּ גֶזָאגְט אַזַאךְ וָואס שְׁבוּר מַלְכָּא הָאט דָאס אוֹיךְ נִיט גֶזָאגְט . וֶוער אִיז שְׁבוּר מַלְכָּא . שְׁמוּאֵל . אַנְדֶערֶע זָאגִין רַב פָּפָּא הָאט גֶזָאגְט אִיךְ הָאבּ גֶזָאגְט אַזַאךְ וָואס שְׁבוּר מַלְכָּא הָאט דָאס אוֹיךְ נִיט גֶזָאגְט . וֶוער אִיז שְׁבוּר מַלְכָּא . רָבָא . דֶער פָּסוּק זָאגְט הוּא עֲנָה . מֵיינְט מֶען דָאס אִיז דֶער זֶעלְבִּיגֶער עֲנָה פוּן פְרִיעֶר . אִיז נָאר גֶיוֶועזֶען אֵיין עֲנָה . אוּנ עֶר אִיז גֶיוֶועזֶען אַבְּרוּדֶער פוּן צִבְעוֹן . אַזוּהְן פוּן צִבְעוֹן :

יא תָּנוּ רַבָּנָן . דִי רַבָּנָן הָאבֶּין גֶילֶערוּנְט צֶעהֶן זַאכִין זֶענֶען בַּשַׁאפִין גֶעוָוארִין עֶרֶב שַׁבָּת צְווִישֶׁען טָאג אוּנ נַאכְט . אוּנ דָאס זֶענֶען זֵיי . דֶער בְּרוּנֶען פוּן מִרְיָם . דֶער מָן ; דֶער רֶעגִין בּוֹיגֶען . דִי נֶעמֶען פוּן דִי אוֹתִיוֹת . דִי צוּרָה פוּן דִי אוֹתִיוֹת . דִי לוּחוֹת . דֶער קֶבֶר פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ . דִי מְעָרָה וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ אוּנ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זֶענֶען אִין אִיר גֶישְׁטַאנֶען . אוּנ וָואס דֶער אֵיידִיל פוּן בִּלְעָם הָאט גֶירֶעט . אוּנ וָואס דִי עֶרְד הָאט גֶיעֶפִינְט דִי מוֹיל אַיין צוּ שְׁלִינְגֶען דִי רְשָׁעִים פוּן קֹרַח . אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין דֶער שְׁטֶעקִין פוּן אַהֲרֹן מִיט אִירֶע מַאנְדְלֶען אוּנ מִיט אִירֶע בְּלוּמֶען . אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין דִי שֵׁדִים . אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין דִיא קְלֵיידֶער פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן וְאוֹיף דִיא קְלֵיידֶער אִיז גֶיוֶועזֶען גִימָאלְט אַלֶע חַיוֹת אוּנ עוֹפוֹת אוּנ בְּהֵמוֹת . דִיא דְרַייא זַאכֶען זֶענֶען אוֹיךְ בַּאשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען עֶרֶב שַׁבָּת בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת צְווִישֶׁען טָאג אוּנ נַאכְט :

תָּנוּ רַבָּנָן . דִי רַבָּנָן הָאבִּין גֶילֶערוּנְט . זִיבֶּען זַאכֶען זֶענֶען צוּגֶידֶעקְט פוּן אַלֶע מֶענְטְשֶׁין . קֵיין מֶענְטְשׁ וֵויים נִיט וֶוען זֵיי וֶועלֶען זַיין . אַמֶענְטְשׁ וֵויים נִיט וֶוען עֶר וֶועט שְׁטַארְבִּין . אוּנ אוּנ עֶר וֵויים נִיט וֶוען עֶר וֶועט גֶיטְרֵייסְט וֶוערִין פוּן זַיינֶע צָרוֹת . אוּנ עֶר וֵויים נִיט וִוי טִיף

וויא

כלבו של חברו ומלכות בית דוד מתי תחזור למקומה ומלכות פרס מתי תפול . תנו רבנן שלשה דברים עלו במחשבה לבראות ואם לא עלו דין הוא שיעלו על המת שיסריח ועל המת שישתכח מן הלב ועל התבואה שתרקב . וי"א אף על המטבע שיצא :

(ד' ט) יב תנן רבנן ששה דברים עשה חזקיה המלך על שלשה הודו לו ועל שלשה לא הודו לו . ואלו הן שהודו לו גירר עצמות אביו במטה של חבלים כתת נחש הנחשת וגנז ספר רפואות והודו לו . ואלו שלא הודו לו קצץ דלתות ההיכל ושגרם למלך אשור . סתם את מוצא מי גיחון . עיבר ניסן בניסן . ולא הודו לו :

שדאגתו לידע אימתי יבא יום הנחמה יום הישועה שהוא קץ הגאולה והנחמה לעולם : ועומק הדין . ביום שופטין בו א"כ עומק הדין העתיד : מלכות פרס . שכתוב בה גבול רשעה ורשעה היינו פרס : עלו במחשבה . והקיימו : ואם לא עלו דין הוא שיעלו . דאל"כ לא הוה אדם מתקיים : שיסריח . שאם לא כן יהיו הקרובים מגניזין אותו ויראו את צערן לפניהם תמיד : ועל התבואה שתרקב . שאם לא כן יהיו בעלי בתים אוצרין אותו ומביאין רעבון לעולם :

גירר עצמות אביו . משום כפרה ולא קברו בכבוד בדרגש ומטה נאה מפני קדוש השם שיתנגפו על רשעו ויוסרו הרשעים : כתת נחש הנחשת . כדכתיב בדברי הימים לפי שהיו טועים אחריו : וגנז ספר רפואות . לפי שלא היה לבם נכנע על חליים ומתרפאים מיד : סתם מי גיחון . כדכתיב למה יבואו מלכי אשור ומצאו מים רבים ולא הודו לו לפי שהיה לו לבטוח בהקב"ה שנאמר וגנותי על העיר הזאת וגו' : עיבר ניסן בניסן . לאחר שנכנס ניסן מלך ועשה אדר שני כי לא יכלו לעשות הפסח בעת ההיא כי הכהנים לא התקדשו למדי והעם לא נאספו לירושלים ומתוך שהשנה היה בטל באותן הימים היה צריך לקדש הכהנים לכך ולאסוף כל ישראל לשמחה ואח"כ בקש רחמים על שהיה מדחהו לפסח

---

ווי שטארק דער דין זיינער איז אין הימעל . אונ ער ווייס ניט פון וועלכער זאך ער וועט פארדינען . אונ ער ווייס ניט וואס זיין חבר טראכט . אונ ער ווייס ניט ווען וועט צוריק קומען די מלוכה צו דיא קינדער פון דוד המלך . אונ ער ווייס ניט ווען וועט פאלין די מלוכה פון פרס . די רבנן האבין גילערונט דריי זאכען האט גאט בשאפען . אונ אז זיי וואלטען ניט בשאפען גיווארין . וואלט רעכט גיוועזען זייא זאלען בשאפען ווערין . א מת זאל פארשטונקען ווערין . ווארום אז ער וואלט ניט פארשטונקען גיווארין . וואלט מען אים בעהאלטען אין שטוב אויף אייביג . א מת זאל פארגעסין ווערין פון הארץ . ווארום אז ער וואלט ניט פארגעסען געווארען . וואלט מען ניט געקענט אויסהאלטען דעם צער . תבואה זאל פארפוילט ווערען . ווארום אז די תבואה וואלט ניט פארפוילט גיווארען . וואלטען מענטשין איינגעזאמעלט דיא תבואה אין דיא שפייכלערס . וואלט גיוועזען אהונגער . אונ אנדערע זאגען גאט האט גינעבען דעם מענטשין אין זינען ער זאל מאכען מטבעות . מען זאל קענען קויפען וואס מען דארף :

יב תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט זעקס זאכען האט חזקיה המלך גיטאהן . אויף דריי זאכען האבען די חכמים מודה גיוועזען צו חזקיה אז ער האט גוט גיטאהן . אונ אויף דרייא זאכען האבען די חכמים ניט מודה גיוועזען צו אים . דאס זענען די דריי זאכען וואס די חכמים האבען מודה געוועזען צו חזקיה . ער האט געשלעפט די ביינער פון זיין פאטער אויף א בעט וואס איז געפלאכטען פון שטריק . צו פאר שעמען איהם נאך זיין טויט . ער זאל האבען א כפרה אויף זיינע זינד . ער האט צובראכען דעם קופערנעם שלאנג וואס משה רבינו האט געמאכט . וייל מען האט אים געמאכט פאר א עבודה זרה . אונ ער האט בעהאלטען דעם בוך וואס אין אים איז גיוועזען פארשריבען אלע רפואות . ווייל מען פלעגט נעמען די רפואות וואס איז גיוועזען געשריבען אין דעם בוך . אונ מען פלעגט גאר ניט מתפלל זיין צו גאט אויף דעם קראנקען . דריבער האבען די חכמים מודה גיוועזען צו איהם אז ער האט רעכט גיטאהן . אונ אויף די דריי זאכען האבען די חכמים ניט מודה גיוועזען צו איהם . ער האט אפ געהאקט די טירען פון היכל אונ ער האט זיי געשיקט אמתנה צום מלך אשור . ער האט פארשטאפט דעם קוואל פון דעם טייך גיחון . אז דער מלך אשור וועט קומען אויף ירושלים . זאל ער ניט געפינען קיין וואסער . אונ אז עס איז שוין גיוועזען דער חדש ניסן . האט ער גיהייסען מען זאל מאכען פון דעם ניסן אדר שני . אויף די דריי זאכען האבען די חכמים ניט מודה גיוועזען צו

יג שנינו במשנה אנשי יריחו היו כורכין את שמע ולא מיחו בידם חכמים ושאלו בגמרא היכי עבדי וכו'. רבא אמר מפסיקין היו אלא שהיו אומרים היום על לבבך דמשמע היום על לבבך ולא מחר על לבבך. תנו רבנן כיצד היו כורכין את שמע אומרים (דברים ו) שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד ולא היו מפסיקין דברי רבי מאיר רבי יהודה אומר מפסיקין היו אלא שלא היו אומרים ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד ואנן מאי טעמא. אמרינן ליה כדדרש רבי שמעון בן פזי דאמר רבי שמעון בן פזי (בראשית מט) ויקרא יעקב אל בניו גו' בקש יעקב לגלות קץ הימין לבניו ונסתלקה ממנו שכינה אמר שמא חס ושלום יש פסול במטתי כאברהם. אבי אבא שיצא ממנו ישמעאל וכיצחק אבי שיצא ממנו עשו. אמרו שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. אמרו כשם שאין בלבך אלא אחד כך אין בלבנו אלא אחד. מיד פתח יעקב ואמר ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אמרו רבנן היכי נעביד נימריה לא

לפסח ממקומו שלא לצורך דמשום טומאת כהנים אינו נדחה כדאמריק במועדו ואפילו בטומאה ואיש נדחה ואין לגזור נדחה וכיימו דכתיב כי לא הכינו את הפסח ככתוב כי התפלל עליהם חזקיהו לאמר ה' הטוב יכפר בעד והוא מדעתו עשה לשם מצוה לזכות ישראל : ולא הודו לו . כדאמרינן בסנהדרין ובברכות החדש הזה וגו' זה ניסן ואין אחר ניסן דמאחר שהגיע אותו חדש אין מזיזין אותו ממקומו. והוה ליה לחזקיה לעבר השנה קודם לכן דקיי"ל אין מעברין אלא אדר כדילפינן במכילתא : ולא היו מפסיקין . בין אחד לואהבת וצריך להאריך באחד ולהפסיק בין קבלת מלכות שמים לדברים אחרים שכל אחד ואחד מקבל עול מלכות שמים ואומר אחד הוא אלהינו (עיינו) בפ' ראשון ובפ' שני לשון לוי הוא . (ענין אחר שלא היו מפסיקין בין השם לאחד כי דין הוא שיפסיק בין השם לאחד ובירושלמי מפרש כן) . רבי יהודה אומר מפסיקין היו אלא שלא היו אומרים ברוך שם כבוד מלכותו וגו'. וכורכין את שמע כלומר שהיו מדביקין כל הקריאה כמו שהיא ולא היו מוסיפין ואית דגרסי שהיו אומרים ברוך שם וכו' פירוש שהיו אומרים אותו בקול רם : קץ הימין . שיחזור ימינו לפניו שהשיב אחור ימינו מפני אויב: שמע ישראל. לאביהם היו אומרים : נימריה . להאי בשכמל"ו

---

איהם. ווייל ער האט בעדארפט זיין פארזיכערט אויף גאט און ניט מורא האבען פאר דעם מלך אשור . און אז עס איז שוין געווארען ניסן . קען מען ניט מאכען פון ניסן אדר שני :

יג שנינו . מיר האבען גילערונט אין די משנה די מענטשין פון יריחו האבין גזאגט די ווערטער פון קריאת שמע צו זאמען . און די חכמים האבין זיי ניט גישטערט ; ווי אזוי האבין זיי גיטאהן . אנדערע זאגען זייא האבען גזאגט אחד ואהבת צו זאמען . און האבען ניט גזאגט אחד בעזונדער און טראכטען אז גאט איז איינער אויף די גאנצע וועלט . דער נאך זאלען זיי זאגען ואהבת . רבא זאגט זיי האבען גזאגט אחד בעזונדער . און האבען געטראכט אז גאט איז איינער אויף די גאנצע וועלט . דער נאך האבען זיי גזאגט ואהבת . נאר זיי פלעגען זאגען היום על לבבך . קען מען מיינען היינט זאל זיין די רייד פון גאט אויף דיין הארץ . אבער מארגען זאלען זייא ניט זיין אויף דיין הארץ .

תנו רבנן : די רבנן האבען גילערנט ווי מיינט מען זייא האבען גזאגט די ווערטער פון קריאת שמע צו זאמען . זייא האבען גזאגט שמע ישראל יי אלהינו יי אחד ואהבת . (ווי עס שטייט פריער) . אזוי זאגט רבי מאיר . רבי יהודה זאגט זיי האבין גיזאגט אחד בעזונדער . דער נאך ואהבת . נאר זיי האבין ניט גיזאגט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד . פרעגט די גמרא פאר וואס זאגען מיר ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד . דאס שטייט דאך ניט אין די תורה . ענטפערט די גמרא אזוי ווי רבי שמעון בן פזי האט גידרשת . ווארום רבי שמעון בן פזי האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק יעקב האט גירופין זיינע קינדער . יעקב האט געוואלט זאגען צו זיינע קינדער ווען משיח וועט קומען . האט זיך אפ גיטאהן פון איהם די שכינה . האט יעקב גזאגט טאמער זענען מיינע קינדער פסול . אזוי וויא פון מיין פאטערס פאטער אברהם איז געבארען געווארען ישמעאל . און פון מיין פאטער יצחק איז געבארען געווארען עשו . האבין די קינדער גזאגט שמע ישראל יי אלהינו יי אחד . הער צו אונזער פאטער ישראל גאט איז אונזער גאט . און ער איז איינער ; אזוי וויא דו טראכסט אין דיין הארץ אז גאט איז איינער . אזוי טראכטען מיר אין אונזער הארץ אויך אז גאט איז איינער . האט יעקב באלד גזאגט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד . האבין די רבנן גיזאגט ווי זאלין

אמריה משה לא נימריה הא אמריה יעקב התקינו שיהו אומרים אותו בחשאי. אמר רבי יצחק אמרי דבי רבי אמי משל לבת מלך שהריחה ציקי קדרה תאמר יש לה גנאי לא תאמר יש לה צער התחילו עבדיה להביא לה בחשאי. אמר רבי אבהו התקינו שיהו אומרים אותו בקול רם מפני תרעומות המינים ובנהרדעא דליכא מינים עדיין אומרין אותו בחשאי:

(דף מ) **תנו רבנן** בראשונה היו מניחין עורות קדשים בלשכת בית הפרוה וכו' ועדיין היו גדולי כהונה נוטלין אותן בזרוע עמדו בעלים והקדישום לשמים. תנא אבא שאול אומר קורות של שקמה היו ביריחו והיו בעלי זרועות נוטלין אותן בזרוע עמדו בעלים והקדישום לשמים עליהם ועל כיוצא בהם אמר אבא שאול בן בטנית משום אבא יוסף בן חנין אוי לי מבית בייתוס אוי לי מאלתן אוי לי מבית חנין אוי לי מלחישתן אוי לי מבית קתרום אוי לי מקולמוסן אוי

בקריאת שמע: ציקי קדרה. ארו"ם דור"ס: יש לה צער. בגופה מחמת התאוה: מפני תרעומות המינין. שלא יאמרו עלינו שאנו מוסיפין עלינו שום דבר שאינו הגון בחשאי ומאן דגרס שהיו אומרים בשכמל"ו מפרש בהיו אומרים אותו בקול רם כשאר הקריאה וביניהן לא היו מינין:
גדולי כהונה. שרים שבהן: עמדו בעלים. כל הכהני משמרות יחד: והקדישום. לבדק הבית:
בעלי זרועות. שהיו כהנים חזקים בחבריהם: בייתוס. כה"ג היה וכן כולם: אלתן. מקלותיהן כמו לא באלה ולא ברומח במסכת שבת: לחישתן. יועצי רע: קולמוסן. שהיו כותבין אגרות לרעה:

---

מיר טאהן. מיר זאלען זאגען ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. משה רבינו האט דאך אין די תורה ניט גזאגט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. זאלען מיר ניט זאגען. יעקב האט דאך יא גזאגט. האבען די רבנן גמאכט מען זאל זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אין דער שטיל. רבי יצחק זאגט דבי רבי אמי האבין גיזאגט א משל צו דער זאך. א טאכטער פון א מלך האט איר א מאהל פארשמעקט א פראסטע עסין וואס די קנעכט אונ דינסטען עסין. זאל זי זאגען מען זאל איר געבין א ביסעל פון דאס עסין. איז פאר איר ניט שיין. זאל זיא ניט זאגען מען זאל איר געבין. האט זיא דאך צער. ווייל זי גלוסט צו דעם עסין. האבין די קנעכט אנגיהויבען צו בריינגען פאר איר דאס עסין אין דער שטיל. רבי אבהו זאגט מען האט גימאכט צוריק א תקנה מען זאל זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אלע זאלען הערין. דורך דיא אפיקורסים. ווייל די אפיקורסים האבען גזאגט מיר זאגען נאר ניט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. נאר מיר זאגען אנדערע זאכען. אזעלכע וואס מיר האבען מורא צו זאגען הויך. דריבער זאגען מיר אין דער שטיל. אבער אין דיא שטאט נהרדעא וואס דארט איז ניטא קיין אפיקורסים זאגט מען ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אין דער שטיל:

יד תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט אין אנהייב פלעגט מען לייגען די פעל פון די קרבנות אין די עזרה אין די שטוב וואס הייסט בית הפרוה. פלעגין קומען די רייכע כהנים אונ פלעגין אוועק נעמען מיט שטארקייט אלע פעל וואס דארט איז גילעגין. אונ דיא ארעמע כהנים האבען ניט גיקענט נעמען פון די פעל. האבען די אלע כהנים גיהייליגט דיא פעל צום בית המקדש פאריכטען. ומען זאל די פעל פאר קויפען אונ אז מען וועט דארפין פאריכטען דעם בית המקדש זאל מען פאריכטען פון דעם געלט. מיר האבען גילערונט אבא שאול זאגט בעלקעס פון פייגען בויטער זענען גיוועזען אין יריחו. פלעגין קומען די שטארקע מענטשין אונ פלעגין נעמען די בעלקעס מיט שטארקייט. זענען גיקומען די בעלי בתים אונ האבען גזאגט די בעלקעס זאלין זיין הייליג צו גאט. אויף די מענטשין אונ אויף נאך אזעלכע וויא זיי זענען גיוועזען האט אבא שאול בן בטנית גזאגט פון אבא יוסף בן חנין וועגין עס איז מיר וויי פון די משפחה בייתוס. עס איז א טייערע משפחה. עס איז מיר אבער וויי פון זייערע שטעקינס. וואס זיי שלאגין דעם פאלק. עס איז מיר וויי פון די משפחה חנין. עס איז א טייערע משפחה. עס איז מיר אבער וויי פון זייערע שלעכטע עצות. וואס זיי טראכטען נאר שלעכטס צו טאהן. עס איז מיר וויי פון די משפחה קתרום. עס איז א טייערע משפחה. עס איז מיר אבער וויי

פון

אוי לי מבית ישמעאל בן פאבי אוי לי מאגרופן שהם כהנים גדולים ובניהם גזברים וחתניהם אמרכלין ועבדיהן חובטין את העם במקלות:

**טז תנו** רבנן ארבעה צוחות צוחה עזרה . ראשונה צאו מכאן בני עלי שטמאו היכל ה' ועוד צוחה עזרה צא מכאן יששכר איש כפר ברקאי שמכבד עצמו וכחלל קדשי שמים . מאי הוה עביד הוה כריך ידיה בשיראי ועביד עבודת שמים . ועוד צוחה עזרה שאו שערים ראשיכם ויכנס ישמעאל בן פאבי תלמידו של פנחס וישמש בכהונה גדולה ועוד צוחה עזרה שאו שערים ראשיכם ויכנס יוחנן בן נרבאי תלמידו של פנקאי וימלא כרסו מקדשי שמים . אמרו עליו על יוחנן בן נרבאי שהיה אוכל בסעודתו שלש מאות עגלים והיה שותה שלש מאות גרבי יין ואוכל ארבעים סאה גוזלות בקנות סעודה . אמרו כל ימיו של יוחנן בן נרבאי לא נמצא נותר במקדש . מאי סלקא ביה בישכר איש כפר ברקאי אמרי מלכא ומלכתא הוו יתבי כלכא אמר גדיא יאי מלכתא אמרה אימרא יאי אמרי מאן מוכח . כהן גדול דקא מסיק קרבנות כל יומא ויוכא . אתא יששכר איש כפר

פירוש: אמרכלין . אמר כלא על פיו נתחך כ' גורך הקדש: שטמאו . כדכתיב אשר ישכבון את הנשים: כריך את ידיה בשיראי . ומתוך פוסלת בקדשים כדכתיב ולקח הכהן מיקח בעצמו ועוד דבזיון הוא: ישמעאל בן פאבי . כשר היה אבל אבני ביתו היו אבני זרוע: ש' עגלים . שהיה מגדל בביתו ככהים רבים: מאי סלקא ביה . מה גמול נשתלם: מלכא ומלכתא . מלכי בית חשמונאי: גדיא יאי . גדי

---

פון זייער פעדער . וואס זיי שרייבען שלעכטע בריף צו די מלוכה . עס איז מיר וויי פון די משפחה ישמעאל בן פאבי . עס איז מיר אבער וויי פון זייער פויסט . זיי זענען כהנים גדולים ; זייערע זיהן זענען גבאים פון בית המקדש . זייערע איידימס זענען אמרכלין (אמרכלין איז צווייטער אמר כלן . זיי זאגען אלץ . אלע זאכען ווערט גאר דורך זייא גיטאהן) ; אונ זייערע קנעכט שלאגין דם פאלק מיט שטעקינס . זיי זאלין טאהן וואס זיי פערלאנגען :

**טז** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט פיר געשרייען האט געשריגען די עזרה . דם ערשטע גישריי איז גיוועזן . די קינדער פון עלי הכהן וואס האבען מטמא גיוועזן דעם בית המקדש . זאלין ארויס גיין פון די עזרה . דם אנדערע גישרייא איז גיוועזן : יששכר הכהן פון דארף ברקאי זאל ארויס גיין פון די עזרה . ווייל דורך זיין כבוד איז ער מבזה די קרבנות . וואס פלעגט ער טאהן . ער פלעגט ארום וויקלען זיינע הענט מיט זיידענס אונ פלעגט מקריב זיין די קרבנות . ווייל ער האט ניט גיוואלט איינריכטען די הענט פון דעם קרבן . דאס דריטע גישריי איז גיוועזן . די טויערין פון די עזרה זאלין אויף הייבען זייערע קעפ (ווי זאלין גיעפינט ווערין) אונ דער כהן גדול ישמעאל פון פאבי וואס ער איז דער תלמיד פון פינחס זאל אריין גיין מקריב זיין קרבנות (ווארום ישמעאל בן פאבי איז גיוועזן אצדיק . נאר די משפחה זיינע זענען גיוועזן שטארקע מענטשין . ווי פריער שטייט) . דאס פערטע גישריי איז גיוועזן . די טויערין פון די עזרה זאלין אויף הייבין זייערע קעפ (זייא זאלין גיעפינט ווערין) . אונ דער כהן יוחנן בן נרבאי דער תלמיד פון פנקאי זאל אריין גיין אונ זאל דער פילען זיין בויך ווער זאל עסין צו ועט פון די הייליגע קרבנות . מען האט גזאגט אויף יוחנן בן נרבאי ער פלעגט עסין ביי זיין סעודה דריי הונדערט קעלבער . אונ פלעגט טרינקען דרייא הונדערט קריג וויין . אונ נאך דער סעודה פלעגט ער עסין פערציג סאה טויבין (מען מיינט ניט ער אליין פלעגט אזו פיל עסין . נאר ביי זיין טיש פלעגין עסין אזוי פיל כהנים . אז צוא איין סעודה פלעגט מען דארפין אזוי פיל) . מען האט גזאגט אז די גאנצע צייט וואס יוחנן בן נרבאי האט גילעבט איז ניט געבליבען קיין פלייש פון קרבנות אין בית המקדש . מען פלעגט אלץ אויף עסין . זאגט די גמרא וואס איז גיוועזן דער סוף פון יששכר איש ברקאי . אזוי איז גיוועזן . דער מלך אונ די מלכה זענען אמאהל גיזעסען בעזאמען . דער מלך האט גזאגט אציג איז בעסער צום עסין ווי אשעפס . די מלכה האט גזאגט אשעפס איז בעסער צום עסין ווי אציג . האבען זייא גזאגט ווער קען אונז זאגין וועלכע איז בעסער . נאר דער כהן גדול . ער איז אלע טאג

מקריב

כפר ברקאי (ע"ב) אחוי בידיה (כלפי מלכא ולאו אורח ארעא לאחויי בידיה קמי מלכא אמר ליה) אי גדיא יאי ניסקיה לתמידא אמר מלכא הואיל ולא הוה ליה אימתא דמלכותא ניפסקוה לימיניה יהב שוחדא ופסקוה לשמאליה שמע מלכא ופסקוה לימיניה אמר רב יוסף בריך רחמנא דשקליה לישׂשכר איש כפר ברקאי למטרפסיה מיניה בהאי עלמא אמר רב אשי ישׂשכר איש כפר ברקאי לא תנא מתניתין דתנן רבי שמעון אומר כבשים קודמין לעזים בכל מקום יכול מפני שמובחרים במינם תלמוד לומר ואם כבש מלמד ששניהם שקולים כאחד רבינא אמר אף מקרא נמי לא קרא דכתיב (ויקרא ג) אם כבש וכתיב ואם עז קרבנו אי בעי כבש לייתי ואי בעי עז לייתי :

טוב לאכול מן הכבש : אחוי בידיה . בלשון שחוק אימתא דמלכותא . לא דיו שלא אמר כמותי אלא שאמר בלשון שחוק : דשקליה . שספיאו עונו וגמולו . למטרפסיה . גמולו : לא תנא . לא שנה משנה וברייתא : כבשים קודמין לעזים בכל מקום כתיב כבש תחלה : אם כבש . יביא קרבנו לחטאת. כאן הקדים שעירה לכבשה דכתיב בפרשה עליונה והביא את קרבנו שעירת עזים נקבה והדר אם כבש יביא קרבנו לחטאת : אם כבש אם עז . גבי שלמים מדלא הלאה הכתוב רמז מובהר בזה מזה שמע מינה שניהם שוים :
ניתני לי מר ספר יוחסין . מתניתין דדברי הימים:

## תמיד נשחט פרק חמישי

(דף סב ע"ב) **א רבי** שמלאי אתא לקמיה דרבי יוחנן אמר ליה ליתני לי מר ספר יוחסין אמר ליה מהיכא את אמר ליה מלוד והיכא מות בך

---

מקריב קרבנות . אונ עקט ייזעפסין אונ ציגען . וויים ער וועלכע פלייש איז בעסער . איז גיקומען ישׂשכר איש כפר ברקאי אונ האט געוויזען מיט זיין האנט געגין דעם מלך . נאונ עס איז ניט קיין דרך ארץ צוא ווייזען מיט דיא האנט געגין א מלך) אונ ער האט גזאגט אויב אציג וואלט גיוועזן בעסער וואלט מען הקריב גיוועזן דעם קרבן תמיד פון ציגען . האט דער מלך גזאגט וויל ישׂשכר האט ניט מורא גיהאט פאר מיין מלוכה . אונ ער האט ניט גזאגט וויא איך . אונ ער האט געוויזען מיט זיין האנט געגין מיר . זאל מען איהם אפ האקין זיין רעכטע האנט . האט ישׂשכר גיגעבין געלט אין דער שטיל . דער מלך זאל ניט וויסען . האט מען אים אפ גיהאקט דיא לינקע האנט : דער נאך האט דער מלך גיהערט אז מען האט איהם אפ גיהאקט דיא לינקע האנט . האט ער גיהייסין מען זאל איהם אפ האקין דיא רעכטע האנט אויך . האט רב יוסף גזאגט גילויבט איז גאט אז ישׂשכר איש כפר ברקאי האט אפ גינומען זיין שטראף אויף דיא וועלט . רב אשי הט גזאגט ישׂשכר איש כפר ברקאי האט ניט גילערונט די משנה . ווארום מיר האבען גילערונט רבי שמעון זאגט אין דיא תורה שטייט אלע מאהל שעפסין פריער ווי ציגען . וואלט איך וועלען מיינען ווייל שעפסין זענען בעסער וויא ציגען . שטייט אין פסוק ער זאל ברייננגען אקרבן אציג . דער נאך שטייט אויב ער וועט ברייננגען אשעפס . שטייט דא אציג פריער וויא אשעפס . צו ווייזען אז זיי זענען ביידע גלייך . אונ ישׂשכר איש כפר ברקאי הט גזאגט אז שעפסין זענען בעסער ווי ציגען . רבינא זאגט ישׂשכר הט תורה אויך ניט גילערונט . ווארום עס שטייט אין פסוק אויב ער וועט ברייננגען אשעפס פר אקרבן . דער נאך שטייט אויב ער וועט ברייננגען אציג פאר אקרבן . אויב ער וויל ברייננגט ער אשעפס . אונ אויב ער וויל ברייננגט ער אציג . ווארום זיי זענען ביידע גלייך :

## פרק חמישי

**א** רבי שמלאי . איז גיקומען פאר רבי יוחנן . אונ הט גזאגט צוא איהם זאל דער רבי מיט מיר לערנען דעם ספר יוחסין . די משניות ודי דרשות) פון דברי הימים . הט רבי יוחנן גזאגט צו רבי שמלאי פון וועלכער שטאט ביסטו . הט רבי שמלאי גזאגט איך בין פון לוד . אונ וואו וואוהנסטו . אין נהרדעא . הט רבי יוחנן גזאגט מען טאר ניט לערנען דעם

ספר .

סותבך בנהרדעא אמר ליה אין שונין לא ללודי ולא לנהרדעי. וכל שכן דאת מלוד ומותבך בנהרדעא אכפייה וארצי (אמר ליה מתנינן לך) אמר ליה ליתני לי מר בתלת ירחי אמר ליה ומה ברוריה דביתהו דרבי מאיר ברתיה דרבי חנינא בן תרדיון דהוות גמרה תלת מאה שמעתתא ביומא (דסיתוא) מתלת מאה רבוותא ואפילו הכי בשלשה שנים לא יצתה ידי חובתה ואת אמרת ליתני לי מר בתלתא ירחי שקל קלא פתק ביה בהדי דקרהיט ואזיל אמר ליה רבי מה בין לשמו ושלא לשמו כו'. אמר ליה הואיל וצורבא מרבנן את תא ואימא לך וכו' אמר רמי בר (אבין) [רב יודא] אמר רב מיום שנגנז ספר יוחסין תשש כחן של חכמים וכהה מאור עיניהם אמר מר זוטרא בין אצל לאצל טעיני ארבע מאה גמלי דדרשה:

אין שונין ספר יוחסין כו'. לדחויה לומין א"נ לפי שאינם מיוחסין: לא יצאתה ידי חובתה. לא יכלה לשנותו בשלש שנים: שקל קלא. מוק"א: פתק ביה. כשנ"ך אחריו: מה בין לשמו ושלא לשמו. שהוא פסול ולממויו ושלא לממויו כשר: ענם. בשחכה: תשש כחן. שגמו בכן טעמי סורה שהיו כו: בין אצל לאצל. שני מקראות הם בדברי הימים ופרשה גדולה ביניהם ולאצל ששה בנים וקא חשיב והזיל וסיפא דפרשתא כל אלה בני אצל:

פסחה נשחט כו'. פסחי לבור בין שהצבור מרובין בין שהצבור מועטין ויכולין לשחוט בבת

(דף סד) ב (משנה) הפסח נשחט בשלשה כתות שנא' (שמות יב) ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל בין הערבים קהל ועדה וישראל נכנסה כת אחת נתמלאה העזרה ננעלו דלתות העזרה תקעו והריעו ותקעו והכהנים עומדים שורות שורות

---

ספר יוחסין ניט צו די מענטשן פון לוד אונ ניט צו די מענטשן פון נהרדעי. אונ אז דוא ביסט פון לוד אונ וואוהנסט אין נהרדעא מיט דיר טאר מען געווים ניט לערנען דעם ספר יוחסין. הט רבי שמלאי גיבייט רבי יוחנן ער זאל מיט איהם לערנען. האט רבי יוחנן גזאגט איך וועל מיט דיר לערנען. האט רבי שמלאי גזאגט צו רבי יוחנן איך וויל דו זאלסט מיך אויס לערנען אין דריי חדשים. האט רבי יוחנן גזאגט צו איהם. כאטש ברוריה דיא ווייב פון רבי מאיר די טאכטער פון רבי חנינא בן תרדיון וואס זיא פלעגט לערנען דריי הונדערט דינים פון דריי הונדערט רבנים אין אווינטערדיגען טאג. פון דעסטוועגן הט זי ניט גיקענט אויס לערנען דעם ספר יוחסין אין דריי יאהר. אונ דוא זאגסט איך זאל דיך אויס לערנען אין דריי חדשים. האט רבי שמלאי גינומען אשטיקל בלאטע אונ האט גיווארפען אויף רבי יוחנן. וויא רבי יוחנן איז גילאפען. האט ער גזאגט צו איהם רבי וואס איז דער חילוק צווישען לשמו אונ שלא לשמו ועיין בגמרא. האט ער גזאגט צו איהם ווייל איך זעה אז דוא ביסט אלמדן קום וועל איך דיר זאגען אדין. רמי בר רב יודא האט גזאגט פון רבם וועגין. פון דער צייט ווען איז פאר געסען גיווארען דער ספר יוחסין. איז שוואך גיווארען דער כח פון דיא חכמים. אונ עס איז טונקער גיווארען דיא ליכטיגקייט פון זייערע אויגען. ווייל עס איז פאר געסען גיווארען פיל טעמים פון דיא תורה וואס איז גיוועזען געשריבען אין דעם ספר יוחסין. מר זוטרא הט גזאגט אין דברי הימים שטייען צוויי פסוקים. איין פסוק שטייט ולאצל ששה בנים. דער נאך שטייט נאך אפסוק כל אלה בני אצל. אונ פון ערשטען פסוק ביז דעם אנדערין פסוק איז דא אגרויסע פרשה. אונ אויף די פרשה איז גזאגט גיווארען אזוי פיל דרשות. אז מען האט גיקענט בלאדין פיר הונדערט קעמלען מיט דיא געשריבענע דרשות:

ב משנה: הפסח. דער קרבן פסח איז גישאכטען גיווארען אין דרייא טייל. דיא יודען זענען צו טיילט גיווארען אין דריי טייל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל בין הערבים. דעם קרבן פסח זאל שעכטען. קהל. אונ עדה. אונ ישראל. דס איז דריי טייל. דיא ערשטע טייל יודען זענען אריין גיגאנגען אין דיא עזרה. איז דיא עזרה פול גיווארען. אונ דיא טירען פון דיא עזרה איז פאר שלאסען גיווארען. אונ מען הט גיבלאזען אתקיעה אונ אתרועה אונ אתקיעה. אונ דיא כהנים זענען גישטאנען אויס גישטעלט שורות פון סוגם ביז צו דעם ארט וואס מען הט גישאכטען דיא פסחים. אונ די כהנים האבען גיהאלטען

אין

שורות ובידם בזיכי כסף ובזיכי זהב שורה שכולה כסף כסף ושכולה זהב זהב לא היו מעורבים ולא היו לבזיכין שולים שמא יניחום ויקרש הדם שחט ישראל וקבל הכהן נותנו לחברו וחברו לחברו ומקבל את המלא ומחזיר את הריקן כהן הקרוב אצל המזבח זורקו זריקה אחת כנגד היסוד יצאה כת ראשונה נכנסה כת שניה יצאה כת שניה נכנסה כת שלישית כמעשה ראשונה כך מעשה שניה ושלישית. קראו את ההלל אם גמרו שנו ואם שנו שלשו אע"פ שלא שלשו מימיהם א"ר יהודה מימיהם של כת שלישית לא הגיעו לאהבתי כי ישמע ה' מפני שעמה מועטין :

אתמר

אחת מל"ה ליחלק בשלשה כתות זו אחר זו : בזיכי כסף ובזיכי זהב . כפות גדולות לקבל בהם הדם : שכולה כסף . בגמרא מפרש טעמא : ולא היו לבזיכין שולים . רחבים מלמטה אלא חדין כדי שלא יוכלו לישב שמא יניחום הכהנים על גבי קרקע עד שיקבל דם אחר ומתוך שהן מרובין וישכחום ויקרש הדם ולא יהיה ראוי לזרק : שחט ישראל . אם ירצה דשחיטה כשרה בזר : וקבל הכהן . את הדם בבזך מלואו הטלה : נותנו לחברו . שכהני בשורה הן עומדין (על) [עד] המזבח : ומקבל את המלא . מיד שנותנו לו ומחזיר הריקן שהזר אליו מיד הכהן הזורק : קראו את ההלל . אכל הכתות קאי : אם גמרו שנו . כשהיו מתחילין לשחוט מתחילין לקרות ואם רבו הפסחים ומשך זמן שחיטתן עד שגמרו ועדיין יש רבים לשחוט חוזרין וקורין שנית : ואם שנו . ועדיין לא נגמרה שחיטת הפסח של אותה הכת שלשו וכן השניה והשלישית : ואע"פ שלא . אירע מעולם שלשו לפי שהיו כהנים מרובים ומסייעין במלאכתן : לא הגיעו לאהבתי . אפילו פעם ראשונה :

ננעלין

אי' דיא הענט זילבערנע לעפיל אונ גאלדענע לעפיל . דיא שורה כהנים וואס האבען גיהאלטען זילבערנע לעפיל . האבען צלע גיהאלטען זילבערנע לעפיל : אונ דיא שורה כהנים וואס האבען גיהאלטען גאלדענע לעפיל . האבען אלע גיהאלטען גאלדענע לעפיל . עס איז ניט גיוועזען אויס געמישט גאלדענע לעפיל מיט זילבערנע לעפיל . ואין די לעפיל האבען דיא כהנים גינומען דיא בלוט פון קרבן פסח צו שפריצען אויף דעם מזבח) דיא לעפער האבען ניט גיהאט קיין גלייכען דעק . נאר אונטען איז גיוועזען שפיציג . טאמער וועלען זייא אוועק שטעלען דיא לעפעל בלוט , אונ דיא בלוט וועט פאר גליווערט ווערען , וועט מען ניט קענען שפריצען דיא בלוט אויף דעם מזבח . איוד הט גישאכטען דעם קרבן פסח (אכהן אדער אלוי אדער אישראל) . אונ דער כהן וואס איז גישטאנען נעבען שוחט האט גיהאלטען דיא לעפעל אונטער דעם האלדז פון דיא בהמה . אונ דיא בלוט איז אריין גיגאסען ויווארען אין דיא לעפעל . אונ ער האט גיגעבען דיא לעפעל בלוט צו דעם כהן וואס איז גישטאנען נעבין איהם . אונ אזוי הט גיגעבען איין כהן צום אנדערין ביז צו דעם כהן וואס איז גישטאנען נעבין מזבח . איין כהן הט גינומען ביי דעם אנדערין כהן דיא פולע לעפיל בלוט אונ ער האט איהם גיגעבען די ליידיגע לעפיל , אונ דער כהן וואס איז גישטאנען נעבין מזבח . האט אפגיגאסען פון דיא בלוט אויף דעם מזבח נאר איין שפריץ . גענין דעם פונדאמענט פון מזבח . דער נאך איז ארויס גיגאנגען דיא ערשטע טייל יודען . אונ דיא אנדערע טייל זענען אריין גיגאנגען . דער נאך איז ארויס גיגאנגען דיא אנדערע טייל . איז אריין גיגאנגען דיא דריטע טייל . אזוי וויא די ערשטע טייל האבען גיטאהן אזוי האט גיטאהן דיא אנדערע טייל אונ די דריטע טייל . אלע דריי טייל ווען זיי זענען גיוועזען אין דיא עזרה אונ מען האט גישאכטען דיא פסחים . האבען זייא גיזאגט הלל . אויב זייא האבען אפ גיזאגט הלל אונ עס איז נאך גיוועזען קרבן פסחים צו שעכטען . האט מען גיזאגט נאך אמאהל הלל . אונ אויב מען האט שוין אפ גיזאגט דעם אנדערין מאהל הלל אויך . אונ אויב עס איז נאך גיוועזען קרבנות פון פסחים צו שעכטין . האט מען גיזאגט אדריטען מאהל הלל . נאר עס האט קיין מאהל ניט גיטראפען אז יעדער טייל זאל אזוי לאנג אויף גיהאלטען ווערין זיא זאל דארפען זאגען דריי מאהל הלל . ווייל דיא כהנים זענען גיוועזען זייער פיל אונ זייא האבען גיטאהן זייער ארבעט גאנץ גישווינט . רבי יהודה זאגט דיא דריטע טייל יודין האבין נאך ניט אן גיהויבען צו זאגען אהבתי כי ישמע ה' פון ערשטין מאהל הלל זענען שוין גיוועזען גישאכטען זייערע אלע פסחים . ווייל דיא מענטשין זענען גיוועזען ווייניג :

(ע"ב) **ג אתמר** אביי אמר נגעלין תנן ורבא אמר נועלין תנן במאי קמיפלגי במסמך אניסא מר סבר כמה דעיילי ניעול וסמכינן אניסא ומר סבר לא סמכינן אניסא. ת"ר מעולם לא נתמעך אדם בעזרה חוץ מפסח אחד שהיה בימי הלל שבו נתמעך זקן אחד והיו קורין אותו פסח מעוכין. ת"ר פעם אחת בקש אגריפס המלך ליתן את עיניו באוכלוסי ישראל

נעלין סק. ומתליק ומפשיט נסיס: סמכינן אניסא. וכל זמן שאין נגעלין מתליקן מניחין אותן ליכנס ולא חיישיך דילמא עייני כולהו ואין שלש כתות שם: פסח מעוכין. כב"ק על שם שנתמעך: (נטל כוליא. מפרש בגמרא תפיסה בעלמא כלו' תפש כוליא ומראה לבלית והוא גותן פול או אבן התפיס דלא כתיב והקטיר סל"ך להקטיר שתי כליות): פסח מעוכין. עב ע"ש שפעם רב:

הלכה א. שפסח דוחה את השבת: בני בתירה.

אמר ליה לכהן גדול תן עיניך בפסחים נטל כוליתא מכל אחד ואחד ונמצאו ששים רבוא זוגות כליות כפלים כיוצאי מצרים חוץ מטמא ושהיה בדרך רחוקה ואין לך כל פסח ופסח שלא נמנו עליו יותר מעשרה בני אדם והיו קורין אותו פסח מעובין

# אלו דברים פרק ששי

(דף סו) **א תנו** רבנן הלכה זו נתעלמה מבני בתירה שפעם אחד חל י"ד להיות בשבת

---

**ג** אתמר. מיר האבען געלערנט אביי זאגט מיר האבען געלערנט נגעלין. אז דיא יודין זענען אריין געגאנגען פול אין די עזרה צום שעכטין דעם קרבן פסח. האבען די טויערין פון דיא עזרה זיך אליין פאר שלאסען דורך אנס. רבא זאגט מיר האבען געלערנט נועלין. מען הט צו געשלאסען די טויערין פון די עזרה. אין וואס קריגען זיי. זאגט די גמרא זיי קריגען אויב מען זאל זיך פאר לאזין אויף אנס. אביי האלט אזוי דאנג וויא דיא טויערין האבען זיך ניט פאר שלאסען וויא פיל מענטשין עס האבען געוואלט אריין גיין אין די עזרה הט מען אריין גילאזט. אונ מען הט ניט מורא גיהאט טאמער וועלין אריין גיין אלע יודין אין איין מאהל אדער אין צוויי מאהל אונ עס וועט ניט זיין קיין דריי טייל. ווארום מיר האבען זיך פאר לאזין אויף דעם נס. אז די טויערין וועלין זיך אליין פאר שליסען אונ וועלין ניט לאזין אריין קומען מער ווי אדריטעל יודין מיט איין מאהל. אונ רבא האלט מען האט זיך ניט פאר לאזין אויף דעם נס. נאר אז מען הט גיזעהן אין די עזרה אגרויסע פאר זאמלונג. האט מען צו געשלאסען דיא טויערין. אונ אמאהל האבען זיך די טויערין אליין צו געשלאסען:

תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט עס איז קיין מאהל ניט דער דריקט געווארין קיין מענטש אין די עזרה. נאר איין ערב פסח וואס איז געווען אין דיא צייט וואס הלל הנשיא האט געלעבט. הט מען דער דריקט אאלטען מאן אין די עזרה. אונ מען הט גירופען דעם פסח.

פסח מעוכין. דער צו דריקטער פסח. ווייל מען הט צו דריקט דעם אלטען מאן:

תנו רבנן: די רבנן האבען געלערנט דער מלך אגריפס הט אמאהל געוואלט וויסען ווי פיל דיא יודין זענען. האט ער געזאגט צום כהן גדול ער זאל ציילען די קרבן פסחים וויא פיל זיי זענען. הט דער כהן גדול גיהייסען מען זאל איהם געבין אקישקע פון יעדער קרבן פסח (עיין בגמרא). איז געווען זעכציג מאהל צעהן טויזענד פאר קישקעס והונדערט אונ צוואנציג מאהל צעהן טויזענד קישקעס) איז געווען הונדערט אונ צוואנציג מאהל צעהן טויזענד פסחים צוויי מאהל אזוי פיל וויא די יודען וואס זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. אויסער די מענטשין וואס זענען געווען טמא. אונ אויסער דיא מענטשין וואס זענען געווען אין אווייטע וועג. וואס האבען ניט גימאכט קיין קרבן פסח. אונ אויף יעדער קרבן פסח זענען געווען גיציילט מער ווי צעהן מענטשין. אונ דעם פסח הט מען גירופען פסח מעובין. אנגעדיכטער קרבן פסח. ווייל עס זענען געווען געדיכט אונ פיל מענטשין אין ירושלים:

# פרק ששי

**א** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט דער דין איז פאר געסען געווארין פון די קינדער

פון

וישכחו ולא ידעו אם פסח דוחה את השבת אם לאו אמרו כלום יש אדם יודע אם פסח דוחה את השבת אם לאו אמרו להם יש אחד עלה מבבל והלל הבבלי שמו ששימש שני גדולי הדור שמעיה ואבטליון ויודע אם פסח דוחה את השבת אם לאו שלחו וקראו לו ואמרו לו כלום אתה יודע אם פסח דוחה את השבת ואם לאו אמר להם וכי פסח אחד יש לנו בשנה שדוחה את השבת והלא הרבה יותר כמאתים פסחים יש לנו בשנה שדוחים את השבת. אמרו לו מנין לך אמר להם נאמר במועדו בפסח ונאמר במועדו בתמיד מה מועדו האמור בתמיד דוחה את השבת אף מועדו האמור בפסח דוחה את השבת ועוד קל וחומר ומה תמיד שאין ענוש כרת דוחה את השבת פסח שענוש כרת לא כל שכן מיד הושיבוהו בראש ומנוהו נשיא עליהם (גם בב"מ פרק הפועלים) והיה יושב ודורש בהלכות פסח כל היום כולו התחיל מקנטרן בדברים אמר להם מי גרם לכם שאעלה מבבל ואהיה נשיא עליכם עצלות שהיתה בכם שלא שמשתם שני גדולי הדור שמעיה ואבטליון אמרו לו רבי שכח ולא הביא סכין מערב שבת

נשיאים היו: אמר להו. הלל: וכי פסח אחד יש לנו שדוחה את השבת (והלא) יותר ממאתים פסחים. כלומר יותר ממאתים קרבנות יש שדוחין השבת בשנה ל' שבתות בשנה בכל שבת ושבת ד' כבשים ב' לתמידין וב' למוספים הרי מאתים ל"ד חוץ שבתוך הפסח ובתוך החג שמקריבים בהם מוספי היום ז' עולות בפסח וי"ד בחג: מה מועדו האמור בתמיד. ולקמן פריך התמיד גופיה מנא ליה: מקנטרן. לשון קטטה ועלבון: מהו. שכחת

---

פון בתירה. אמאהל איז געפאלען ערב פסח אום שבת. און מען האט פארגעסן דעם דין אויב דער קרבן פסח שטויסט אוועק שבת. אדער ניין. האט מען געפרעגט. אויב עס איז דא אמענטש וואס ווייס דעם דין אויב דער קרבן פסח שטויסט אוועק שבת אדער ניין. האט מען געזאגט עס איז דא אמענטש וואס איז געקומען פון בבל. זיין נאמען איז הלל הבבלי. וואס ער האט געלערנט ביי צוויי גרויסע לייט. ביי שמעיה און אבטליון. און ער ווייס אויב דער קרבן פסח שטויסט אוועק שבת אדער ניין. האט מען געשיקט רופען הלל'ן און מען האט איהם געפרעגט אויב ער ווייס צו זאגען דעם דין אויב דער קרבן פסח שטויסט אוועק שבת אדער ניין. האט הלל געזאגט צו זיי איז דען נאר דא איין קרבן פסח אין יאהר וואס ער שטויסט אוועק שבת. פיל מער וויא צוויי הונדערט קרבן פסחים זענען דא אין יאהר וואס שטויסען אוועק שבת (מען מיינט ניט פסחים. נאר מען מיינט קרבנות פון אלע שבת תמידים און מוספים). האבען זיי געזאגט צו איהם פון וואנען ווייסטו אז דער קרבן פסח שטויסט אוועק שבת. האט הלל געזאגט צו זייא ביי דעם קרבן פסח שטייט מען זאל איהם מקריב זיין במועדו אין זיין צייט. און ביי דעם קרבן תמיד שטייט אויך מען זאל איהם מקריב זיין במועדו. אין זיין צייט. אזוי וויא דער קרבן תמיד שטויסט אוועק שבת. אזוי דער קרבן פסח שטויסט אויך אוועק שבת. און מדאך דער תמיד אז מען איז איהם ניט מקריב קומט ניט קיין כרת. פון דעסטוועגען שטויסט ער אוועק שבת. מען איז איהם מקריב אפילו אום שבת. דער קרבן פסח אז מען איז איהם ניט מקריב קומט כרת. איז דען ניט געוויס אז ער שטויסט אוועק שבת. מען איז איהם מקריב אפילו אום שבת. האט מען באלד געזעצט הלל'ן הויבען אן. און מען האט איהם געמאכט פאר אנשיא. אגאנצען טאג האט הלל געדרשת דיא דינים פון פסח. דער נאך האט הלל אן געהויבען דער צערענען מיט רייד צו די קינדער פון בתירה. און ער האט געזאגט צו זייא ווער האט אייך געבראכט דער צו אז איך זאל קומען פון בבל און איך זאל זיין אנשיא אויף אייך. נאר אייערע פוילקייט. ווייל איר האט ניט בדינט די צוויי גרויסע לייט שמעיה און אבטליון: האבען דיא קינדער פון בתירה געזאגט צו הלל רבי וויא איז דער דין אז מען האט פארגעסן און מען האט ניט געבראכט ערב שבת אמעסער צו שעכטען דעם קרבן פסח. וויא זאל מען טאהן אום שבת. (ביי זייא איז ניט געווען קיין עירוב האט מען שבת ניט געטארט טראגען). האט הלל געזאגט צו זיי. דעם דין האב איך געהערט און איך האב פארגעסן. נאר לאזט דיא יודען זייא וועלין שוין טאהן וויא

גוט

שבת מהו אמר להם הלכה זו שמעתי ושכחתי אלא הניחו לדם לישראל אם אינם נביאים בני נביאים הם למחר מי שפסחו טלה תחב לו בצמרו מי שפסחו גדי תחב לו בין קרניו ראה מעשה ונזכר הלכה ואמר כך מקובלני מן שמעיה ואבטליון:

(ע"ג) **ב אמר** רב יהודה אמר רב כל המתייהר אם חכם הוא חכמתו מסתלקת ממנו ואם

פסכין אינו דוחה דהא אפשר למעבד מאתמול ומאי יעשה: בני נביאים הם. כדאמר מה יעשו: למחר. כלומר עשר בשבת: מי שפסחו טלה תחב לו בצמרו. את הסכין ואין זה משוי עליו משום דכיון דמשוי משום דהוי בהאי מלאכה: ומי שפסחו גדי. שאין לו צמר:

עד שקמתי דבורה. יוהרא שהיתה מכפלת המנהיגים שלפניה ומהללת לעצמה: עורי עורי דבורה.

נביא הוא נבואתו מסתלקת ממנו אם חכם הוא וכו' מהלל דאמר מר התחיל מקנטרן בדברים וקאמר להו הלכה זו שמעתי ושכחתי ואם נביא הוא נבואתו מסתלקת ממנו מדבורה דכתיב (שופטים ה) חדלו פרזון בישראל חדלו עד שקמתי דבורה שקמתי אם בישראל וכתיב (שם) עורי עורי דבורה עורי עורי דברי שיר. אמר רבי שמעון בן לוי כל אדם שכועס אם חכם הוא חכמתו מסתלקת ממנו ואם נביא הוא נבואתו מסתלקת ממנו אם חכם הוא חכמתו מסתלקת ממנו ממשה דכתיב (במדבר לא) ויקצוף משה על פקודי החיל וכתיב (שם) ויאמר אלעזר הכהן גו' מכלל דמשה איעלם מיניה. אם נביא הוא נבואתו מסתלקת ממנו מאלישע

דכתיב

---

גוט איז. אויב זייא זענען ניט נביאים · זענען זייא קינדער פון נביאים. אויף מארגין ערב פסח וואס איז געוועזן שבת דער יוד וואס זיין קרבן פסח איז געוועזן אשעפס. האט ער אריין גישטעקט דעם מעסער צווישען דיא וואל. אונ דער יוד וואס זיין קרבן פסח איז געוועזן אקאזע. האט ער אריין גישטעקט דעם מעסער צווישען די הערנער. וויא הלל האט דס גיזעהן האט ער זיך דער מאנט דעם דין אונ ער האט גזאגט אזוי האב איך גילערנט פון שמעיה ואבטליון:

**ב** אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגען. דער מענטש וואס איז גרויס ביא זיך. אויב ער איז א חכם ווערט די חכמה אפ גיטאהן פון איהם. אונ אויב ער איז א נביא. ווערט די נבואה אפ גטאהן פון אים. אויב ער איז א חכם ווערט די חכמה אפ גיטאהן פון איהם דאס ווייסען מיר פון הלל. ווארום מיר האבען גילערנט הלל האט אנגעהויבען דער צערנען די קינדער פון בתירה מיט רייד. אונ באלד האבין זיי אים גיפרעגט א דין. האט ער גענטפערט דעם דין האב איך גיהערט אונ האב פארגעסען. ווייל ער איז ביא זיך גרויס געווארען דריבער האט ער פארגעסען. אונ אויב ער איז א נביא ווערט די נבואה אפ גיטאהן פון אים דאס ווייסען מיר פון דבורה. ווארום עס שטייט אין פסוק עס האט אויף גיהערט צו זיין האפענע שטעט ביי די יודין · ביז איך דבורה בין אויף געשטאנען. איך בין אויף געשטאנען צו זיין אמוטער ביי די יודען. דער פסוק איז גירעט געווארען מיט גרויסקייט. איז באלד אפ גיטאהן געווארען פון איר די נבואה: ביז זיא האט גיבעטין דערוועק דיך דבורה: דערוועק דיך אונ זאג ווייטער דיין גיזאנג. רבי שמעון בן לקיש זאגט דער מענטש וואס איז אין כעס. אויב ער איז א חכם ווערט די חכמה אפ גיטאהן פון אים. אונ אויב ער איז א נביא. ווערט די נבואה אפ גיטאהן פון אים. אויב ער איז א חכם ווערט די חכמה אפ גיטאהן פון אים דאס ווייסין מיר פון משה רבינו. ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט גיצערינט אויף די עלצטע פון חיל, דער נאך שטייט אין פסוק אלעזר הכהן האט גזאגט צו די יודען דעם דין זיי זאלען כשרין די כלים וואס זיי האבען גיבראכט פון מדין. פאר וואס האט משה נישט גזאגט דעם דין. נאר ווייל ער איז גיוועזן מיט כעס דריבער האט ער פארגעסען דעם דין · אונ אויב ער איז א נביא ווערט די נבואה אפ גיטאהן פון איהם דאס ווייסען מיר פון אלישע הנביא. ווארום עס שטייט אין פסוק אלישע הנביא האט גזאגט צום מלך ישראל. ווען דא וואלט ניט גיוועזן יהושפט מלך יהודה וואלט איך אויף דיר גאר

ניט

דכתיב (מלכים ב ג) כי לולא פני יהושפט מלך יהודה אני נושא אם אביט אליך ואם אראך וכתיב (שם) ועתה קחו לי מנגן והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ה'. אמר רבי מני בן פטיש כל אדם שכועס אפילו פוסקין לו גדולה מן השמים מורידין אותו מנא לן מאליאב דכתיב (שמואל א יז) ויחר אף אליאב בדוד ויאמר וגו' וכי אזל שמואל למשחינהו בכלהו כתיב בהו (שם טז) בזה לא בחר ה' ובאליאב כתיב (שם) ויאמר ה' אל שמואל אל תבט אל מראהו ואל גבה קומתו כי מאסתיהו מכלל דמעיקרא הוי חזי:

(דף סח) ג ומיחוי קרביו מאי מיחוי קרביו וכו' רב חייא בר רב אמר שרקא דמעיא דנפקא אגב דוחקא דסכינא. מאי דכתיב (ישעיה ה) ורעו כבשים כדברם א"ר מנשיא בר ירמיה אמר רב כמדובר בם מאי כמדובר בם אמר אביי ותרבות מחים גרים יאכלו (ומתרגם רב יוסף נכסי רשיעיא צדיקים יחסנון). אמר ליה רבא בשלמא אי כתיב בחרבות כדקאמרת השתא

דכתיב

שנסתלקה ממנו סילוק נבואתה: קחו לי מנגן. להעביר כעסו שכעס על יהורם: ותהי עליו יד ה'. מכלל דאסתלק: לא בחר. משמע מעולם אבל מאסתיהו משמע השתא מאסתיהו מפני שהוא רגזן מכלל שמתחלה נבחר. ואע"ג דהאי מעשה דמשיחה קודם לרגזנות מיהו לא מצינו בו דופי אלא זה בלבד ומפני שגלוי לפניו שהוא רגזן מאסו:
שירקא דמעיא. לחה הדבוקה במעים יוצאת מכח בדוחק בסכין: ורעו כבשים כדברם. כבשים ישראל כמדובר בם כמו שהובטחו על ידי נביא: מאי כמדובר בם. ומה היא אותה הבטחה ומפרש ליה סיפיה דקרא היינו הבטחה וחרבות מחים גרים יאכלו: צדיקים. שהיו עד הנה כגרים ותושבים: אי כתיב בחרבות מחים. אי נמי חורבות הוה אמינא סיפיה דקרא פי' לרישיה כדקאמרת. אבל השתא דכתיב וחרבות מחים. לאו פירושא דרישיה:

---

ניט וועלען קוקען. אונ עס שטייט ווייטער אין פסוק אלישע האט געזאגט ברייגגט מיר אשפילער וועל איך פרייליך ווערען וועט אוועק גיין פון מיר דער כעס). אונ ווי דער שפילער האט אנגעהויבען צו שפילען. איז געקומען די נבואה אויף אלישע. ווארום די נבואה איז אפ געטאהן געווארען פון אים ווייל ער איז געווען אין כעס אויף דעם מלך ישראל. רבי מני בן פטיש זאגט דער מענטש וואס איז אין כעס אפילו מען האט אים צו געזאגט פון הימעל גרויס צו מאכען. גידערט מען אים אראפ פון זיין גרויסקייט. דאס ווייסען מיר פון אליאב דער ברודער פון דוד המלך. ווארום עס שטייט אין פסוק אליאב איז אין כעס געווארען אויף דוד. אונ ווען שמואל הנביא איז געגאנגען זאלבען פאר א מלך איינעם פון די קינדער פון ישי. ביי אלע קינדער שטייט. ניט דעם האט גאט אויסדערוויילט. אונ ביי אליאב שטייט גאט האט געזאגט צו שמואל זאלסט ניט קוקען אויף דעם וואס ער זעהט שיין אויס. אונ ניט אויף דעם וואס ער איז הויך געוואקסען. ווארום איך האב אים פארמיאוסת. זעהט מען אז גאט האט אים פריער יא אויסדערוויילט. נאר דער נאך האט ער אים פארמיאוסט. אונ מען געפינט ניט אויף אליאב קיין אנדער זאך פאר וואס מען זאל אים פארמיאוסין. נאר ווייל ער איז געווען אכעסן:

ג ומיחוי קרביו. וואס מיינט מען מיחוי קרביו. רב חייא בר רב זאגט מען מעג אויסקוועטשין מיט אמעסער די מיאוסקייט פון די קישקעס פון קרבן פסח אפילו אום שבת וואס איז ערב פסח: אין פסוק שטייט ורעו כבשים כדברם. די שעפסען (די יודין) וועלען זיך פיטערין כדברם. וואס מיינט מען כדברם. רב מנשיא בר ירמיה זאגט פון רבס וועגען כדברם איז טייטש אזוי ווי עס איז גרעט געווארן אויף זיי. אזוי ווי מען האט זיי צו געזאגט. וואס האט מען זיי צו געזאגט. האט אביי געזאגט מען האט זיי צו געזאגט וחרבות מחים גרים יאכלו. אונ רב יוסף טייטשט דעם פסוק דעם פארמעגען פון די רשעים וועלען עסען די צדיקים. האט רבא געזאגט צו אביי אז אין פסוק וואלט געשטאנען בחרבות. וואלט מען געקענט זאגען ווי דו זאגסט. דיא יודען וועלען זיך פיטערען וויא מען האט זיי צו געזאגט. וואס האט מען זיי צו געזאגט. אז די הייזער פון די רשעים וועלען וויסט ווערין אונ זייער פארמעגען וועלין עסין די צדיקים אבער אז עס שטייט וחרבות. איז דאס איין בעזונדער זאך. אונ דאס געהער ניט צום ווארט

כדברם

דכתיב וח־בות כלתא אחריתי היא אלא (אמר רבא) כדרב חננאל אמר רב דאמר רב חננאל אמר רב עתידין צדיקים שיחיו את המתים כתיב הכא ורעו כבשים כדברם וכתיב התם (מיכה ז) ירעו בשן וגלעד כימי עולם. בשן זה אלישע הבא מן הבשן דכתיב (ד"ה א ה) ויעני ושפט בבשן וכתיב (מלכים ב ג) פה אלישע בן שפט אשר יצק מים על ידי אליהו גלעד זה אליהו דכתיב (שם א יז) ויאמר אליהו התשבי מתושבי גלעד . אמר רבי שמואל ב"ר נחמני אמר רבי יונתן עתידין צדיקים שיחיו מתים דכתיב (זכריה ח) כה אמר ה' עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים ואיש משענתו בידו וכתיב (מלכים ב ד) ושמת משענתי על פני הנער. עולא רמי כתיב (ישעיה כה) בלע המות לנצח וכתיב (שם סה) כי הנער בן מאה שנה ימות לא קשיא הא בישראל הא בעובדי כוכבים ומזלות . ועובדי כוכבים ומזלות מאי בעו התם אין דכתיב (שם סא) ועמדו זרים ורעו צאנכם וגו' רב חסדא רמי כתיב (שם כד) וחפרה הלבנה ובושה החמה וכתיב (שם ל) והיה אור הלבנה כאור החמה ואור החמה יהיה שבעתים כאור שבעת הימים

**פירוש**

הוא אלא מלתא אחריתי היא: אלא. כמדובר גם דרישה היינו: כדרב חננאל. כמדובר באלישע ואליהו שהחיו את המתים כך יחיו כל הצדיקים את המתים: ורעו כבשים ירעו. לע"ל: ושפט בבשן. שפט הוא אביו של אלישע כדכתיב אלישע בן שפט: ושמת משענתי. באלישע כתיב על שהחיה בן השונמית: בלע המות. יבולע מה"מ שלא ישלוט בישראל. כתיב ובלע וגו': ובושה החמה. שלא תאיר: יהיה שבעתים כאור שבעת הימים. שבעתים בן מ"ט וכתיב כאור שבעת הימים מ"ט כאור שבעת ימים של עכשיו נמצא עודף על אורה של עכשיו בעוה"ז שמ"ג פעמים: ותפרה ובושה. שלא יהו

---

כדברם. נאר דער פסוק שמועסט אזוי וויא רב חננאל האט גיזאגט פון רבס וועגין. ווארום רב חננאל האט גיזאגט פון רבס וועגען וועלען דיא צדיקים אמאהל קענען לעבעדיג מאכען מתים. ווארום דא שטייט אין פסוק ורעו כבשים כדברם. אונ אין איין אנדער פסוק שטייט ירעו בשן וגלעד כימי עולם. בשן מיינט מען אלישע הנביא וואס ער איז פון בשן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויעני ושפט בבשן. איז שפט גיוועזן פון בשן. אונ אלישע איז גיוועזן אזוהן פון שפט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דא איז אלישע בן שפט וואס ער האט גיגאסען וואסער אויף די הענט פון אליהו איז דאך אלישע אויך גיוועזן פון בשן. גלעד מיינט מען אליהו הנביא. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אליהו התשבי פון די איינוואהנער פון גלעד. איז דר טייטש אין פסוק ירעו בשן וגלעד אזוי וויא אליהו וואס ער איז פון גלעד אונ אלישע וואס ער איז פון בשן האבין געפיטערט. לעבעדיג גימאכט מתים. אזוי וועלען אלע צדיקים לעבעדיג מאכען מתים. אונ כדברם מיינט מען אזוי ווי עס איז גירעט געווארען ביי אליהו אונ אלישע אזוי וועט זיין ביי אלע צדיקים. רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן וועגען די צדיקים וועלען לעבעדיג מאכען מתים. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גיזאגט עס וועלען נאך זיצען אלטע מאנען אונ אלטע ווייבער אין די גאסין פון ירושלים אונ יעדער וועט האלטען זיין שטעקין אין האנט לעבעדיג צו מאכען די מתים אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלישע הנביא האט גיזאגט צו זיין בדינער דו זאלסט לייגין מיין שטעקין אויף דעם פנים פון קינד וועט ער לעבעדיג ווערען. עולא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט בלע המות לנצח. דער טויט וועט שוין אויף אייביג ניט זיין. אונ אין איין פסוק שטייט כי הנער בן מאה שנה ימות אז איינער וועט שטארבען צו הונדערט יאהר וועט מען זאגען ער איז יונג גישטארבין. ענפערט די גמרא יודין וועלין ניט שטארבין. אבער שטערין דינער וועלין שטארבין. פרעגט די גמרא וועלין דען נאך זיין שטערין דינער אז משיח וועט קומען. ענפערט די גמרא עס וועלין בלייבין אביסל עבו"ם צו בדינען די יודין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די פרעמדע וועלין פיטערין אייערע שעפסין. רב חסדא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט די זוהן מיט די לבנה וועלין זיך שעמען. זיי וועלין ניט באלייכטען די וועלט. אונ אין איין פסוק שטייט די ליכטיגקייט פון די לבנה וועט זיין ווי די ליכטיגקייט פון דיא זוהן וועט זיין זיבען מאל זיבען וויא די ליכטיגקייט פון זיבען טעג. צו זאמען וועט זיין די ליכטיגקייט

היימים וגו'. לא קשיא כאן לעולם הבא כאן לימות המשיח ולשמואל דאמר אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד מאי איכא למימר אידי ואידי לעולם הבא ולא קשיא כאן במחנה שכינה כאן במחנה צדיקים. רבא רמי כתיב (דברים לב) אני אמית ואחיה וכתיב מחצתי ואני ארפא השתא אחויי מחיי אסויי לא כל שכן אלא אמר הקב"ה כשם שמחצתי אני ארפא כך כשאני ממית אני מחיה. ת"ר אני אמית ואחיה יכול מיתה באחד וחיים באחד כדרך שהעולם נוהג ת"ל מחצתי ואני ארפא מה מכה ורפואה באחד אף חיים ומיתה באחד מכאן תשובה לאומרים אין תחית המתים מן התורה. דבר אחר בתחלה מה שאני ממית אני מחיה והדר מה שמחצתי ואני ארפא:

בעולם הבא אלא זיו זוהר מראה הפנים: לימות המשיח. יהיה אור הלבנה כאור החמה: ולשמואל דאמר: ימות המשיח אין משתנין משל עכשיו מהו מקיים והיה אור הלבנה כאור החמה: כתיב אני אמית ואחיה וכתיב מחצתי ואני ארפא. כיון דאמר אני אמית ואחיה פשיטא שמחולים יכול לרפאו' אלא הא אתא לאשמועינן דלא תימא אני אמית ואחיה לאו דמתים חיים קאמר אלא אני אמית את (החיים) [המתים] ואני מחיה וזן את החיים ובורא את הנולדים להכי כתיב בתריה מחצתי ואני ארפא כמו שמה שמחצתי אני ארפא דאין רפואה אלא במוכה כך אותו עצמו שאני ממית אני מחיה: מיתה באחד וחיים באחד. אני ממית את המתים ואני מחיה את הנולדים וזן את החיים. ה"ג דבר אחר בתחלה מה שאני ממית אני מחיה והדר מה שמחצתי אני ארפא. שכדרך שהן מתים חגרין סומין אלמים כך הם חיים במומן ואחר כך מתרפאין כדכתיב אז ידלג כאיל פסח:

---

ליכטיגקייט פון די זוהן דריי הונדערט דריי און פערציג מאהל ליכטיגער פון די זוהן וואס איצט לייכט. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. ווען משיח וועט קומען וועט פאר גרעסערט ווערין די ליכטיגקייט פון די לבנה און פון די זוהן אזוי ווי פריער שטייט און צו עולם הבא וועט גאט בלייכטין אליין די וועלט. און די זוהן מיט די לבנה וועלין ניט מעהר לייכטין. פרעגט די גמרא און נאך שמואל וואס ער זאגט אז די וועלט וועט גאר ניט גיענדערט ווערין ווען משיח וועט קומען. אלין וועט זיין אזוי וויא איצט איז. נאר די איינע זאך וועט זיין אנייס וואס די יודין וועלין אויסגילייזט ווערין פון גלות: וואס וועט מען נאך אים ענטפערין. ענטפערט די גמרא מען קען זאגען ביידע פסוקים שטעהען פון עולם הבא. נאר אין די מחנה פון די שכינה וועט זיין ליכטיג פון גאט אליין. אן די זוהן און אן די לבנה. און אין די מחנה פון די צדיקים וועט בעלייכטען די זוהן מיט די לבנה. נאר זייער ליכטיגקייט וועט זיין גרעסער וויא איצט איז אזוי וויא פריער שטייט. רבא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט זאגט איך מאך טויט און מאך לעבעדיג. און אין אנדערין פסוק שטייט איך שלאג און איך הייל. מאדאך גאט קען לעבעדיג מאכין קען ער דאך היילין געווים. איז דאך דער אנדערער פסוק איבעריג. נאר אזוי זאגט גאט אזוי וויא איך האב גישלאגין און הייל. אזוי אז איך מאך טויט מאך איך לעבעדיג:

תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט אין פסוק שטייט גאט זאגט איך. מאך טויט און מאך לעבעדיג. וואלט איך מיינען אזוי מיינט דער פסוק איינעם הרגעט גאט. און דעם אנדערין מאכט ער לעבעדיג און שפייזט אים אזוי ווי די וועלט פירט זיך. דריבער שטייט אין פסוק איך שלאג און הייל אזוי וויא שלאגין און היילען איז דאך ביי איין מענטשין. דעם וואס מען האט גישלאגין דעם היילט מען. מען קען דאך ניט היילען דעם וואס מען האט ניט גישלאגין. אזוי לעבעדיג מאכין און טויט מאכין איז אויך ביי איינעם. דעם זעלבינען וואס גאט האט טויט גימאכט וועט ער אים מאכען לעבעדיג. פון דאנען איז א ענטפער צו די וואס זאגין אז אין די תורה שטייט ניט אז גאט וועט לעבעדיג מאכען די טויטע אין דעם פסוק שטייט דאך יא אז גאט וועט לעבעדיג מאכין די טויטע. אנדערע זאגין אזוי מיינט דר פסוק. גאט זאגט פריער וועל איך לעבעדיג מאכען דעם וואס איך האב גיהרגעט. דער נאך וועל איך געזונד מאכין דעם וואס איך האב גישלאגין. למשל איינער איז גיוועזן בלינד אויף איין אויג. און איז גישטארבין. וועט גאט אזוי טאהן. פריער וועט ער אים לעבעדיג מאכען און ער וועט אויף שטיין פון קבר בלינד אזוי וויא ער איז גיוועזן. אלע זאלען אים דער קענין

דבעינן נמי לכם. שישמח בו במאכל ובמשתה להראות שנוח ומקובל יום זה לישראל שניתנה בו תורה:
פילתא. שלישי לבטן ומובחר הוא: עבדי ליה. היה מצוה לאנשי ביתו להכין לו סעודה:
אי לאו האי יומא. שלמדתי תורה ונתרוממתי הרי

(ע"ב) ד תניא רבי אליעזר אומר אין לו לאדם ביום טוב אלא או אוכל ושותה או יושב ושונה רבי יהושע אומר חלקהו חציו לאכילה ושתיה וחציו לבית המדרש [ואמר רבי יוחנן] ושניהם מקרא אחד דרשו כתוב אחד אומר (דברים טז) עצרת לה' אלהיך וכתוב אחד אומר (במדבר כט) עצרת תהיה לכם רבי אליעזר סבר או כולו לה' או כולו לכם ורבי יהושע סבר חציו לה' וחציו לכם אמר רבי אלעזר הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם מאי טעמא יום שניתנה בו תורה הוא. אמר רבה הכל מודים בשבת דבעינן נמי לכם מאי טעמא (ישעיה נח) וקראת לשבת עונג. אמר רב יוסף הכל מודים בפורים דבעינן נמי לכם מאי טעמא (אסתר ט) ימי משתה ושמחה כתיב ביה. מר בריה דרבינא כוליה שתא הוה יתיב בתעניתא לבר מעצרתא ופוריא ומעלי יומא דכפורי וכו' דתני חייא בר רב מדיפתי (ויקרא כג) ועניתם את נפשותיכם בתשעה וכי בט' לחודש מתענין והלא בעשרה מתענין אלא לומר לך כל האוכל ושותה בתשעה בו מעלה עליו הכתוב כאלו מתענה תשיעי ועשירי:

ה רב יוסף ביומא דעצרתא עבדי ליה עגלא תילתא אמר אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף

---

אז ער איז דער זעלביגער וואס איז געשטארבן. דער גאך ווערט גאט איהם היילן ער זאל זעהענדיג ווערין. ווארום אז ער וואלט אויף געשטאנען פון קבר זעהענדיג. וואלט מען זאגען אז דאס איז גאר נים דער בלינדער וואס איז געשטארבען. דאס איז גאר איין אנדערער:

ד תניא. מיר האבען געלערנט רבי אליעזר זאגט א מענטש דארף טאהן אום יום טוב אדער עסין אונ טרינקען אדער זיצען אונ לערנען. רבי יהושע זאגט מען דארף צוא טיילען דעם טאג. א האלבין טאג איז צום עסין אונ טרינקען. אונ א האלבין טאג איז צום לערנען. אונ ביידע לערנען אפ פון איין פסוק. אין איין פסוק שטייט עצרת לה' אלהיך. עס זאל זיין יום טוב צוא גאט. אונ אין איין פסוק שטייט עצרת תהיה לכם. עס זאל זיין יום טוב צו אייך. רבי אליעזר זאגט אזוי מיינט דער פסוק אדער דעם גאנצין טאג צו גאט. אדער דעם גאנצין טאג צו אייך. רבי יהושע זאגט א האלבין טאג צו גאט אונ א האלבין טאג צוא אייך. רבי אלעזר זאגט אלע זענען מודה ביי דעם יום טוב שבועות אז מען מוז עסין אונ טרינקען אונ זיין פרייליך. ווייל דעם טאג איז געגעבין געווארין די תורה. רבה זאגט אלע זענען מודה אז שבת מוז מען עסין אונ טרינקען אונ זיין פרייליך: ווייל עס שטייט אין פסוק וקראת לשבת עונג. דוא זאלסט רופען שבת איז א טאג פון תענוג. רב יוסף זאגט אלע זענען מודה אז פורים מוז מען עסין אונ טרינקען אונ זיין פרייליך. ווייל עס שטייט אין פסוק ימי משתה ושמחה. די צוויי טעג פורים זאל מען מאכען א סעודה אונ מען זאל זיין פרייליך. מר דער זוהן פון רבינא פלעגט פאסטען אלע טאג א גאנצין יאהר. נאר שבועות אונ פורים אונ ערב יום כפור פלעגט ער נים פאסטען. ווארום חייא בר רב פון דיפתי האט געלערנט עס שטייט אין פסוק ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש. איר זאלט פאסטען דעם ניינטין טאג אין חודש. דאך די קשיא פאסט מען דען דעם ניינטין טאג אין חודש. מען פאסט דאך דעם צעהנטין טאג אין חודש. נאר דער פסוק וויל אונז זאגין דער וואס עסט אונ טרינקט דעם ניינטין טאג אין חודש תשרי. אונ דעם צעהנטין טאג פאסט ער. איז גלייך וויא ער וואלט געפאסט דעם ניינטין טאג אונ דעם צעהנטין טאג אין תשרי:

ה רב יוסף פלעגט זאגין צו זיינע שטוב מענטשין אז אויף שבועות זאל מען שעכטין א גוטע קאלב די דריטע פון געבורט אונ מען זאל מאכען א סעודה פון זיינעט וועגין. ער האט

גזאגט

יוסף איכא בשוקא. רב ששת כל תלתין יומין מהדר ליה תלמודיה ותלי וקאי בעיברא דדשא אמר חדאי נפשאי חדאי נפשאי לך קראי לך תנאי . איני והאמר ר"א אלמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי מעיקרא כי עביד איניש אדעתא דנפשיה עביד :

(דף עב ע"ב) ו תניא מעשה ברבי טרפון שלא בא אמש לבית המדרש . לשחרית מצאו רבן גמליאל אמר ליה .מפני מה לא באת אמש לבית המדרש אמר ליה עבודה עבדתי . אמר ליה כל דבריך אינן אלא דברי תימה וכי עבודה בזמן הזה מנין אמר ליה הרי הוא אומר (במדבר יח) עבודת מתנה אתן את כהונתכם עשה הכתוב אכילת תרומה בגבולין כ עבודת בית המקדש ;

אלמים הרבה בשוק שמון יוסף ואני ביני לבינם : ותלי . נשען : חדאי נפשאי . שמחי נפשי : לך קראי לך תנאי . בשבילך ולצורכך קריתי ושניתי : איני . וכי אין כאלה דת"ח אלא על לומדיה בלבד : אם לא בריתי . פי' : יומם ולילה . דהיינו תורה כדכתוב בה והגית בו יומם ולילה : אמש . בערב : עבודת מתנה . מתנות כהונה שנתתי לכם הרי הן כעבודה : ומכן את כרעיו . כדכתיב ראשו על כרעיו עם

## כיצד צולין פרק שביעי

(דף עד) א כיצד צולין את הפסח . [מביאין] שפוד של רמון תוחבו מתוך פיו עד בית נקובתו ונותן את כרעיו ואת בני מעיו לתוכו דברי רבי יוסי

---

גזאגט וארום וועט ניט דער היינטיגער טאג וואס איז איהם אין וואס איז גיגעבין גיווארין די תורה . וואס וואלט דען גיוועזן דער אונטער שייד פון מיר צו אלע אנדערע מענטשין . וויא פיל יוסף זענען דא אין גאס, נאר דורך די תורה וואס איך האב גילערונט האב איך כבוד פון אלע מענטשין. רב ששת פלעגט אלע דרייסיג טעג איבער חזרין זיין לערנען . אונ ער האט זיך אן גילעהנט אויף דיא טיר . אונ האט גזאגט פריי דיך מיין נשמה . פריי דיך מיין נשמה . פון דיינעט וועגין לערין איך אונ פון דיינעט וועגין תנ"ך איך וואס איך האב גילערנט. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . א מענטש לערנט דאך ניט פאר זיך אליין . ער טוהט דאך א טובה מיט זיין לערנען דיא גאנצע וועלט . וארום רבי אלעזר האט דאך גזאגט ווען ניט דיא תורה וואלט די הימעל מיט דיא ערד ניט גישטאנען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אם לא בריתי יומם ולילה, ווען ניט דיא תורה וואס מען לערנט טאג אונ נאכט . וואלט איך דיא הימעל אונ דיא ערד ניט בשאפין. ענטפערט דיא גמרא ווען דער מענטש לערנט מיינט ער צו לערנען פאר זיך אליין . נאר פון דעסטוועגין דיא טובה איז פאר די גאנצע וועלט :

ו תניא . מיר האבען גילערנט עס האט אמאהל גיטראפען רבי טרפון איז ניט גיקומען ביי נאכט אין בית המדרש צום לערנען . אין דער פריא האט רבן גמליאל איהם גיטראפען . אונ ער האט גזאגט צו איהם פאר וואס ביסטו ניט גיקומען נעכטין ביי נאכט אין בית המדרש . האט רבי טרפון גזאגט איך האב גיטאהן אעבודה . האט רבן גמליאל גזאגט צו רבי טרפון דיינע אלע רייד זענען נאר צו בעוואונדערין . איז דען היינט דא א בית המקדש וואס דוא זאגסט דוא האסט גיטאהן אעבודה . האט רבי טרפון גזאגט צו רבן גמליאל אין פסוק שטייט עבודת מתנה אתן את כהונתכם . דיא מתנות וואס איך האב אייך גיגעבין . ותרומות מעשרות נאך אנדערע זאכען אז איר עסט זייא איז גלייך וויא איר וואלט גיטאהן אעבודה מען עסט תרומה אין ארץ ישראל איז גלייך וויא מען וואלט מקריב גיוועזן אקרבן אין בית המקדש :

## פרק שביעי

א כיצד צולין את הפסח . וויא אזוי בראט מען דעם קרבן פסח . מען נעמט אשפיז טיל רומן האלץ : אונ מען שטעקט איהם אריין דעם שפיז אין מויל ביז ער גייט ארויס

יוסי הגלילי רבי עקיבא אומר כמין בשול הוא זה אלא תולין יוצה לו . אין צולין את הפסח לא על השפוד ולא על האסכלה . אמר רבי צדוק מעשה ברבן גמליאל שאמר לטבי עבדו צא וצלה לנו את הפסח על האסכלה :

(דף עה) ב וגחלים של מתכת לאו אש הוא והא גבי בת כהן דכתיב (ויקרא כא) באש תשרף ואמר רב מתנה פתילה של אבר היו עושין לה שאני התם דאמר קרא באש תשרף תשרף לרבות כל שרפות הבאות מן האש וכל שכן אש עצמה ונקיף לה חבילי זמורות ונקלה אתיא שרפה שרפה מבני אהרן מה להלן שריפת נשמה וגוף קיים אף כאן שריפת נשמה וגוף קיים ונעביד לה חמי האור משום דרב נחמן [דאר"נ] אמר קרא (ויקרא כט) ואהבת לרעך כמוך ברור לו מיתה יפה :

כולי כה' מתמע : כמין בשול הוא זה . שמבשל כי מפיו בתוכו כמו בתוך הקדרה : תולין תולה נו . תוחבן בשפוד ומעלה מפיו של טלה : לא על השפוד . של ברזל שהמתכת כשמתחמם מקלהו מתחמם כולו וצולה הפסח מחום השפוד שבתוכו שבפנימי מתחמם ע"י קנתי התולין וה"ל פסח צלי שמתוך דבר אחר והתורה אמר צלי אש : האסכלה . גראיי"ל בלע"ז וצולה הד מעמא (מה שבתוכו עץ של רמון לפי שאין יוצאין ממנו מים כשייחם כדי שלא יצא בשל מבושל במים והלכה כר"ע ע"כ לשון הרמב"ם ז"ל) :

פתילה של אבר . מחיכו וזורקו לתוך פיה :

תשרף . כל מיני שרפה משמע מדלא כתיב גלא ובאסוק : וכ"ש אש . לכון קשיא הוא : בני אהרן . שריפת נשמה וגוף קיים הוה בסנהדרין פרק ב' הוציא של אש נכנס לאש נחוטמיהן : חמי האור . רותחין דכוי נמי שריפה נשמה וגוף קיים :

נין שישנו על מצחו . כשעת שמרצה טומאה

(דף עו) ג תניא ציץ בין שישנו על מצחו ובין שאינו על מצחו מרצה דברי רבי שמעון רבי יהודה

---

דורך די אונטערשטע זייט . און די פיסלאך מיט די קישקעס לייגט מען אריין אין בויך . אזוי זאגט רבי יוסי הגלילי . רבי עקיבא זאגט דאס הייסט דאך גיקאכט . די פיסלאך מיט די קישקעס ווערין גיקאכט אין דעם בויך אזוי ווי אין אטאפ . נאר מען אייננט זיי ארויס ווייניג אויף דער זייט פון שעפס . מען טאר ניט בראטין דעם קרבן פסח אויף אאייזערנעם שפיז : און ניט אויף אאייזערנע ברעט מיט לעכלאך . רבי צדוק זאגט עס האט אמאהל גיטראפען רבן גמליאל האט גזאגט צו זיין קנעכט טבי גיי בראט פון אונזערט וועגין אקרבן פסח אויף אאסכלה דס איז אאייזערנע ברעט מיט לעכלאך :

ב וגחלים . פרעגט די גמרא אייזערנע קוילין אנגיברענטע הייסט גיט קיין פייער . דער דין איז ביי אטאכטער פון אכהן אז זיא האט מזנה גיוועז שטייט אין פסוק באש תשרף . מען זאל זיא פאר ברענען אין פייער . האט רב מתנה גזאגט מען האט צו שמאלצין אשטיק בליי אין פייער און מען האט איר אריין גיגאסין אין האלדז . זעהן מיר דאך אז די צוא שמאלצענע בליי הייסט אויך פייער . ענטפערט די גמרא דארטין איז אנדערש ווייל עס שטייט אין פסוק באש תשרף . מען זאל איר פאר ברענען אין פייער . איז דאך דער ווארט אין פייער איבעריג . עס האט גיקענט שטיין מען זאל איר פאר ברענען . נאר דער ווארט פייער ווייזט אונז מען מעג איר פר ברענען מיט אלע זאכען וואס עס קומט נאר פון פייער . פרעגט די גמרא דארף מען דאך מיט פייער אליין געווים מעגין איר פאר ברענען . לאז מען איר ארום לייגין מיט בינטלאך צווייגין און מען זאל זיי אנצינדען און מען זאל איר פאר ברענען . ענטפערט די גמרא מיר לערנען אפ צוויי גזירה שווה ווערטער שרפה שרפה פון די קינדער פון אהרן . אזוי ווי ביי די קינדער פון אהרן איז פאר ברענט גיווארין די נשמות זייערע . און די גופות זענען געבליבען . אזוי אז מען דארף פאר ברענען אמענטשין זאל מען נאר פאר ברענען די נשמה און דער גוף זאל בלייבען . פרעגט די גמרא זאל מען איר אריין ווארפען אין הייסע וואסער . וועט די נשמה אוועק גיין און דער גוף וועט בלייבין . ענטפערט די גמרא ווייל רב נחמן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ואהבת לרעך כמוך דוא זאלסט ליב האבען דיין חבר ווי זיך אליין . דארף מען אויס קלייבין אגרינגען טויט . און מיט הייסע וואסער איז אשווערער טויט :

ג תניא . מיר האבין גילערנט סיי דער כהן גדול האט גיטראגין די זאלדענע בלעך אויף

יהודה אומר עודנו על מצחו מרצה אין עודנו על מצחו אינו מרצה אמר ליה רבי שמעון בן גמליאל) כהן גדול ביום הכפורים יוכיח שאינו על מצחו ומרצה. אמר ליה הנח ליום הכפורים שטומאה הותרה בצבור:

(דף עח ע"ב) **ד תניא** רבי נתן אומר מנין שכל ישראל יוצאין בפסח אחד שנאמר (שמות יב) ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל וכי כל הקהל שוחטים אותו והלא אין שוחט אלא אחד אלא מלמד שכל ישראל יוצאין בפסח אחד:

(פ"ס ע"ב) **ה אמר** רב משום רבי חייא כזיתא פסחא והלילא פקע איגרא וכו' דאכלי בארעא ואמרי באגרא. אבא שאול אומר עליית בית קדשי הקדשים חמורה מבית קדשי הקדשים וכו'. הכלה הופכת את פניה וכו' מאי טעמא אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן מפני שהיא בושה. רב הונא בריה דרב נתן איקלע לבי רב נחמן בר יצחק א"ל מה שמך אמר להו רב הונא אמרו ליה ניתיב מר אפוריא

בקינמוס: פ"ג ני"ם יוכיח. בבעה שנותו פנים: שאינו על מצחו. דהא אין נכנס בבגדי זהב כדאמר יק (ביומא) [ב"ה] דאין קטיגור נעשה סניגור: ומרצה. אם באו בטומאה דק"ל כל קרבנות הצבור הקבוע להם זמן דוחין את הטומאה ורבי שמעון אית ליה טומאה דחויה היא בצבור: יוצאין בפסח אחד. ואע"פ שאין בו כזית לכל אחד הכילה לא מעכבא:

כזיתא פסחא. חבורות גדולות היו נמנין עד שלא היה הפסח מגיע לכל אחד כי אם כזית: והלילא פקע אגרא. לקול המילה המון הכל דומין כאלו הגגין מתבקעין שהיו אומרים הלל על הפסח: מ"ט. למה לה להפוך פניה ומאי אורחא בהכי: מפני שהיא בושה. לאכול לעיני הכהנים על ידי

---

אויף זיין שטערין. ווען דער קרבן איז טמא געוואָרין. און ביי ער האָט איהר ניט געטראָגין אויף זיין שטערין. ווען דער קרבן איז טמא געוואָרין איז אַרין די בלעך מכפר און דער קרבן איז כשר. אַזוי זאָגט רבי שמעון. רבי יהודה זאָגט אויב דער כהן גדול האָט געטראָגין די בלעך אויף זיין שטערין ווען דער קרבן איז טמא געוואָרין. איז דער קרבן כשר. און אויב דער כהן האָט ניט געטראָגין די בלעך אויף זיין שטערין ווען דער קרבן איז טמא געוואָרין. איז דער קרבן ניט כשר. האָט רבי שמעון געזאָגט צו רבי יהודה ווען דער כהן גדול איז אום יום כפור אין קדשי קדשים איז דאָך די בלעך ניטאָ אויף זיין שטערין. וואָרום דער כהן גדול טאָר ניט גיין אין גאָלד אין קדשי קדשים. פון דעסטוועגין אויב עס טרעפט אַקרבן פון יום כפור ווערט טמא אין דער צייט ווען דער כהן גדול איז אין קדשי קדשים. איז דער קרבן כשר. זעהן מיר דאָך אַז אַקרבן ווערט טמא אפילו ווען די בלעך איז ניטאָ אויף דעם שטערין פון כהן גדול איז אויך דער קרבן כשר. האָט רבי יהודה געזאָגט צו רבי שמעון פון די קרבנות פון יום כפור שמועסין מיר ניט. וואָרום טומאה איז מותר ביי די קרבנות וואָס זענען פאַר אַלע יודינם ווענין. אפילו אָן די בלעך אויך. אָבער וואו מען דאַרף די בלעך זאָל מכפר זיין. איז זי אַנדערש ניט מכפר סיידין זיא איז געווען אויף דעם שטערין פון כהן גדול ווען דער קרבן איז טמא געוואָרין:

**ד** תניא. מיר האָבין געלערונט רבי נתן זאָגט פון וואַנען ווייסין מיר אז אַלע יודין זענען יוצא מיט איין קרבן פסח. וואָרום עס שטייט אין פסוק ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל. שעכטין דען אַלע יודין איין קרבן פסח. איין מענטש שעכט איין קרבן פסח. נאָר דער פסוק לערונט אונז אַז אַלע יודין זענען יוצא מיט איין קרבן פסח:

**ה** אמר. רב האָט געזאָגט פון רבי חייאס ווענין אויף יעדער קרבן פסח איז געווען אַגרויסע קאָמפּאַניע. אַז עס פלעגט נאָר אויס קומען אויף יעדען מענטש אַשטיקול פלייש גרויס ווי אַאייל בירט. און אַז די קאָמפּאַניע האָט געזאָגט הלל איז געווען אַזוי אַגעשריי אַז מען האָט געמיינט די בוידימער פאַלען איין. ווייא פלעגין עסין דעם קרבן פסח אויף די ערד. אין די אונטערשטע שטוב. און הלל האָבין זיי געזאָגט אויף דעם בוידים. אַכלה אַז זיא עסט דעם קרבן פסח מעג זיא אומקערין דעם פנים אויף אַזייט. פאַר וואָס. האָט רבי חייא בר אבא געזאָגט פון רבי יוחנן ווענין ווייל זיא שעמט זיך. רב הונא בריה דרב נתן איז אַמאָהל גיקומע

אפוריא יתיב יהבו ליה כסא קבלה בחד זימנא ושתית בתרי זימני ולא אהדר אפיה אמרו ליה מאי טעמא קרית לך רב הונא אמר להו בעל השם אני מאי טעמא כי אמרו לך ניתיב אפוריא יתבת אמר להו כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה חוץ מצא מאי טעמא כי יהבו לך כסא קבלת בחד זימנא אמר להו מסרבין לקטן ואין מסרבין לגדול מאי טעמא שתיתיה בתרי זימני אמר להו דתניא השותה כוסו בבת אחת הרי זה גרגרן הרי דרך ארץ שלשה הרי זה מגסי הרוח מאי טעמא לא אהדרת אפך אמר להו כלה הופכת פניה תנן . רבי ישמעאל ברבי יוסי איקלע לבי ר"ש ברבי יוסי בן לקוניא יהבו ליה כסא קבליה בחד זימנא ושתיה בחד זימנא אמרו ליה לא סבר לה מר השותה כוסו בבת אחת הרי זה גרגרן אמר להו לא אמרי בכוסך קטן ויינך מתוק וכריסי רחבה :

אז

פירוש

ומסתכלין בה : יהיב . ומתה מקום הסב חשובים היה והקטנים יושבין על גבי הספסלים ונהג עצמו בענוות : קבליה בחד זימנא . ולא סריב עד שיפצרו בו ושתיה בתרי זימני . הפסיק בו . ולא אהדר אפיה . לצד אחר אלא פניו לעיניהם : בעל השם אנא . מקטנותי כך קורין לי רב הונא : מ"ט כי אמרו לך ניתיב אפוריא יתבת . ולא ישבת על גבי קרקע ולא ע"ג ספסל ולהכי בעו ליה שלא היה מנהגם כך ותמיהא להו : כל מה שיאמר לך בעה"ב עשה . מתני' היא במסכת ד"א בפ"ק בן עזאי : מסרבין לקטן . מקבל דבריו עד שיפציר בו : ואין מסרבין לגדול . שכן במלאכים שאמרו לאברהם כן תעשה ולא סרבו בו וללוט אמרו כי ברחוב נלין עד ויפצר בם מאד : כלה הופכת פניה הכן . ואין דרך טוב להפוך פניו : וכריסי

---

זי רב נחמן בר יצחק . האט מען גיפרעגט ביי רב הונא וויא איז דיין נאמען . וואראם מען האט איהם ניט גיקענט) האט ער גזאגט . רב הונא . האבין זיי גזאגט צו איהם זאל דער רבי זיצען אויפין בעט . האט ער זיך גיזעצט אויפין בעט . האט מען איהם גיגעבין אכוס ווין . האט ער איהם גינומען באלד ביי דעם ערשטין מאהל . ער האט ניט גיווארט מען זאל איהם בעטין . אונ ער האט איהם אויס גיטרונקען אין צוויי מאהל . (איין זופ : אונ אפ גירוהט . אונ נאך אזופ ביז גאר) . אונ ער האט ניט אפ גיקערט דעם פנים אויף אזייט . נאר ער האט גיטרונקען נעגין זייא . האבין זיי גזאגט צו איהם פאר וואס רופסטו דיך רב הונא . (ניט הונין) . האט ער גיענטפערט אזוי איז מיין נאמען פון קינדרווייס אן ביז איצט רופט מען מיך רב הונא . האבין זייא איהם גיפרעגט פאר וואס אז מען האט גזאגט צו דיר זיץ אויף אבעט : האסטו דיך גיזעצט אויף אבעט . אונ האסט דיך ניט גיזעצט אויף אבאנק . האט ער גזאגט צו זייא . אלץ וואס דער בעל הבית זאגט צום גאסט . מוז דער גאסט טאהן . נאר אז ער זאגט צו איהם גיי ארויס פון שטוב . דארף ער איהם ניט פאלגין . האבען זיי איהם גיפרעגט פר וואס אז מען האט דיר גיגעבין אכוס האסטו איהם באלד צו גינומען . ביי דעם ערשטין מאהל . אונ האסט ניט גיווארט מען זאל דיך בעטין . האט ער גזאגט צו זיי מען לאזט זיך בעטין צו אקליינעם מענטש . אבער צו אגרויסען מענטש לאזט מען זיך ניט בעטין . נאר אזוי וויא ער גיט עפעס נעמט מען באלד צו פון איהם . האבען זיי איהם גיפרעגט פאר וואס האסטו גיטרונקען דעם כוס אין צוויי מאהל . האט ער גזאגט צו זייא וואראם מיר האבען גילערנט אז איינער טרינקט אויס זיין כוס מיט איין מאהל . איז ער אפרעסער . מיט צוויי מאהל . איז אזוי דער שטייגער פון דער וועלט . מיט דריי מאהל הייסט ער אבעל גאוה . ער איז גרויס ביי זיך . האבען זיי איהם גיפרעגט פר וום האסטו ניט אום גיקערט דיין פנים אן אזייט ווען דוא האסט גיטרונקען . האט ער גזאגט צוא זייא מיר האבען גילערנט אכלה קערט אום איר פנים אן אזייט ווען זיא עסט אונ טרינקט . אבער אנדערע מענטשין דארפין ניט אזוי טאהן . רבי ישמעאל ברבי יוסי איז אמאהל גיקומען צו רבי שמעון ברבי יוסי בן לקוניא . האט מען איהם גיגעבין אכוס ווין . האט ער איהם גינומען באלד ביי דעם ערשטין מאהל . אונ הט איהם אויס גיטרונקען מיט איין מאהל . הט מען גזאגט צו איהם האלט רען ניט דער רבי וואס מיר האבען גילערנט אז מען טרינקט אויס אכוס מיט איין מאהל הייסט מען אפרעסער . הט רבי ישמעאל גזאגט דס הט מען ניט גזאגט ביי אזו אקליינם כוס ווי דו האסט . אונ ביי אזעלכע זיסע ווין וויא דוא האסט . אונ ביי אזוי אגרויסין בויך ווי איך האב :

אין

(דף פז) **א אז** **הייתי בעיניו כמוצאת שלום** (שה"ש ח) **אמר רבי יוחנן ככלה שנמצאת שלמה בבית חמיה והיא רדופה ליך להגיד שבחה בבית אביה** (הושע ב) **והיה ביום ההוא נאם ה' תקראי אישי ולא תקראי לי עוד בעלי אמר רבי יוחנן ככלה בבית חמיה ולא ככלה בבית אביה.** (שה"ש ח) **אחות לנו קטנה ושדים אין לה. אמר רבי יוחנן זו עילם שזכתה ללמוד ולא זכתה ללמד. אני חומה ושדי כמגדלות אמר רבי יוחנן אני חומה זו תורה ושדי כמגדלות אלו תלמידי חכמים ורבא אמר אני חומה זו כנסת ישראל ושדי כמגדלות אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות:**

**ב אמר** **רב זוטרא [בר טוביה] אמר רב מאי דכתיב** (תהלים קמד) **אשר בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם אלו בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא בנותינו כזויות**

חמה. רבי ישמעאל ברבי יוסי בריבי חמה הוא' כדאמרינן בהשוכר את הפועלים: כמוצאת שלום. שנתחבבה אליו ונמצאת שלמה עמו: להגיד שבחה. היאך היא מקובלת בבית חמיה: ושדים. להניק לאחרים: אין לה. שאין הנאה ממנה: זו עילם. בספר של דניאל דכתיב ואני דניאל הייתי בשושן הבירה אשר בעילם המדינה: זכתה ללמוד ולא ריבץ תורה לישראל אבל בבל גידלה עזרא הסופר שנאמר הוא הכין לבבו לדרוש בתורת ה' וללמד לישראל חק ומשפט: ושדים. אלו ת"ח המניקין אחרים כשדים הללו: כמגדלות. שמגינין על הדור:

כנטיעים. כנטיעות יונקות שלא נתקלקלו עדיין ולא

## פרק שמיני

**א** אז. אין פסוק שטייט איך בין געוועזן אין זיינע אויגן אזוי וויא דיא וואס געפינט שלום. זאגט רבי יוחנן אזוי וויא א כלה וואס זי איז געפונען געווארען גאנץ מיט איר מאן ביי איר שווער אין שטוב און זיא איילט זיך צו גיין זאגן איר לייב וויא גוט איר איז ביי איר פאטער. אין פסוק שטייט און עס וועט זיין אין דעם טאג זאגט גאט וועסטו מיך רופען אישי און וועסט מיך ניט רופען בעלי. זאגט רבי יוחנן אזוי וויא א כלה ביי איר שווער אין שטוב. ווען זיא איז מיט איר מאן צו זאמען רופט זיא איהם אישי. און ניט ווי א כלה וואס זיא איז ביי איר פאטער אין שטוב. ניט מיט איר מאן צו זאמען. נאר פון ווייטונס. רופט זיא איהם בעלי (ועיין בהרי"ף בעין) אין פסוק שטייט אחות לנו קטנה ושדים אין לה. מיר האבען א קליינע שוועסטער און זיא האט ניט קיין בריסט. האט רבי יוחנן גזאגט דאס מיינט מען די שטאט עילם. זיא האט זוכה געוועזן צו לערנען תורה. אבער זיא האט ניט זוכה געוועזן צו לערנען תורה מיט אנדערע. דס מיינט מען זיא האט ניט קיין בריסט צו געבין זייגן אנדערע זאכין פון איר זאט ווערין. אין פסוק שטייט אני חומה ושדי כמגדלות. איך בין א מאהער און מיינע בריסט זענען וויא די טארעמס. האט רבי יוחנן גזאגט איך בין א מאהער זאגט דיא תורה: די תורה בשיצט אויף דעם מענטש וואס לערנט איר. אזוי ווי א מאהער. און מיינע בריסט זענען וויא די טארעמס. דס מיינט מען די תלמידי חכמים וואס לערנען תורה מיט אנדערע. בשיצען אויף דיא וועלט אזוי ווי א טארעם בשיצט אויף א שטאט. רבא זאגט איך בין א מאהער מיינט מען דיא יודען. דורך דיא יודען שטייט די וועלט. (אזוי וויא עס ווערט נידרש אויף דעם ווארט בראשית. פון וועגין די יודען וואס זייא ווערין גירופען ראשית. איז בשאפען געווארען די וועלט). און מיינע בריסט זענען וויא די טארעמס. דאס מיינט מען די שולען וואס מען דאווינט אין זיי און בתי מדרשים וואס מען לערנט אין זייא תורה. דס בשיצט אויף די וועלט אזוי ווי א טארעם:

**ב** אמר. רב זוטרא בר טוביה האט גיזאגט פון רבס וועגין. וואס מיינט דער פסוק אשר בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם. אונזערע זיהן זענען וויא די יונגע פלאנצונגען. אזוי וואקסען זיי אין זייער יוגענד. דאס מיינט מען די יונגע מענטשין פון די יודין וואס זיי האבין ניט פארזוכט דעם טעם פון א עבירה. און זיי זענען וויא א יונגער בוים וואס איז נאך ניט קאליע געווארין. אין פסוק שטייט בנותינו כזויות מחוטבות. אונזערע טעכטער זענין

כזויות מחוטבות אלו בנות ישראל שאוגדות פתחיהן לבעליהן וכן הוא אומר (זכריה ט) ומלאו כמזרק כזויות מזבח . ואבע"א מהכא (תהלים קמד) מזוינו מלאים מפיקים מזן אל זן צאננו מאליפות מרובבות בחוצותינו מחוטבות תבנית היכל אלו ואלו מעלה עליהן הכתוב כאלו נבנה היכל ביכיהן :

(ישעיה א) **ג בימי** עוזיהו יותם אחז יחזקיהו מלכי יהודה בפרק אחד נתנבאו ארבעה נביאים וגדול שבכולן הושע שנאמר (הושע א) תחלת דבר ה' בהושע וכי עם הושע דבר תחלה והלא ממשה עד הושע היו כמה נביאים אמר רבי יוחנן תחלה לד' נביאים שנתנבאו באותו הפרק ואלו הן הושע וישעיה עמוס ומיכה אמר ליה הקב"ה להושע [בניך] חטאו (ישראל) היה לו לומר בניך הם בני בחוניך הם בני אברהם יצחק ויעקב גלגל עליהם מדת רחמיך לא דיו שלא אמר כך אלא אמר לפניו רבונו של עולם כל העולם שלך הוא העבירם באומה אחרת אמר הקדוש ברוך הוא מה אעשה לזקן זה אני אומר לו לך קח לך אשה זונה ותוליד

**פירוש**

גורע כנגד שום שבח : שאוגדות פתחיהן לבעליהן . סותמות פתחיהן עד שמזדקקות לבעליהן אליך נבעלות לאחרים ל"א שמגידות שתהיין של נדה לבעליהן לפרוש מהן שאינן חוטאין ואף על פי שתאוה רבה : וכן הוא א' מר ומלאו כמזרק כזויות מזבח . מה זויה דהתם כתיב בהו ונמלאו הכי נמי נשותם כזויות ע"י שמתמלאות תאוה ואינן נזקקות אל אחרים אלא עד שיבואו בעליהן : כאלו נבנה היכל בימיהן . דהכי משמע מחוטבות בבנין היכל : תבנית . לשון בנין : עוזיהו יותם אחז יחזקיהו . שכלם היו להתנבאות בימי עוזיהו יקפה חיי ד' מלכים בימיו : לא דיו שלא אמר כן . אלא למד ממה שאמר לו הקב"ה לך קח לך אשת זנונים ולא אמר כך לנביא

---

ווי די אויסגיהאַקטע ווינקלען . דאָס מיינט מען די יודישע טעכטער וואָס זיי פאַרבינדען זייערע טירען זיי זאָלען ניט מזנה זיין מיט קיין מענטש אפילו זיי זענען פול מיט תאוה האַלטען זיא איין זייער תאוה . אונ זייא באַהעפטען זיך נאָר מיט זייערע מאַנען . אונ אַזוי שטייט אין פסוק ומלאו כמזרק כזויות מזבח . זיי וועלין פול ווערין אַזוי וויא אַבעקין ווי די ווינקלען פון מזבח . אונ אַזוי וויא אין דעם פסוק שטייט מזוינו מלאים מפיקים מזן אל זן . אונזערע ווינקלען זאָלען זיין פול מיט תבואה . די תבואה זאָל גישאָטין ווערין פון איין שפייכלער אין אַנדערין שפייכלער . צאננו מאליפות מרובבות בחוצותינו . אונזערע שעפסין זאָלין גיין אין די גאַסין טויזענדער אונ צעהן טויזענדער . זעהן מיר פון די פסוקים אַז מע מיינט ווינקלען וואָס ווערען פול . אַז אַז עס שטייט בנותינו כזויות . מיינט מען אויך אפילו די ווייבער ווערין פול מיט תאוה . פון דעסטוועגין זענין זייא ניט מזנה נאָר זיי וואַרטין אויף זייערע מאַנען . מחוטבות תבנית היכל . אויף די זיהן אונ אויף דיא טעכטער רעכינט דער פסוק גליך וויא דער בית המקדש וואָלט גיבויעט גיוואָרין אין זייער צייט

**ג** בימי עוזיהו יותם אחז יחזקיהו מלכי יהודה . פיר נביאים האָבין נביאות גזאָגט אין איין צייט . אונ דער גרעסטער פון די פיר איז גיוועזן הושע . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין אָנהייב האָט גאָט גירעט מיט הושע . איז דאָך די קשיא איז דען גיוועזן דער אָנהייב רייד פון גאָט מיט הושע . פון משה רבינו ביז הושע זענין דאָך גיוועזן פיל נביאים . וואָס גאָט האָט מיט זיי גירעט . האָט רבי יוחנן גיזאָגט אַזוי מיינט מען . הושע איז גיוועזן דער ערשטער צו דיא פיר נביאים וואָס האָבין נביאות גיזאָגט אין די צייט . אונ דאָס זענין די פיר נביאים . הושע . ישעיה . עמוס . מיכה . גאָט האָט גיזאָגט צו הושע דיינע קינדער (די יודין) האָבין גיזינדיגט . האָט הושע גידאַרפט זאָגין צו גאָט . זענען זיי דען מיינע קינדער . זיי זענען דאָך דיינע קינדער . זיי זענען דאָך די קינדער פון די מענטשין וואָס דו האָסט זיי גיפּרובט . אונ זיי זענין גיוועזן צדיקים . דאָס מיינט מען זיי זענען די קינדער פון אברהם יצחק יעקב . האָב אויף זיי רחמנות ניט גינוג הושע האָט ניט אַזוי גיזאָגט . ער האָט נאָך פאַרקערט גזאָגט פאַר גאָט . רבש"ע די גאַנצע וועלט איז דיינע . פאַר לאָז די יודין אונ נעם דיר איין אַנדער פאָלק . האָט גאָט גיזאָגט וואָס זאָל איך טאָהן מיט דעם אַלטען מאַן . איך וועל זאָגין צו אים גיי נעם אַ ווייב אַ זונה אונ דו זאָלסט האָבין מיט איר קינדער . דער נאָך וועל

איך

יהוליד לך בני זנונים ואח״כ אומר לך ושלחה מעל פניך אם יוכל לשלחה אף אני אשלח את ישראל שנאמר (הושע א) ויאמר ה׳ אל הושע לך קח לך אשת זנונים וילדי זנונים וגו׳ וילך ויקח את גומר בת דבלים גומר [אמר רב] שהכל גומרים בה בת (ע״ב) דבלים דבה רעה בת. דבה רעה ושמואל אמר שמתוקה בפי הכל כדבילה ורבי יוחנן אמר שהכל דשין בה כדבילה. דבר אחר גומר אמר רב יהודה שבקשו לגמור ממונם של ישראל בימיה ורבי יוחנן אמר בזזו ונכרו שנאמר (מלכים ב יג) כי אבדם מלך ארם וישימם כעפר לדוש. (הושע א) ותהר ותלד לו בן ויאמר ה׳ אליו קרא שמו יזרעאל כי עוד מעט ופקדתי את דמי יזרעאל על בית יהוא והשבתי ממלכות בית ישראל. ותהר עוד ותלד בת ויאמר לו קרא שמה לא רוחמה כי לא אוסיף עוד ארחם את בית ישראל כי נשא אשא להם ותהר ותלד בן ויאמר קרא שמו לא עמי כי אתם לא עמי וגו׳ לאחר שנולדו לו שני בנים ובת אחד אמר ליה הקב״ה להושע לא היה לך ללמוד ממשה רבך שכיון שדברתי עמו פירש מן האשה אף אתה בדול עצמך הימנה אמר לפניו רבונו של עולם יש לי בנים הימנה ואיני יכול להוציאה ולגרשה אמר ליה ומה אתה שאשתך זונה ובניך בני זנונים ואי אתה יודע אם שלך הם אם של אחרים

לחר: ה״ג אומר לו קח לך אשת זנונים ואחר כך אומר לך ושלח: וילדי זנונים. שתלד לך בני זנונים כספק שלך ספק של אחרים: גומרים בה: ביאתם ו אותם: דבליה. שתי דבות דומה בת דומה: ותהר ותלד בן ויאמר ה׳ אליו קרא שמו

---

איך זאָגין צו אים גיי שיק איר אַוועק פון דיר מיט אַ גט. אויב ער וועט איר קענין אַוועק שיקען וועל איך אַוועק שיקען פון מיר די יודין. אַזוי ווי עס שטייט גאט האט גיזאָגט צו הושע גיי נעם אַ ווייב אַזונה. אונ זאָלסט האָבין קינדער פון די זונה. איז הושע גיגאַנגען אונ האט גינומען אַ ווייב וואס מען האט איר גירופין גומר בת דבלים. גומר איז טייטש אויסלאָזין. אַלע האָבין בייא איר אויסגילאָזט זייער גלוסטונג צו זנות. בת דבלים האט מען איר גירופין מען האט אויף איר גירעט שלעכטע רייד. אונ אויף איר מוטער האט מען אויך גירעט שלעכטע רייד. ווייל זיא איז גיוועזן אַזונה אונ איר מוטער איז אויך גיוועזן אַזונה. אונ שמואל זאָגט דריבער האט מען איר גערופען דבלים ווייל זי איז גיוועזן זיס בייא יעדען אין מויל אַזוי ווי אַפייג. אונ רבי יוחנן זאָגט דריבער האט מען איר גערופין דבלים ווייל אַלע האָבין גיטרעטין אויף איר אַזוי ווי אויף אַפייג דאס מיינט מען אַלע האָבין מיט איר טונה גיוועזן. נאָך אַפשט איז דריבער האט מען איר גירופען גומר. זאָגט רב יהודה ווייל אין איר צייט האט מען גיוואָלט צו נעמען די גאַנצע געלט פון די יודין. אונ רבי יוחנן זאָגט אין איר צייט האט מען טאַקי די יודין גירויבט אונ מען האט צו גינומען בייא זיי די גאַנצע געלט. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך פון ארם האט פאַרלאָרין די יודען אונ האט זייא גימאַכט ווי ערד צו טרעטין אויף זיי. אין פסוק שטייט די ווייב פון הושע איז מעוברת גיוואָרען אונ האט גיבאָרין אַזון. האט גאט גיזאָגט צו הושע מען זאל רופען דעם זוהן יזרעאל. וואָרום אין אַקורצע צייט וועל איך הערגען די בלוט פון יזרעאל אויף די הויזגעזינד פון יהוא. אונ איך וועל פאַרשטערין די קיניגרייך פון די יודין. אונ די ווייב פון הושע איז נאָך אַמאָהל מעוברת גיוואָרין. אונ האט געבאָרין אַטאָכטער. האט גאט גיזאָגט צו הושע רוף איר נאָמען לא רוחמה. וואָרום איך וועל שוין מעהר ניט רחמנות האָבין אויף די יודין איך זאָל זיי מוחל זיין זייערי עבירות. אונ די ווייב פון הושע איז נאָך אַמאָהל מעוברת גיוואָרין אונ האט גיבאָרין אַזוהן. האט גאט גיזאָגט צו הושע רוף זיין נאָמען לא עמי. וואָרום איר זענט ניט מיין פאָלק. דער נאָך ווי זי האט גיבאָרין צוויי זיהן אונ איין טאָכטער. האט גאָט גיזאָגט צו הושע פאַר וואס האָסטו ניט אָפ גילערנט פון דיין רבי משה. וויא איך האָב גירעט מיט אים האט ער זיך אָפ גישיידט פון זיין ווייב. שיידט זיך דו אויך אָפ פון דיין ווייב. האט הושע גיזאָגט פאַר גאט רבש״ע איך האָב קינדער פון מיין ווייב איך קען איר ניט גטין האט גאט גיזאָגט צו

ישראל . שעמיד את לורעם ולמוקם : אברהם קדוש . גרסינן ואחד מינייהו בית המקדש קנינים חשובים בעולם לקנות קנין לו כאדם שמוכרת לקנות דבר שאהוב לו: ג' גזרות. ישראל דכתיב גולה ולא עמי לא רוחמה: ויאמר וגו' ונקבצו וגו'. בעלה גורם גלות ורחמה נפלה גורם לא רוחמה ואמרתי ללא עמי עמי : אהבה בעלה: גורם לא עמי קפח. קבר כ' לו' באריך ימים מפם ע"י שמתאבלים ברבנותיהם מתים:

אחרים הן כך ישראל שהן בני בני בחוני בני אברהם יצחק ויעקב אחד כארבעה קנינים שקניתי בעולמי ישראל תורה שמים וארץ ובית המקדש תורה קנין אחד מנין דכתיב (משלי ח) ה' קנני ראשית דרכו קדם מפעליו מאז שמים וארץ קנין אחד מנין דכתיב (בראשית יד) קונה שמים וארץ ישראל קנין אחד מנין דכתיב (שמות טו) עם זו קנית בית המקדש קנין אחד מנין דכתיב (תהלים עח) הר זה קנתה ימינו ואת אמרת העבירם באומה אחרת כיון שידע שחטא התחיל מבקש רחמים על עצמו אמר ליה הקב"ה עד שאתה מבקש רחמים על עצמך בקש רחמים על ישראל שגזרתי עליהם שלש גזירות בעבורך עמד ובקש רחמים ובטל הגזירות והתחיל לברכן שנאמר (הושע ב) והיה מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד ולא יספר והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי ונקבצו בני יהודה גו' (שם) וזרעתיה לי בארץ ורחמתי את לא רוחמה ואמרתי ללא עמי עמי אתה:

**אמר** רבי יוחנן אוי לה לרבנות שמקברת את בעליה שאין לך כל נביא ונביא שלא קפח

ארבעה

---

הושע . מאראך דו וואס דיין ווייב איז אזונה . אונ די קינדער קענסטו ניט וויסען אויב זייא זענען דיינע . טאמער זענען זייא פון איין אנדערען . פון דעסטוועגין האסטו זיי ליב . די יודין וואס זיי זענין די קינדער פון די מענטשין וואס איך האב זיי גיפרובט . די קינדער פון אברהם יצחק יעקב . איינע פון די פיר זאכין וואס איך האב גיקויפט אויף דער וועלט יודין . תורה . הימעל אונ ערד . בית המקדש . די תורה איז איין קויפונג אזוי וויא עס שטייט אין פסוק . די תורה זאגט גאט האט מיך גיקויפט צו ערשט פון זיינע אלע זאכין . פריער וויא זיינע אלע ווערק . די הימעל אונ ערד איז איין קויפונג אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כלפי ארץ האט גיזאגט גאט האט גיקויפט די הימעל אונ ערד . די יודין זענען איין קויפונג אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די פאלק האסטו גיקויפט . דער בית המקדש איז איין קויפונג אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דעם בארג האט גיקויפט זיין רעכטע האנט וקויפין ביינט מען זיין איינגענומען . זאגט גאט צו הושע אונ דו זאגסט איך זאל די יודין אוועק לאזין פון מיר אונ זאל געבען איין אנדער פאלק . וויא הושע האט גיוואוסט אז ער האט גיזינדיגט . האט ער אנגיהויבין צו בעטין גאט זאל אויף אים רחמנות האבין . אונ זאל אים מוחל זיין די עבירה . האט גאט גיזאגט צו הושע איידער דו בעטסט איך זאל רחמנות האבין אויף דיר . בעט איך זאל רחמנות האבין אויף די יודין . ווארום דורך דיר האב איך גוזר גיווען אויף די יודין דריי גזרות . האט הושע גיבעטין פאר גאט ער זאל רחמנות האבין אויף די יודין אונ זאל מבטל זיין די גזרות . אונ די גזרות זענען בטל גיווארין . דער נאך האט הושע אן גיהויבין צו בענטשין די יודען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער צאל פון די יודען וועט זיין אזוי פיל וויא די זאמד פון ים . וואס עס קען ניט גימאסטען ווערין אונ ניט גיציילט ווערין . אונ אזוי וויא גאט האט פריער גיזאגט אויף די יודען איר זענט ניט מיין פאלק . וועט מען איצט אויף זייא זאגען זיי זענען די קינדער פון דעם לעבעדיגען גאט . אונ די קינדער פון יהודה וועלין פאר זאמעלט ווערין . אונ וועלען ארויס גיין פון גלות . אונ איך וועל זייא איין זייען אין ארץ ישראל . אונ איך וועל רחמנות האבען אויף די מענטשין וואס איך האב ניט רחמנות גיהאט . אונ צו די מענטשין וואס איך האב גיזאגט איר זענט ניט מיין פאלק . וועל איך היינט זאגען איר זענט מיין פאלק :

**אמר** . רבי יוחנן זאגט וויי צו די גרויסקייט פון מענטשין . דער מענטש וואס איז גרויס שטארבט ער פאר דיא צייט . ווארום יעדער נביא איז אין זיין צייט גישטארבען פיר

זכה לימנות. כדילף לקמיה בימי עוזיהו יותם סיפא דקרא וביומי ירבעם בן יואש מלך ישראל: כהן בית אל. כומר לעכו"ם:
זוכר את הרחמים. גרסינן: לא אוסיף עוד ארחם, ואף ע"ג דפורענות הוא אדכריה מדכר שם רחמים: כי נשא אשא להם. לשון סליחה אתמוהי קא מסתנה ומיהו סליחה קא מדכר סיפיה דקרא

ארבעה מלכים בימיו שנאמר (ישעיה א) חזון ישעיהו בן אמוץ אשר חזה על יהודה וירושלים בימי עוזיהו יותם אחז יחזקיהו מלכי יהודה:

ה׳ אמר רבי יוחנן מפני מה זכה ירבעם בן יואש מלך ישראל לימנות עם מלכי יהודה מפני שלא קבל לשון הרע על עמוס מנא לן דאימני דכתיב (הושע א) דבר ה׳ אשר היה אל הושע בן בארי בימי עוזיהו יותם אחז יחזקיהו מלכי יהודה ובימי ירבעם בן יואש מלך ישראל ומנא לן דלא קיבל לשון הרע דכתיב (עמוס ז) וישלח אמציה כהן בית אל אל ירבעם מלך ישראל לאמר קשר עליך עמוס בקרב בית ישראל לא תוכל הארץ להכיל את כל דבריו כי כה אמר עמוס בחרב ימות ירבעם וישראל גלה יגלה מעל אדמתו אמר ח"ו לא אמר אותו צדיק כך ואם אמר מה אעשה לו שכינה אמרה לו:

ו׳ אמר רבי אלעזר אפילו בשעת כעסו של הקדוש ברוך הוא זוכר את הרחמים שנאמר (הושע א) לא אוסיף עוד ארחם את בית ישראל (רב יוסף) [רבי יוסי] בר חנינא אמר מהכא כי נשא אשא להם. ואמר רבי אלעזר לא הגלה הקדוש ב"ה את ישראל לבין העכו"ם אלא כדי שיתוספו עליהם גרים שנאמר (הושע ב) וזרעתיה לי בארץ כלום אדם זורע

מאת

---

מלכים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס איז דיא זעהונג פון ישעיהו בן אמוץ וואס ער האט געזעהן אויף יהודה אונ ירושלים אין דיא צייט פון דיא פיר מלכים. עוזיהו יותם אחז יחזקיהו. דיא מלכים פון יהודה. זענען פיר מלכים געשטארבען אין דיא צייט פון ישעיה הנביא:

ה׳ אמר. רבי יוחנן האט געזאגט פאר וואס האט זוכה געווען ירבעם בן יואש דער מלך ישראל מען זאל איהם ציילען מיט די מלכים פון יהודה. ווייל ער האט ניט אן גינומען קיין לשון הרע אויף עמוס. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז ירבעם איז געציילט געווארין מיט דיא מלכים פון יהודה. ווארום עס שטייט אין פסוק די רייד פון גאט איז געוועז צו הושע בן בארי אין די צייט פון עוזיהו יותם אחז יחזקיהו די מלכים פון יהודה אונ אין די צייט פון ירבעם בן יואש דער מלך פון ישראל. זאגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז ירבעם האט ניט אן גינומען לשון הרע אויף עמוס. ווארום עס שטייט אין פסוק אמציה דער כהן פון בית אל האט געשיקט זאגען צו ירבעם דער מלך פון ישראל אז עמוס האט געבונטעוועט דיא יודען אויף דעם מלך. אונ די לאנד קען ניט פאר נעמען די אלע רייד פון דעם עמוס. ווארום אזוי האט עמוס גזאגט ירבעם וועט שטארבען דורך די שווערד. אונ דיא יודען וועלען פאר טריבען ווערין פון זייער לאנד. האט ירבעם גיענטפערט עס איז ליגען דער צדיק עמוס האט אזוי ניט גזאגט. אונ אויב ער האט אזוי גזאגט. וואס קען איך איהם טאהן. געוויס האט גאט איהם גיהייסען ער זאל אזוי זאגען:

ו׳ אמר. רבי אלעזר האט געזאגט אפילו ווען גאט איז אין כעס פון דעסטוועגין גידיינקט ער דאס רחמנות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט איך וועל ניט מער רחמנות האבען אויף דיא יודען. האט גאט דער מאנט דעם ווארט רחמנות. רבי יוסי בר חנינא זאגט פון דעם פסוק גאט האט געזאגט וועל איך זיי דען מוחל זיין זייערע עבירות. האט גאט דער מאנט דעם ווארט מוחל זיין. נאך האט רבי אלעזר געזאגט דאס וואס גאט האט פאר טריבען די יודען צווישען עכו"ם. איז נאר די פעלקער זאלען זיך מגייר זיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל איין זייען דיא יודען אין דער לאנד. אמענטש פאר זייעט איין מאס תבואה. ער זאל פון איר האבען פיל מאסען תבואה. אזוי האט גאט פאר זייעט די יודען

צווישען

דלעיל סאה : רבי יוחנן אמר מהכא ואמרתי ללא עמי עמי אתה . אותן שלא היו מעמי ידבקו בה' ויהיו לי לעם :
אפילו דור . רשעים שאביהם יקללו אל תלשן שהרי הושע נענש על שהלשין את ישראל ואף על גב שחטאו :
צדקה עשה בהם על שפזרם . שאינן יכולין לכלותם יחד : יטפל לך תלמיד אחד . להשיבך תשובה : גפא דרומאי . כשבא בערכו"ס : בהת

סאה אלא להכניס ממנה כמה כורין ורבי יוחנן אמר מהכא ורחמתי את לא רוחמה ואמרתי ללא עמי עמי אתה :

ז אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מאי דכתיב (משלי ל) אל תלשן עבד אל אדוניו פן יקללך ואשמת וכתיב (שם) דור אביו יקלל ואת אמו לא יברך משום דאביו יקלל ואת אמו לא יברך אל תלשן אלא אפילו דור שאביו יקלל ואת אמו לא יברך אל תלשן עבד אל אדוניו מנא לן מהושע :

ח אמר רבי אושעיא מאי דכתיב (שופטים ה) צדקות פרזונו בישראל צדקה עשה הקדוש ב"ה עם ישראל שפזרם לבין האומות והיינו דאמר ההוא מינאה לרבי חנינא אנן מעלינן מינייכו דכתיב בכו (מלכים א יא) כי ששת חדשים ישב שם יואב וכל ישראל עד הכרית כל זכר באדום ואלו אנן אותבי אותביהון כמה שנין גבן ולא עבדינן לכו מידי . אמר ליה רצונך יטפל לך *תלמיד אחד נטפל לו רבי אושעיא ואמר ליה משום דלא ידעיתו היכי תעבידו תכלינהו לכלהו ליתנייהו גבייכו תכלו מאי דאיכא גבייכו קרו לכו מלכותא קטיעתא . אמר ליה גפא דרומאי בהא סלקינן ובהא נחתינן :

תני

---

צווישען די פעלקער . עס זאל צו קומען צו זיי פיל גרים די יודען זאלען מער ווערין . און רבי יוחנן זאגט פון דעם פסוק גאט האט געזאגט איך וועל רחמנות האבען אויף די וואס איך האב ניט רחמנות גיהאט . און צו דיא מענטשין וואס זענען ניט געוועזן מיין פאלק . וועל איך זאגען איר זענט מיין פאלק . דאס מיינט מען די מענטשין וואס וועלען זיך מגייר זיין :

ז אמר . רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאי וועגין וואס מיינט דער פסוק דוא זאלסט ניט מסרין אויף א קנעכט פאר זיין בעל הבית . טאמער וועט ער דיך פלוכען . און דוא ביסט שולדיג [דוא ביסט ניט גירעכט] . און נאך שטייט אין פסוק דער דור וואס פלוכט זיין פאטער און זיין מוטער בענשט ער ניט . פאר וואס זענען די צוויי פסוקים איינער נעבין אנדערין . ווייל ער פלוכט זיין פאטער און בענשט ניט זיין מוטער דריבער זאלסטו ניט מסרין . נאר אזוי מיינט דער פסוק אפילו דער קנעכט איז אזוי שלעכט אז ער פלוכט זיין פאטער און ער בענשט ניט זיין מוטער . פון דעסטוועגין זאלסטו ניט מסרין אויף דעם קנעכט פאר זיין בעל הבית . דס ווייסען מיר פון הושע הנביא . גאט איז אויף איהם אין כעס גיוועזן וואס ער האט גיכסרת אויף די יודען . אפילו זיי האבען געזינדיגט :

ריו"ף

רי"ף אל תלשן עבד אל אדוניו . נ"ל שהוקשה לו בכתוב שקראו עבד ואחר כך קראו בן וז"ש מ"ד אל תלשן *עבד אל אדוניו דור אביו יקלל דלאו רישיה סיפיה ולבא ליישב המקרא הקשה קושיא אחרת וכי משום דאביו יקלל אל תלשן עבד כי מה ענין הוא הבן שיקלל אביו אל העבד שאומר אל תלשן עבד אל אדוניו לזה דרשו הכתוב בהושע שראה דור רשעים שקללו אביהם ואמם ובא להלשינם לפני הקב"ה בטענה שהם עבדים ולא בנים וזהו אל תלשן לדור ההוא באמרך שעבד יהיה מורד באדוניו אל תלשן לשון הרע כי על האמת הם חשובים בנים אלא שהם רשעים דור אביו יקלל וגו' . ואפשר עוד שהושע אמר להקב"ה העבר אותם באומה אחרת לומר שאין להם חיים כעבדים והעבד יש להחליפו בעבד אחר כי לא ותכן להחליף הבן בעבד וזהו אל תלשן לומר החליפם באתה מעריך אותם, שהם עבד אל אדוניו ועל האמת אע"פ שהם רשעים הם כבנים שיש להם חיים לא נכון להחליף הבן ויקח תחתיו עבד שאין לו חיים ולכך אמר הקב"ה להושע יאמר להם בני אל חי :

ט הני רבי חייא מאי דכתיב (איוב כח) אלהים הבין דרכה והוא ידע את מקומה יודע הקדוש ב"ה בישראל שאין יכולין לקבל גזרות של יון ושל ישמעאל לפיכך הגלה אותם לבבל (גם בגיטין פ"ב . ומאמר אחר הפך לזה) אמר רבי אלעזר לא הגלה הקדוש ב"ה לישראל לבבל אלא מפני שהיה עמוקה כשאול שנאמר (הושע יג) מיד שאול אפדם ממות אגאלם רבי חנינא אמר מפני שקרוב לשונם ללשון תורה רבי יוחנן אמר מפני ששגרן לבית אמם . משל לאדם שכעס על אשתו להיכן משגרה לבית אמה והיינו דאמר רבי אלכסנדרי שלשה חזרו למטעתן אלו הן ישראל כסף מצרים וכתב לוחות. ישראל הא דאמרן. כסף מצרים דכתיב (מלכים א יד) ויהי בשנה החמישית למלך רחבעם עלה שישק מלך מצרים על ירושלים ויקח את אוצרות בית ה' ואת אוצרות בית המלך ואת הכל לקח וגו'. כתב לוחות דכתיב (דברים ט) ואשברם לעיניכם תנא לוחות נשתברו ואותיות פורחות עולא אמר כדי שיאכלו (דף פח) תמרים ויעסקו בתורה . עולא איקלע לפומבדיתא קריבו ליה טרינא דתמרי אמר להו כמה כי הני בזוזא אמרו ליה תלת אמר מלא צנא דדובשא בזוזא בבבל ובבלאי

סוקין כו'. נמהבבה זו אין עומדים תמיד. הגלה אותן לבבל. שאין כשדים אכזריים כשאר עכו"ם: שעמוקה כשאול. ויפדם מהם מסר כמו שהבטיחם מיד שאול אפדם: שקרוב לשונם ללשון התורה. ולא הפסיקה תורה מהן מסבה: לבית אמן. שאברהם מאור כשדים יצא: כסף מצרים. שבזזו ישראל מהם בצאתם כדכתיב וינצלו את מצרים. ובימי רחבעם עלה שישק מלך מצרים ונטל את כל האוצרות: לעיניכם. כלומר דבר פלא להיות שם שבעין פנים להסתכל בו: תמרים. יש בבבל הרבה: טרינא. סל: כמה כי הני בזוזא.



ט תני · רבי חייא האט געלערנט וואס מיינט דער פסוק אלהים הבין דרכה והוא ידע את מקומה . גאט האט געוואוסט אז די יודין קענען ניט פארנעמען די גזרות פון יון און פון ישמעאל דריבער האט ער זיי פארטריבען אין בבל . ווייל די כשדים האבען מער רחמנות וויא די יונים און ווי די ישמעאלים . רבי אלעזר האט געזאגט גאט האט פארטריבען די יודין אין בבל . ווייל זי איז טיף אזו ווי א גרוב . און עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט איך וועל זיי אויס לייזען פון גרוב און וועל זיי אויס לייזען פון טויט . רבי חנינא האט געזאגט דריבער האט גאט פארטריבען די יודין אין בבל ווייל דער לשון פון בבל איז גלייך צו דעם לשון פון דער תורה . וועלען זייא ניט פאר געסין די תורה . רבי יוחנן האט געזאגט דריבער האט גאט פארטריבען די יודין אין בבל . ווייל ער האט זייא געשיקט צו זייער מוטער . אברהם אבינו איז אויך געוועזן אין כשדים ; דאס איז געגליכען צו א מענטש וואס איז געוועזן אין כעס אויף זיין ווייב וואו שיקט ער זיא צו איר מוטער . דאס איז אזוי וויא רבי אלכסנדריה האט געזאגט דריי זאכען האבין זיך צוריק געקערט צו זייער פלאנצונג . זיי זענען געגאנגען צו דעם ארט וואס זיי זענען פון דארט גענומען געווארען . דאס זענען די דרייא זאכען . די יודין . די געלט פון מצרים . און די אותיות פון די לוחות . די יודין זענען געקומען פון בבל . און זענען צוריק געגאנגען אין בבל . די געלט וואס די יודען האבין גענומען פון מצרים ווען זיי זענען פון דארט ארויס געגאנגען . איז צוריק געקומען אין מצרים . אזו ווי עס שטייט אין פסוק אין דעם פינפטען יאהר וויא רחבעם איז געוועזן א מלך איז שישק דער מלך פון מצרים אויף געגאנגען אויף ירושלים און ער האט צו גענומען די אוצרות פון בית המקדש און די אוצרות פון מלך אלץ האט ער צו גענומען . די אותיות פון די לוחות שטייט אויך אין פסוק . משה רבינו האט געזאגט איך האב צו בראכען די לוחות פאר אייערע אויגען . איך האט געזעהן א וואנדערליכע זאך . מיר האבין געלערנט די לוחות זענען צו בראכען געווארין און די אותיות זענען געפלויגען אין הימעל . עולא האט געזאגט דריבער האט גאט פארטריבען די יודין אין בבל . ווייל אין בבל איז וואלוויל טייטלען . וועלין די יודין עסין טייטלען און וועלין קענין

פירוש

זמנ מאת בדו אחד : סר . אמוריה הבית דיאמק ביה אל דיעקב כלס נקר בבית הפסגלו : שקראו בית . מקים מיושב : יום יזרעאל . יום כשיתקבצו יקבצו ניס יום כילירה בגחביה :

לא עסקי באורייתא בליליא צעריה אמר מלא צנא דסמא דמותא בזווא בבבל ועסקי בבלאי באורייתא . אמר רבי אלעזר מאי דכתיב (מיכה ד) והלכו גוים רבים ואמרו לכו ונעלה אל הר ה' אל בית אלהי יעקב . אלהי אברהם אלהי יצחק לא נאמר אלא אלהי יעקב לא כאברהם שכתוב בו הר שנאמר (בראשית כב) בהר ה' יראה ולא כיצחק שכתוב בו שדה שנאמר (שם כד) ויצא יצחק לשוח בשדה אלא כיעקב שקראו בית שנאמר (שם לה) (ויקרא למקום אל בית אל) (שם כח) [ויקרא את שם המקום ההוא בית אל] . אמר רבי יוחנן גדול יום קבוץ גליות כיום שנבראו בו שמים וארץ שנאמר (הושע ב) ונקבצו בני יהודה ובני ישראל יחדו ושמו להם ראש אחד ועלו מן הארץ כי גדול יום יזרעאל וכתיב (בראשית א) ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד :

(נדה סח ע"ב) י **שוב** פעם אחת נמצאת הלטאה בבית המטבחים ובקשו לטמא כל העזרה כולה באו ושאלו את המלך אמר להם לכו ושאלו את המלכה באו ושאלו את המלכה אמרה להם לכו ושאלו את רבן גמליאל באו ושאלו את ר"ג אמר

---

לערנען תורה . עולא איז אמאהל געקומען אין די שטאט פומבדיתא האט מען אים געגעבין אקארב טייטלען . האט עולא געפרעגט וויפיל קאסט אזו אקארב טייטלען , האט מען אים געענטפערט דריי קארב טייטלען קאסט אגילדען . האט עולא געזאגט אפולער קארב האניק פר אגילדען פאר קויפט מען אין בבל . אונ די מענטשען פון בבל לערנען נאך קיין תורה . ביי נאכט האט עולא וויי געטאהן דער בויך פון די טייטלען . האט עולא געזאגט אפולע קארב סם המות פארקויפט מען אין בבל פאר אגילדען . אונ די מענטשין פון בבל לערנען תורה : רבי אלעזר האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק פיל פעלקער וועלין גיין אונ וועלין זאגין מיר וועלין אויף גיין צו דעם בארג פון גאט צו די הויז פון דעם גאט פון יעקב . עס שטייט ניט אין פסוק דער גאט פון אברהם . אונ ניט דער גאט פון יצחק . נאר דער גאט פון יעקב . נים אזוי וויא אברהם וואס ער האט גירופען דעם בית המקדש . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בהר יי יראה . אויף דעם בארג זאל גאט געזעהן ווערין . אונ ניט אזו ווי יצחק וואס ער האט גירופען דעם בית המקדש פעלד . אזו וויא עס שטייט אין פסוק יצחק איז ארויס געגאנגען אין פעלד (אויף דעם ארט פון בית המקדש) תפלה צו טאהן . נאר אזו וויא יעקב וואס ער האט גערופען דעם בית המקדש שטוב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט גערופען דעם נאמען פון דעם ארט בית אל : אמר . רבי יוחנן האט געזאגט דער טאג וואס די יודין וועלין איין גיזאמעלט ווערין פון גלות וועט זיין גיאכט ביי גאט אזוי וויא דער טאג וואס די הימעל אונ ערד זענען בשאפען געווארען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די בני יהודה אונ בני ישראל וועלען פאר זאמעלט ווערין צו זאמען . אונ זיי וועלין מאכען אויף זיך איין עלצטען אונ זיי וועלין אויף גיין פון דער לאנד (פון גלות) . ווארום עס וועט זיין גרויס דער טאג פון זייער פארזאמלונג . אונ עס שטייט אין פסוק עס איז געווען נאכט אונ עס איז געווען פריא איין טאג . זענען די ביידע טעג גלייך . דער טאג פון פארזאמלונג אונ דער טאג פון בשאפונג די הימעל אונ ערד :

י שוב . אמאהל האט געטראפען מען האט געפונען אהלטאה אין שעכט הויז פון מלך (הלטאה איז אשרץ) . האט מען געוואלט מטמא זיין די גאנצע עזרה . האט מען גיפרעגט דעם מלך וואס מען זאל מאכען . האט דער מלך גזאגט מען זאל פרעגען די מלכה . האט מען גיפרעגט די מלכה . האט די מלכה גזאגט מען זאל פרעגען רבן גמליאל . האט מען גפרעגט ביי רבן גמליאל . האט רבן גמליאל גיפרעגט דער הלטאה איז גילעגין אין שעכט הויז אין הייסע אדער אין קאלטע . האט מען גיזאגט ער איז גילעגען אין הייסע . האט רבן גמליאל

גיזאגט

אמר להם בית הכטבחים רותח או צונן אמרו ליה רותח אמר להם לכו והטילו עליה כוס של צונן הלכו והטילו עליה כוס של צונן וריחשה וטיהר רבן גמליאל כל הסעודה כולה נמצא מלך תלוי במלכה והמלכה תלויה ברבן גמליאל נמצאת כל הסעודה כולה תלויה בר"ג :

ניח המטבחים רותח או צונן . כלומר מצאת ברותחים או בצונן : וריחשה . ופירכסה וגם' סימנה במותם כתיב :

שיתא אלפי פרסה הוי עלמא . היקף הלוך המסם כהיך סהלל ממזרח למערב : וסומכא דרקיעא . עובי הרקיע : חדא גמרא . שיתא אלפי פ"סי דעלמא גמיר כוי מרביה וחד אלפא פ"סי דסומכא דרקיע כוי סבר לא מדעתיה מסכיה דבית א אלפי פרסא דגמ' :

כל ה ישוב כולו . כל בני אדם : תחת כוכב אחד

## מי שהיה טמא פרק תשיעי

(דף צ ע"ב) **א מעלות** השחר ועד הנץ החמה חמשה מילין סנא לן מלוט דכתיב (בראשית יט) וכמו השחר עלה ויאיצו וגו' וכתיב (שם) השמש יצא על הארץ ולוט וגו' . ואמר רבי חנינא לדידי חזי לי הרוא אתרא והוי המשה מילין . (דף לד) אמר רבא שיתא אלפי פרסי הוי עלמא וסומכא דרקיעא אלפא פרסא חדא גמרא וחדא סברא וכו' . ר"י אומר עוביו של רקיע אחד מעשרה ביום וכו' והסוגיא ארוכה וביחוד מאמר בענין גן עדן וגיהנם. מצרים ת' פרסה על ת' פרסה מצרים אחד מששים בכוש וכוש אחד מששים בעולם ועולם אחד מששים בגן. וגן אחד מששים בעדן ועדן אחד מששים בגיהנם נמצא כל העולם כולו ככסוי קדרה לגיהנם :

**ב תא שמע** דתנא דבי אליהו רבי נתן אומר כל הישוב כולו תחת כוכב אחד הוא עומד תדע שהרי

---

**גזאגט** מען זאל ארויף גיסען אנגאז קאלטע וואסער אויף דעם הלטאה . האט מען ארויף געגאסען אנגאז קאלטע וואסער אויף דעם הלטאה . האט דער הלטאה אנגעהויבען צו קריכען . אונ אז ער לעבט איז ער ניט מטמא . האט רבן גמליאל מטהר געוועזען דיא גאנצע סעודה . ווען מיר דער מלך האט זיך געווענדט אן דיא מלכה . אונ דיא מלכה האט זיך געווענדט אן רבן גמליאל . אונ דיא גאנצע סעודה האט זיך אויך געווענדט אן רבן גמליאל :

## פרק תשיעי

**א** מעלות . פון דער צייט וואס דער מארגענשטערען גייט אויף ביז די צייט וואס די זוהן הייבט אן צו שיינען . קען מען גיין פינף תחום שבת . דאס איז צעהן טויזענד איילען , פון וואגען ווייסען מיר דאס . פון לוט . ווארום עס שטייט אין פסוק אזו ווייא נאר דער מארגען שטערען איז אויף געגאנגען האבען די מלאכים גיהיילט לוט זאל ארויס גיין פון סדום . אונ אז די זוהן איז ארויס געגאנגען שיינען אויף די ערד איז לוט געקומען אין צוער אונ רבי חנינא האט גיזאגט איך האב גיזעהן דעם ארט פון סדום ביז צוער . איז ער ווייט פינף תחום שבת . רבא האט גזאגט די וועלט איז זעקס טויזענד מייל . אונ די גרעב פון הימעל איז טויזענד מייל . אז די וועלט איז זעקס טויזענד מייל . האט רבא גיהערט פון זיין רבי . אונ אז דיא גרעב פון הימעל איז טויזענד מייל . דאס האט רבא דער קלערט מיט זיין שכל :

רב יהודה זאגט די גרעב פון הימעל איז אצעהנטע טייל פון וויפיל אמענטש קען גיין א טאג . מצרים איז פיר הונדערט מייל די לענג אונ פיר הונדערט מייל די ברייט . אונ די מדינה כוש איז זעכציג מאהל גרעסער וויא מצרים . אונ די וועלט איז זעכציג מאל גרעסער וויא כוש . אונ דער גארטען איז זעכציג מאל גרעסער וויא די וועלט אונ דר עדן איז זעכציג מאהל גרעסער וויא דער גארטען אונ דער גיהנם איז זעכציג מאהל גרעסער וויא דער עדן . אונ דיא גאנצע וועלט זעהט אויס געגין גיהנם אזוי וויא אצודעק אויף איין טאפ :

**ב** תא שמע . איך וועל דיר פרעגין . דבי אליהו האט געלערנט רבי נתן זאגט דיא אלע

שהרי אדם נותן עינו בכוכב אחד הולך למזרח עומד כנגדו לד' רוחות העולם עומד כנגדו מכלל דכל הישוב כלו תחת כוכב אחד עומד תיובתא ת"ש עגלה בצפון ועקרב בדרום וכל הישוב כולו אינו יושב אלא בין עגלה לעקרב וכל הישוב כולו אינו אלא שעה אחת ביום תדע שבחמש חמה במזרח ובשבע חמה במערב חצי שש וחצי שבע חמה עומדת בראש כל אדם תיובתא. ת"ש דאמר רבי יוחנן בן זכאי מה תשובה השיבתו בת קול בשעה שאמר (ישעיה יד) אעלה על במתי עב אדמה לעליון יצתה ב"ק ואמרה לו (ע"כ) בן בנו של נמרוד שהמריד את כל העולם כולו עליו במלכותו וכו':

ג תנו רבנן חכמי ישראל אומרים גלגל קבוע ומזלות חוזרין וחכמי האומות אומרים גלגל חוזר ומזלות

עומד. וכמה כוכבים ברקיע ואין מספר וכיון דכוכב אחד ברקיע מחזיק כל הישוב זו אין אנו שהישוב יותר מהלך פרסה שהרי כמה כוכבים שברקיע יישוב אחד לכל כוכב בימים ובנהרות ובמדברות ואלו אין ברקיע אלא חמש כוכבים הרי כאן חמש אלפי פרסה לעולם וכל שכן שיש כוכבים יותר משמונה אלפים כוכב לכל פרסה: הולך למזרח. לסוף העולם לקץ שנים הרבה יראה אל אותו מקום שהיה רואהו כשהיה עומד במערב ואלו לא היה מחזיק כל הישוב כשהוא עומד במערב ורואהו על ראשו כשהוא למזרח לא היה רואהו על ראשו אלא מן הצד באלכסון כפי מה שעבר ונמשך פתחיו: עגלה. אותו כוכב העשוי כעגלה והוא מזל שור: בין עגלה לעקרב. ולא שמחזיק כל אויר ביניהם שהרי כמה כוכבים יש ביניהם וכל אחד כדי יישוב אלא יישוב בין שניהם עומד שהרי כל אדם רואהו כלפינו עגלה וכדרומנו עקרב ובכל היישוב אינה מהלכת החמה אלא שעה אחד ביום חצי שש וחצי שבע חמה עומדת בראש כל אדם רואה החמה על ראשו והיינו אותה שעה שהחמה מהלכת ברקיע נגד היישוב: תיובתא דרבא. דקתני דמדברות וימים ונהרות מחזיקות י"א שיעורי יישוב וקא חזינן דיישוב גדול מאד ונמצא עולם גדול לכמה אלפים תיובתא דרבא:

גלגל. כמין אופן ברקיע שהמזלות נתונים בו: גלגל קבוע. ואינו מגלגל אלא כמין אופן עגול כמונח בקרקע אבל המזלות מהלכים סביב שילך מועט ואין מקיפים את הגלגל אלא כל מזל המשמש את החמה נד ממקומו ומוליכו עד סביבו וחוזר

---

אלע מענטשן פון דער וועלט זיצען אונטער איין שטערין. ווארום לאמיר זעהן אמענטש וואס טוט קוקען אויף איין שטערין אונ זאל גיין אין מזרח-זייט פון דער וועלט. אז ער וועט קומען אין מזרח זייט אפילו אין ווי פיל יאהרען. וועט ער אלץ זעהן עס שטייט דער זעלביגער שטערען איהם אנטקעגין. אונ אז ער וועט גיין אין מערב זייט אדער אין צפון זייט אדער אין דרום זייט וועט אלץ שטיין דער זעלביגער שטערין איבער איהם. איז דאך אבעוויזונג אז די גאנצע וועלט מענטשין זיצען אונטער איין שטערין. איז אקשיא ועיין בגמרא). זאגט די גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין מיר האבען גילערונט דער שטערין וואס הייסט עגלה ווייל ער איז גימאכט וויא אקאלב. דס איז מזל שור) שטייט אין צפון זייט פון דער וועלט. אונ דער שטערין וואס הייסט עקרב ווייל ער איז גימאכט ווי אעגדיס) שטייט אין דרום זייט פון דער וועלט. אונ אלע מענטשין פון דער וועלט זיצען נאר צווישען דיא צוויא מזלות עגלה אונ עקרב. אונ די זוהן גייט איבער אלע מענטשין פון דער וועלט נאר איין שעה בטאג. איך וועל דיר ווייזען אז עס איז אזוי. ווארום די פינפטע שעה אויפען טאג ווס איז זייגער עלף) איז די זוהן אין מזרח זייט. אונ די זיבעטע שעה ודס איז זייגער איינס) איז שוין די זוהן אין מערב זייט. פון האלב זעקסטע שעה ביז האלב זיבעטע שעה ודס איז פון האלב צוועלף ביז האלב איינס) שטייט דיא זוהן איבער דעם קאפ פון אלע מענטשין. איז אקשיא ועיין בגמרא). זאגט די גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין. רבי יוחנן בן זכאי הט גזאגט ווס הט מען גיענפערט פון הימעל צו דעם רשע נבוכדנצר ווען ער הט גזאגט איך וועל אויף גיין אין די הייך ביז צו די וואלקען. איך וועל זיין גלייך צוא גאט. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט צוא איהם דוא ביסט דער איניקעל פון נמרוד וואס ער האט אן גירעט דיא גאנצע וועלט זיא זאלען מורד זיין אן מיר אונ אן מיין קעניגרייך ועיין בגמרא):

ג תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט די חכמים פון דיא יודען זאגען עס בין אין הימעל איז דא אראד. אונ אין דעם ראד ווען אריין גיזעצט דיא צוועלף מזלות דער ראד שטייט אויף איין ארט אונ די מזלות גייען ארום דעם ראד. וויא אזוי. דיא זוהן גייט איבער

ומזלות קבועים אמר רבי תשובה לדבריהם מעולם לא מצינו עגלה בדרום ועקרב בצפון. מתקיף לה רב אחא בר יעקב ודילמא כבוצינא דרחייא א"נ כצינורא דדשא. חכמי ישראל אומרים ביום חמה מהלכת למטה מן הרקיע ובלילה למעלה מן הרקיע וחכמי עכו"ם אומרים ביום חמה מהלכת למעלה מן הרקיע ובלילה למטה מן הרקיע ונראין דבריהן מדברינו שביום מעינות צוננין ובלילה רותחין. תניא רבי נתן אומר בימות החמה חמה מהלכת בגובהה של רקיע לפיכך כל העולם כולו רותח ומעיינות צוננין בימות הגשמים חמה מהלכת בשיפולי רקיע לפיכך כל העולם כולו צונן ומעיינות רותחין

וחוזר למקומו לפיכך אין עגלה נראית בדרום ולא עקרב בצפון שהרי אין מקיפין אלא מהלכין הילוך מועט וחוזרין: לא מצינו עגלה בדרום ועקרב בצפון. ואי ס"ד גלגל חוזר ומזלות קבועים מאלא גלגל מוליך ומגלגל המזלות לכל ד' הרוחות כשם שהוא מגלגל והיינו כמין אופן והחמה ברקיע הגיי למטה מן הרקיע והגיו למעלה וכשעולה לדו זה שוקעת לדו אחר לפי דברי חכמי האומות שאומרים גלגל חוזר ולפי דברי חכמי ישראל שאומרים גלגל קבוע אין לפרש שוקע ועולה אלא במזלות: דילמא כבוציצא דריחייא. כברזל התחתון בנקב רחב שברחיים שהרכב עומד במקומו והברזל חוזר ואם בלא לגלגל הרכב מתגלגל סביב הברזל והברזל עומד במקומו: אי נמי כצנורא דדשא. שהדלת סובבת בחור המפתן העליון והמפתן במקומו עומד ואם בלא לגלגל המשקוף הוא מגלגל סביב הציר והדלת עומד במקומו כך הגלגל מתגלגל בפני עצמו ומוליך החמה והמזלות קבועים בגלגל אחר בתוכו והוא הגלגל אינו זז ממקומו אלא גלגל חיצון מוליך החמה על פני כל המזלות. אי נמי גלגל חמה מבפנים וגלגל המזלות מבחוץ ולמטה מן הרקיע וזורחת על החוץ כשבר אנו רואין ובלילה למעלה מן הרקיע אורחת ואינה נראית למטה: כ"ג וחכמי עכו"ם אומרים ביום למטה מן הרקיע ובלילה למטה מן הקרקע: מעיינות צוננין. אין לך מים נובעים שאינן צוננין ביום יותר מבלילה ואע"פ שמי נהרות המים הם ביום בחום הקיץ הוא זה מפני שהחוקות מתקיש נביעתן וגי זהמתו בחום העולם אבל תיכף נביעתן הם צוננין ביום לפי שהחמה בגובה מהם: ובלילה מעיינות רותחין שהחמה מתממתן התחת הקרקע הדע שבעלות סמר אתה רואה עשן על הנהרות: בשיפולו של רקיע. סמוך לקרקע בשולי הכיפה: לפיכך כל העולם צונן. שאינה מהלכת אלא בגדי העולם: ומעיינות רותחין. דהיינו אלא

---

דיא מזלות. אונ יעדער מזל פירט די זוהן צום אנדערין מזל אונ גייט באלד צוריק אויף זיין ארט. אונ די חכמים פון די פעלקער זאגען דער ראד דרייט זיך אונ דיא מזלות זיצען אויף זייערע ארטער אונ דער ראד פירט דיא מזלות. האט רבי גזאגט דיא רייד פון דיא חכמים פון דיא פעלקער קען מען אפ פרעגין. ווייל מיר האבען קיין מאהל ניט גזעהן דעם מזל עגלה אין דרום זייט אונ דעם מזל עקרב אין צפון זייט. נאר אייביג איז עגלה אין צפון אונ עקרב אין דרום. ווייל דער ראד זיצט אויף איין ארט. אונ יעדער מזל קומט באלד צוריק אויף זיין ארט. אבער וויא די חכמים פון די אומות זאגען אז דער ראד דרייט זיך ארום אונ ארום שלעפט ער דאך דעם מזל פון צפון אין דרום אונ פון דרום אין צפון. זאגט די גמרא רב אחא בר יעקב הט אקשיא גיפרעגט. טאמער איז דאס גימאכט אזוי וויא דער אייזין פון אמידל שטיין. אין דעם מיהל שטיין זיצט אאייזין. אונ דער אייזין דרייט זיך. אונ דער שטיין וואס ארום אייזין רירט זיך ניט פון ארט. אדער וויא דער אייזין פון אטיר. פאר צייטען איז ניט גיוועזן נאוויעסעס אין אטיר. נאר אונטען אין טיר איז גיוועזן אאייזין אונ אויבן איז גיוועזן אאייזען. דער אונטערשטער אייזען איז גיזעסען אין די אונטערשטע שוועל. אונ דער אויבערשטער אייזען איז גיזעסען אין די אויבערשטע שוועל. אונ די טיר ווען מען מאכט איר צוא אונ אויף. דרייען זיך די אייזענס אין די שוועלען. אונ די שוועלען רירען זיך ניט פון ארט. אזוי קען זיין איז דא אויך. עס זענען דא צוויי רעדער. איינער אין דעם אנדערען. אין איינעם זיצען דיא מזלות. אונ דער ראד רירט זיך ניט פון ארט. אונ די מזלות רירען זיך אויך ניט פון ארט. אונ איין ראד פירט די זוהן. אונ דער ראד דרייט זיך מיט דיא זוהן ארום אלע מזלות. די ידישע חכמים זאגען ביי טאג גייט די זוהן אונטער דעם הימעל. אונ ביי נאכט גייט די זוהן איבער דעם הימעל. אונ דיא חכמים פון דיא פעלקער זאגען ביי טאג גייט דיא זוהן איבער דעם הימעל. אונ ביי נאכט גייט דיא זוהן אונטער דעם הימעל. וראס מיינט מען ואונטער די ערד. אונ מיר זעהן אז זייערע רייד איז ריכטיגער ווי אונזערע רייד. ווארום ביא טאג זענען די קוואלען קאלט. אונ ביי נאכט זענען דיא קוואלען הייס. מיר האבען גילערנט רבי נתן זאגט זומער גייט דיא זוהן אין די הייך פון הימעל. דריבער איז די גאנצע וועלט הייס. אונ די קוואלע זענען קאלט. ווינטער גייט די זוהן אין די נידעריגקייט פון הימעל. דריבער איז די גאנצע וועלט קאלט. אונ די קוואלען זענען הייס:

יותחין . ת"ר בד' שבילים חמה מהלכת ניסן אייר סיון מהלכת בהרים כדי לפשר את השלגים תמוז אב ואלול בישוב כדי לבשל את הפירות . תשרי חשון וכסליו בימים כדי ליבש את הנהרות . טבת שבט ואדר מהלכת במדבר שלא לייבש את הזרעים :

שנים אלדי פעולה בהמעיינות מלות מגן : נד' שבילין . מהלכה בגובהה של חמה : בהמוריס בהרים . כמו כך דנקתן : סדר הבדלות . שיגו בבא הבדלות ולף על גב דליסא תאני בין יום השביעי לששת ימי המעשה לא קא חשיב דמעין חתימה הוא : וחותם בסדר בראשית . ברוך עושה בראשית (שבמועלי שבת דמתיל כקב"ה לסדר מ"ב) וכולהו כך כתיבי וכו' אבל הבדלה דשבת לא כתיבא דמעין חתימה חשיב לה לקמן :

בבני מעים . הואיל ועוסק בסעודה יכול הוא לאכול בני מעים מה שדרך הכמם לאכול יכול הוא לאכול כן מן כמנחה ולמעלה דהואיל והוא עסוק בה מעמד ליה אי לא אכיל ותי אכיל לא מבביע

# ערבי פסחים פרק עשירי

(דף קד) **א אמר** רבי יותנן בנן של קדושים אומר אחת ונהגו העם לומר שלש מאן ניהו בנן של קדושים רבי מנחם בר סימאי ואמאי קרו ליה בנן של קדושים דלא איסתכל בצורתא דזוזא :

**ב אמר** רבי יהושע בן לוי המבדיל צריך שיאמר כעין הבדלות האמורות בתורה מיתיבי סדר הבדלות היאך אומר המבדיל בין קדש לחול בין אור לחושך בין ישראל לעמים בין יום השביעי לששת ימי המעשה בין טמא לטהור בין הים לחרבה בין מים העליונים למים התחתונים בין כהנים לוים וישראלים וחותם בסדר בראשית ואחרים אומרים ביוצר בראשית (דף קה) תנא משמיה דר"ע כל הטועם כלום קודם שיבדיל מיתתו באסכרה :

(דף קז ע"ב) **ג** (מתני') **סמוך** למנחה לא יאכל אדם עד שתחשך וכו' . תניא נמי הכי השמש כטבל בבני מעים ונותנם לפני האורחין ואף ע"פ שאין

---

**תנו רבנן** . די רבנן האבען גילערנט די זוהן גייט אין פיר וועגן . די דריי חדשים ניסן אייר סיון גייט זי אויף די בערג . די שניי זאל ווארעם ווערין . די דריי חדשים תמוז אב אלול גייט זיא אין די ערטער וואו מענטשין וואוהנען . דיא פרוכטען אונ פאר ניידונג זאלען וואקסען אונ פערטיג ווערין . דיא דרייא חדשים תשרי חשון כסלו גייט זיא איבער דיא וואסערין דיא טייכען זאלען טרוקען ווערען . דיא דרייא חדשים טבת שבט אדר גייט זיא אין דער מדבר . דיא פאר ניידונג זאלען ניט פאר טריקענט ווערען וואורום אין ארץ ישראל זייט מען ווינטער) :

# פרק עשירי

**א** אמר . רבי יוחני האט גזאגט בנן של קדושים זאגט איינס . מוצאי שבת זאל מען נאר זאגען המבדיל בין קודש לחול . נאר דער מנהג איז מען זאל זאגען דריי . בין קודש לחול . בין אור לחשך . בין ישראל לעמים . ווער איז דער בנן של קדושים . דאס איז רבי מנחם בן סימאי . פאר וואס רופט מען איהם בנן של קדושים . ווייל ער האט ניט גיקוקט אויף אצורה פון אמטבע :

**ב** אמר . רבי יהושע בן לוי הט גזאגט דער ווס מאכט הבדלה דארף ער זאגען די הבדלות וואס שטייען אין די תורה . זאגט דיא גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין . וויא זאל מען זאגען הבדלה . המבדיל בין קודש לחול . בין אור לחשך . בין ישראל לעמים . בין יום השביעי לששת ימי המעשה . בין טמא לטהור . בין הים לחרבה . בין מים העליונים למים התחתונים . בין כהנים לוים וישראלים . אונ ער זאל אוים לאזען ברוך סודר בראשית . אנדערע זאגען ער זאל אוים לאזען ברוך יוצר בראשית . ועיין בגמרא . מיר האבען גילערנט פון רבי עקיבאס וועגין דער וואס פאר זוכט עפעס פר הבדלה וועט ער שטארבען דורך אסכרה . ודאס איז אזו אקראנקיים אין האלדז :

**ג** מתניתין . ערב פסח נאנט צוא מנחה זאל אמענטש ניט עסין ביז נאכט . זאגט דיא

שאין ראיה לדבר זכר לדבר שנאמר (ירמיה ד) נירו לכם ניר ואל תזרעו אל קוצים :

(דף קח ע"ב) **ד רבי** יהודה אומר צריך שיהא בו טעם ומראה יין אמר רבא מאי טעמא

ליה : נירו לכם ניר . כשתסדרו בדבר תפלתו בדבר שאתם יכולין ממנו ושמח זה שעורכין בסעודה וכיון שמוכיחים אם אינו נאה מגער ליה : אל תרא יין . אלמא יין מראה בעי :

פרי

דר"י דכתיב (משלי כג) אל תרא יין כי יתאדם (דף קט) ת"ר חייב אדם לשמח (את אשתו) [בניו] ובני ביתו ברגל שנאמר (דברים יז) ושמחת בחגך במה משמחן ביין ר"י אומר אנשים בראוי להן ונשים בראוי להן אנשים בראוי להן ביין ונשים בראוי להן בטאי תני רב יוסף בבבל בבגדי צבעונין בא"י בבגדי פשתן מגוהצין . תניא רבי יהודה בן בתירה אומר בזמן שבית המקדש קיים אין שמחה אלא בבשר שנאמר (דב כז) וזבחת שלמים ואכלת שם ושמחת לפני ה' אלהיך ועכשיו שאין בית המקדש קיים אין שמחה אלא ביין שנאמר (תהלים קד) ויין ישמח לבב אנוש :

**ה ולא** יפחתו לו מארבע כוסות וכו' היכי קיימי רבנן ומתקני מלתא דאתו בה לידי סכנתא והא תניא לא יאכל אדם תרי ולא ישתה תרי וכו'

אמר

---

גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערנט דער סארווער וואס בדינט ביי דיא סעודה ערב פסח מעג ער עסין אביסעל גידערים (קישקעלאך) אונ ער מעג זיי געבין פאר די געסט. זייא זאגען אויך עסין פון דיא קישקעלאך. ערשטינס ווייל דאס מאכט ניט זאט. אונ צווייטינס אז ער וועט ניט עסין וועט ער האבען צער. אבער אנדערע זאכען טאר מען גיט עסין. אפילו עס איז ניטא קיין בעווייזונג צו דעם דין. פון דעסטוועגין איז דא אדערמאנונג צו דער זאך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר זאלט האקערין אונ איר זאלט ניט זייען אויף דערנער. אז איר טוהט אזאך זאלט איר הנאה האבען פון די זאך. אזוי אז דער בדינער הט גיארבעט ביי דיא סעודה. דארף ער הנאה האבען פון איר :

**ד** רבי יהודה זאגט די פיר כוסות ווס מען טרינקט פסח ביי נאכט. דער טעם דארף זיין וויין. אונ דער קאלאר דארף זיין ווין. רבא האט גיזאגט פון וואנען ווייס דאס רבי יהודה. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט זעהן (עס זאל דיר ניט גיפעלין) דער וויין ווייל ער איז רויט. זעהן מיר אז דער קאלאר פון וויין דארף זיין רויט :

תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אמענטש דארף פרייליך מאכען זיין ווייב אונ זיינע קינדער אום יום טוב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט דיך פרייען אין דיין יום טוב. מיט וואס זאל ער זיי פרייליך מאכען. מיט וויין. רבי יהודה זאגט מאנס לייט זאלען זיך פרייען מיט וואס צו זייא גיהער. אונ ווייבער זאלען זיך פרייען מיט וואס צו זייא גיהער: מאנס לייט זאלען זיך פרייען מיט וויין. אונ ווייבער מיט וואס זאלען זיך פרייען. הט רב יוסף גיזאגט אין בבל פרייען זיך די ווייבער מיט גיפארבטע קליידער וואס דיא מאנען מאכען זייא. אונ אין ארץ ישראל פרייען זיך דיא ווייבער מיט ליינוואנדענע קליידער גיפרעסטע. מיר האבען גילערנט רבי יהודה בן בתירה זאגט ווען דער בית המקדש איז גישטאנען איז ניט גיוועזן קיין אנדער שמחה נאר מיט פלייש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט שעכטען שלמים אונ דוא זאלסט דארטען עסען אונ זאלסט דיך פרייען פר גאט. אבער איצט אז דער בית המקדש איז ניטא. איז ניטא קיין אנדער שמחה נאר מיט ווין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויין ישמח לבב אנוש. וויין דער פרייט דיא הארץ פון מענטש :

**ה** ולא . פארעם מאן זאל מען אים געבין ניט ווייניגער וויא פיר כוסות וויין. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי האבין די רבנן געהייסין טאהן אזוי אזאך וואס מען קען קומען צו אסכנה: מיר האבין דאך גילערנט אמענטש זאל ניט עסין צוויי ולמשל צוויי פירות) אונ ער זאל ניט

טרינקען

פי' . זוגות : כוס של ברכה מאן . שהוא ד' : לרעה אין מצטרף . כגון אם שתה שלש והוא רביע אבל בעלמא מצטרף לטובה כגון אם שתה ב' כוסות והוא ג' : מצוה באפי נפשיה . ואין מצטרפין זה לזה : לא יתקרי מזיק . ולא מזיק לאנוס : בתרי כסי קטלינן . ליה משום זוגות :

אמר רב נחמן (בר יצחק) אמר קרא (שמות יב) ליל שמורים הוא לה' לילה המשומר ובא מן המזיקים רבא אמר כוס של ברכה מצטרף לטובה ואינו מצטרף לרעה רבינא אמר ד' כסי תקינו רבנן דרך חירות כל חד וחד (דף קי) מצוה באפי נפשיה הוא . אמר עולא עשרה כוסות אין בהן משום זוגות וכו' אבל תמניא יש בהן משום זוגות רב חסדא ורבה בר רב הונא דאמרי תרווייהו שלום לטובה מצטרף לרעה לא מצטרף רב יוסף אמר אמר לי יוסף שידא אשמדאי מלכא דשידי ממונה הוא אבולי זוגי ומלכא לא איקרי מזיק איכא דאמרי אדרבא מלכא רשותיה בידיה דמאי דבעי עביד א"ר פפא א"ל יוסף שידא בתרי קטלינן (בד' לא קטלינן) בד' מזקינן בב' בין בשוגג בין במזיד בד' במזיד אין בשוגג לא ואי אישתלי ואיקרי ונפיק מאי

---

טרינקען ולמשל צוויי גלעזער וויין). און פיר אויך ניט און זעקס אויך ניט. וואס גאר גלייך צו די פּאר. דאס הייסט זוגות. איז אַסכּנה. ווי אַזוי טרינקט מען פּסח ביי נאכט פיר כוסות האט רב נחמן געזאגט עס שטייט אין פסוק ליל שמורים הוא לה'. די נאכט איז געהיט צו גאט. דאס מיינט מען די נאכט היט גאט די יודען עס זאל זיי ניט געשעהן קיין שרעקען. רבא זאגט דער כוס פון בענטשין ווערט גערעכענט צו גוטען. אָבער ניט צו שלעכטען. אז איינער האט געטרונקען צוויי כוסות דער נאך האט ער געבענטש און האט געטרונקען דעם כוס פון בענטשין. רעכענט מען דאס פאר דרייא כוסות: עס זאל ניט זיין זוגות. אָבער אז ער האט געטרונקען דריי כוסות דער נאך האט ער געבענטש און האט געטרונקען דעם כוס פון בענטשין. רעכענט מען ניט דעם כוס פון בענטשין צו יענע דרייא כוסות עס זאל ווערין פיר. עס זאל זיין זוגות. נאר דאס הייסט דריי בעזונדער. און איינער בעזונדער. רבינא זאגט די רבנן האבין געהייסען טרינקען פיר כוסות אויף די פרייהייט וואס מיר זענען פריי געווארען פון מצרים. און יעדער כוס איז אַבזונדער מצוה. עולא זאגט צעהן כוסות איז ניט קיין זוגות. ווארום צעהן איז איינס. איין מאהל צעהן. אַכט כוסות איז זוגות. רב חסדא און רבה בר רב הונא זאגין ביידע דער ווארט שלום ווערט גערעכענט צו גוטען אָבער ניט צו שלעכטין. אז מען זאגט פיר ווערטער און דעם ווארט שלום אויך. הייסט דאס פינף ווערטער. איז ניט קיין זוגות. אָבער אַז מען האט געזאגט דריי ווערטער און דעם ווארט שלום אויך. ווערט ניט צו גירעכענט דער ווארט שלום. נאר די דריי ווערטער זענען בעזונדער און דער ווארט שלום איז בעזונדער. איז ניט קיין זוגות. רב יוסף האט געזאגט דער שד וואס הייסט יוסף האט מיר געזאגט אשמדאי וואס ער איז דער מלך פון די שדים. ער אליין האט צו באפעלין אויף אלע זאכען. וואס זענען זוגות. און אַמלך אליין טוהט ניט קיין שאדין דריבער דארף מען זיך ניט היטען פאר זוגות. אַנדערע זאגין פאר קערט האט ער געזאגט און אַמלך קען דאך טאהן וואס ער וויל דארף מען זיך יא היטען פאר זוגות. רב פפא האט געזאגט יוסף שידא האט מיר געזאגט אַז מען טרינקט צוויי כוסות. הרגנן מיר דעם מענטש. אַז מען טרינקט פיר כוסות. הרגנן מיר אים נישט. נאר אַשאדין מאכין מיר אים (ועיין מהרש"א). אַז מען טרינקט נאר צוויי כוסות. פיי אומגערין. ער האט פאר געסין אַז צוויי איז זוגות דריבער האט ער ניט געטרונקען אַדריטען כוס. אָדער ער האט געוואוסט אַז צוויי איז זוגות. נאר ער האט געזאגט ער האט ניט מורא פאר זוגות סיי אַזוי און סיי אַזוי הרגנן מיר אים. אָבער אַז ער האט געטרונקען פיר כוסות. אויב ער האט געזאגט ער האט ניט מורא פאר זוגות. מאכין מיר אים אַשאדין. אָבער אַז ער האט מורא פאר זוגות נאר ער האט פאר געסין צו טרינקען אַדריטען כוס. מאכין מיר אים ניט קיין שאדין. זאגט די גמרא אויב איינער האט געטרונקען צווייא כוסות אָדער גיגעסין צוויי פירות. און ער האט פאר געסין צו עסין אָדער טרינקען. נאך אַדריטע.

און

מאי תקנתי' לנקוט זקפא דידיה דימיניה בידי' דשמאלי' וזקפא דידיה דשמאליה בידיה דימינא ונימא הכי אתון ואנא הא תלתא ואי שמע איניש דאמר אתון ואנא הא ארבע נימא אתון ואנא הא חמשא ואי שמיע ליה דאמר אתון ואנא הא שיתא נימא ליה אתון ואנא הא שבעה הוה עובדא עד ק' וחד ופקע שידא אמר אמימר אמרה לי רשתיהו דנשים כשפניות האי מאן דפגע בהו בנשים כשפניות נימא הכי כו' יעויין בגמרא ולבסוף כתיב (ע"ב) במערבא לא קפדי אזוגי בנהרדעא קפדי אזוגי. כללא דמלתא כל דקפיד קפדי בהדי כל דלא קפיד לא קפדי בהדיה ומיהו למיחש מיבעיה . (דף קי"א) אר"ל ד' דברים כל העושה אותן דמו בראשו ומתחייב בנפשו ואלו הן הנפנה בין דקל לכותל והעובר בין ב' דקלים והשותה מים שאולין והעובר על מים שפוכים וכו'. ת"ר ג' לא ממצעין ולא מתמצעין אלו הן הדקל והכלב והאשה וי"א אף הזיר

ואיקרי ונפיק . בזוגות מאי תקנתיה : זקפא . אגודל : ואי שמע קלא . אפילו קול אדם או קול אבם דאמר ד' נימא איהו ה' (שסבר שונה זוגות וכולו מוסיף אחד שלא לעמוד בזוגיה) · ופקע שידא . מרוב צער : רשתיהו דנשים כשפניות . גבירתן של נשים כשפניות הבילטות בהן ומלמדתן אמרה לי דבר זה וכו' : כל דקפיד . מדקדק יותר מדאי : ודלא קפיד . כ"כ : לא קפדי בהדיה , לאזיקו : ומיהו למיחש מבעי' . ואפילו מאן דלא קפדין בהדיה . דאי לא הימא הכי אלא לגמרי לא קפדי בהדיה כלל א"כ זוגות למה מכרו בגמרא כן היה להם להכמים לומר לא יזכר פום אדם בזוגות ולא קפדי בהדיה : ארבעה דברים . וכולן משום רוח רעה : לא ממצעין . לא יעברו בין ב' אנשים : ולא מתמצעין. לא יעבור איש בין ב' כלבים ובין ב'

---

אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִינַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרְט . וָואס זָאל עֶר טָאהן . זָאל עֶר אַרַיין שְׁטֶעקֶען דֶעם גְרָאבֶּען פִינְגֶער פוּן דִי רֶעכְטֶע הַאנְט . אִין דִי לִינְקֶע הַאנְט : אוּן דֶעם גְרָאבֶּען פִינְגֶער פוּן דִי לִינְקֶע הַאנְט זָאל עֶר אַרַיין שְׁטֶעקֶען אִין דִי רֶעכְטֶע הַאנְט . אוּן זָאל אַזוֹי זָאגֶען אִיר אוּן אִיךְ זֶענֶען דְרַיי . אוּן אוֹיב עֶר הֶערְט מֶען זָאגְט אִיר אוּן אִיךְ אִיז פִיר . זָאל עֶר זָאגֶען אִיר אוּן אִיךְ זֶענֶען פִינְף . אוּן אוֹיב עֶר הֶערְט מֶען זָאגְט אִיר אוּן אִיךְ זֶענֶען זֶעקְס . זָאל עֶר זָאגֶען אִיר אוּן אִיךְ זֶענֶען זִיבֶּען . אוּן אַזוֹי וַוייטֶער . עֶס זָאל נִיט אוֹיס גִיקָאזְט וֶוערֶען בַּיי זוגות . עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען אַז מֶען הָאט גְזָאגְט בִּיז הוּנְדֶערְט מִיט אֵיינְס . הָאט דֶער שֵׁד גִיפְּלַאצְט פוּן צַעַר . אַמֵימָר הָאט גְזָאגְט דִי עֶלְצְטֶע פוּן דִי וַוייבֶּער וָואס מַאכֶין כִּישׁוּף הָאט מִיר גְזָאגְט . דֶר וָואס בַּאגֶעגִינְט דִי וַוייבֶּער וָואס מַאכֶען כִּישׁוּף . זָאל עֶר אַזוֹי זָאגֶען וִוי אִין דִי גְמָרָא שְׁטֵייט . אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . הָאט מֶען נִיט מוֹרָא פַאר זוגות . אִין דִי שְׁטָאט נְהַרְדָעָא הָאט מֶען מוֹרָא פַר זוגות . דֶער כְּלָל פוּן דֶער זַאךְ אִיז . דֶער וָואס הָאט מוֹרָא פַאר זוגות אוּן עֶר הִיט זִיךְ עֶר זָאל נִיט עֶסֶין אוּן נִיט טְרִינְקֶען זוגות . זוכֶען דִי שֵׁדִים זֵיי זָאלֶין אִים יָא טְרֶעפֶין בַּיי זוגות . אוּן אַז זֵיי טְרֶעפֶין אִים מַאכֶען זֵיי אִים שָׁאדִין . אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִיט מוֹרָא פַאר זוגות . אוּן עֶר הִיט זִיךְ נִיט . אַמָאהל בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין בַּיי זוגות אוּן אַמָאהל נִיט . וִויא עֶס טְרֶעפְט אִים . נָאךְ דֶעם מֶענְטְשִׁין זוכֶען דִי שֵׁדִים נִיט זֵייא זָאלִין אִים טְרֶעפִין בַּיי זוגות . אוּן אַז זֵייא טְרֶעפִין אִים אַמָאהל בַּיי זוגות מַאכִין זֵיי אִים אוֹיךְ נִיט קֵיין שָׁאדִין . נָאר דִי גְמָרָא זָאגְט מֶען דָארְף דָאךְ מוֹרָא הָאבִּין פַאר זוגות . אַז מֶען קֶען זִיךְ הִיטֶען מֶען זָאל נִיט בְּלַייבִּין שְׁטֵיין בַּייא זוגות אִיז בֶּעסֶער :

רֵישׁ לָקִישׁ הָאט גְזָאגְט פִיר זַאכִין זֶענִין דָא דֶר וָואס טוּהְט אֵיינֶע פוּן זֵיי אוּן עֶר שְׁטַארְבְּט אִיז עֶר אַלֵיין שׁוּלְדִיג גִיוֶוען אִין זַיין טוֹיט . דָאס זֶענִין דִי פִיר זַאכִין . אוֹיב אַטַייטֶל בּוֹים אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נָאהֶנְט פוּן וַואנְט . אוּן אַמֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט צְוִוישֶׁען דֶעם בּוֹים אוּן דִי וַואנְט דִי צוֹאָה זָאל פוּן אִים אַרוֹיס גֵיין . אִיז עֶר אִין אַסַכָּנָה . אוּן אַז אֵיינֶער גֵייט דוּרְךְ צְוִוישֶׁען צְווֵיי טַייטֶל בּוֹימֶער . אִיז עֶר אִין אַסַכָּנָה . אוּן אַז אֵיינֶער טְרִינְקְט גִיבָּארְגְטֶע וַואסְער . אִיז עֶר אִין אַסַכָּנָה . אוּן אַז אֵיינֶער גֵייט אוֹיף אוֹיס גִיגָאסֶענֶע וַואסֶער . אִיז עֶר אִין אַסַכָּנָה . דִי רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערְנְט דְרַיי זַאכִין זֶענִין דָא . וָואס מֶען טָאר נִיט לָאזִין דִי זַאךְ זָאל גֵיין דוּרְךְ צְווֵיי מֶענְטְשִׁין . אוּן אַמֶענְטְשׁ טָאר נִיט גֵיין דוּרְךְ צְווֵיי זַאכִין . דָאס זֶענִין דִי דְרַיי זַאכִין . אַטַייטֶל בּוֹים . אוּן אַהוּנְט . אוּן אַאִשָּׁה . אַנְדֶערֶע זָ גִין אַחֲזִיר אוֹיךְ . אִיז פִיר זַאכִין . אוּן אַנְדֶערֶע זָאגִין אַשְׁלַאנְג אוֹיךְ . אִיז פִינְף זַאכִין . אַמֶענְטְשׁ טָאר נִיט גֵיין צְוִוישֶׁען צְווֵיי טַייטֶל בּוֹימֶער . אוּן נִיט צְוִוישֶׁען צְווֵיי הִינְט . אוּן אַזָכָר טָאר נִיט גֵיין צְוִוישֶׁען צְווֵייא

ווייבער

נשים ויזין ב' דקלים: נפתח באל ומסיים באל. אל מוציאו ממצרים וגו' לא הביט און ביעקב וגו' עד מה פעל אל: ליפתח בלא ומסיים בלא. לא איש אל ויכזב עד ולא יקימנה: הורגת אחד מהם. שמזיקתו במה שעברה ביניהם: אגרת אזלת אוסיה בלוסיה. הואיל שדים שאתן עוסקות בהן נכשפים: מתקטלין בחץ קבל. כבר הרוגים הם בחצים: בחץ קבל. הרק"ו בליסטר"א כמו ומחי קבלו יתן כהומתיה כך שמע (רבי ורבי מפי מורה כגמרא

וי"א אף נחש ואם ממצעינהו מאי תקנתיה אר"פ ליפתח באל ויסיים באל א"נ ליפתח בלא ויסיים בלא הני תרי (דהוו יתבי) [דיתבי] ופסקה אשה נדה בינייהו אם תחלת נדה היא הורגת את אחד מהן ואם סוף נדה היא עושה מריבה ביניהם מאי תקנתיה ליפתח בלא ויסיים בלא. הני תרתי נשי דיתבן בפרשת דרכים חדא בהאי גיסא דשבילא והדא בהאי גיסא ומתכוונן אפיירו להדדי הנהו ודאי בכשפין עסקי לא ליחליף בינייהו מאי תקנתיה אי איכא דרכא אחרינא ליזיל ולא ליזיל בינייהו כלל ואי ליכא דרכא אחרינא אי איכא איניש בהדיה גינקטו לידייהו בהדי הדדי וניחלפי ואי לא נימא הכי אזלת אגרת בת מחלת אוסיא בלוסיא מתקטלין בחץ קבל. האי מאן דפגע באיתתא בעידנא דסלקא מטבילת מצוה אי איהו קדים ומשמש אחדא ליה לדידיה רוח זנונים וכו' מאי תקנתיה לימא הכי (תהלים קז) שופך בוז על נדיבים. אמר רבי יצחק מאי דכתיב (תהלים כג) גם כי אלך בגיא צלמות וגו' זה הישן

בצל

---

ווייבער. און אמענטש טאר ניט גיין צווישען צוויי חזירים. און ניט צווישען צוויי שלאנגען. און אשלאנג טאר ניט גיין צווישען צוויי מענטשין. און אחזיר טאר ניט גיין צווישען צווייא מענטשין. און אאשה טאר ניט גיין צווישען צווייא זכרים. און אהונט טאר ניט גיין צווישען צוויי מענטשין. און עם טאר ניט זיין אטייטיל בוים צווישען צוויי מענטשין. און אויב מען איז יא גיגאנגען וואס זאל מען טאהן. האט רב פפא גזאגט ער זאל זאגין אפסוק וואס דר אנהייב איז מיט דעם ווארט אל און דר סוף איז מיט דעם ווארט אל: ער זאל אנהייבין דעם פסוק אל מוציאו ממצרים. און זאל זאגין ביז מה פעל אל. אדער ער זאל זאגין אפסוק וואס דר אנהייב איז מיט דעם ווארט לא. און דער סוף איז מיט דעם ווארט לא. ער זאל אנהייבין דעם פסוק לא איש אל ויכזב. און זאל זאגין ביז ולא יקימנה. אויב צוויי מענטשין זיצין און אאשה נדה גייט דורך צווישען זיי אויב זיא איז אין אנהייב נדות. הרגת זי איינעם פון זיי און אויב זיא איז אין סוף נדות מאכט זי אקריג צווישען די צוויי מענטשין. וואס זאלין זייא טאהן. זייא זאלין זאגין אפסוק וואס דר אנהייב איז מיט דעם ווארט לא און דער סוף איז מיט דעם ווארט לא (ווי פריער שטייט). אויב צוויי ווייבער זיצען וואו די וועגין שיידין זיך. איינע זיצט אויף דער זייט וועג. און איינע זיצט אויף דער זייט וועג. און זיי קוקען איינע אויף די אנדערע. איז געווים אז זיי מאכען כישוף. זאל מען ניט דורך גיין צווישען זיי. וואס זאל מען טאהן: אויב עם איז דא איין אנדער וועג. זאל ער גיין דורך די אנדערע וועג. און זאל ניט גיין צווישען די ווייבער. און אויב עם איז ניטא קיין אנדער וועג. אויב ער האט נעבין זיך נאך אמענטש. זאלין זיך ביידע מענטשין אן נעמען ביי די הענט און זאלין דורך גיין. און אויב ער האט ניט קיין מענטש נעבין זיך. ער איז אליין. זאל ער דורך גיין צווישען זייא און זאל אזוי זאגין אזלת אגרת בת מחלת אוסיא בלוסיא מתקטלין בחץ קבל. (די שדים וואס הייסין אגרת בת מחלת און אוסיא בלוסיא. זענען אוועק גיגאנגען און זענען גיהרגעט גיווארין מיט אפייל). דער וואס בגעגינט אאשה וואס גייט צוריק פון טבילה. אויב ער איז פריער משמש המטה מיט זיין ווייב איידער זי איז משמש המטה מיט איר מאן. וועט עם ווערין אגואף. ער וועט בעקומען אתאוה צו מזנה זיין. וואס זאל ער טאהן. ווען ער בגעגינט די אשה וואס גייט פון טבילה זאל ער זאגין דעם פסוק שופך בוז על נדיבים. רבי יצחק האט גיזאגט וואס מיינט דער פסוק גם כי אלך בגיא צלמות. אפילו ווען איך וועל גיין אין שאטען פון טויט וועל איך קיין מורא ניט האבין פאר שרעקין. וועלכער איז דר שאטען פון טויט. דאס מיינט מען אז איינער שלאפט ביי נאכט אליין אונטער דעם שאטין פון אטייטיל

בוים

בצל דקל יחידי. עוד האריכו בגמרא בענינים כאלו מי שיהפוך בהם שם ימצאם גם האריכו בענין קטב מרירי אמרי (ע"ב) קטב מרירי תרי קטבי הוו, חד מקמי טיהרא וחד בתר טיהרא דמקמי טיהרא קטב מרירי שמיה ומחזי ככדא דכמכא והדר ביה בבחשה דבתר טיהרא קטב ישוד צהרים שמיה ומחזי כקרנא דעיזא והדר ביה כי נפיא. אביי הוה קאזיל באורחא ורב פפא מימיניה ורב הונא בריה דרב יהושע משמאליה חזייה לההוא קטב מרירי דקאתי להדי שמאליה ואהדריה לרב הונא בריה דרב יהושע מימיניה ולרב פפא משמאליה אמר ליה רב פפא ואנא מאי שנא א"ל את שעתא קיימא לך מחד בתמוז ועד שיתסר ביה ודאי שכיחי מכאן ואילך ספק שכיחי ספק לא שכיחי ועוד בגמרא כזה ובכיוצא בזה. (דף קיב) ת"ר לא ישתה אדם מים לא בלילי רביעיות ולא בלילי שבתות ואם שתה דמו בראשו מפני הסכנה מאי סכנה רוח רעה ואי צחי מאי תקנתיה אי איכא חבריה בהדיה נגעריה ולימא פלניא צחינא מיא ואי לא לימא ברישא שבעה קולות דאמר דוד על המים והדר ישתה שנאמר (תהלים כט) קול ה' על המים אל הכבוד הרעים ה' על מים רבים וכל הפסוקים עד ובהיכלו כולו אומר כבוד. ואי לא נימא הכי לול שפן וכו'.

ת"ר

שמע מרנו מאור הגולה) [רבינו מרנו ורבו מה"ר"ג ז"ל]. הגה"ה בה מחלת שם שידה: בהבא. כף הקדרה: והדר בכדא דכמכא. מהגלגל באחד כד של כותח:

---

בוים. זאָגט די גמרא וואָס הייסט קטב מרירי. עס איז דאָ צוויי קטב. איינער פאַר האַלבן טאָג און איינער נאָך האַלבן טאָג. דער וואָס פאַר האַלבן טאָג הייסט קטב מרירי. און ער זעהט אויס אַזוי וויא אַפּאַם פון כותח. און ער דרייט זיך אין די פאַם אַזוי ווי מען מישט מיט אַקאָכלעפל אין אַטאָפּ עסין. [כותח איז אַזוי איין עסין וואָס מען מאַכט מיט איין מאָהל אַפּורע פאַם]. דער וואָס נאָך האַלבן טאָג הייסט קטב ישוד צהרים. און ער זעהט אויס אַזוי וויא די הערנער פון אַקאָזע. און ער דרייט זיך אַזוי וויא מען שאָקלט אַזיפּ. אַביי איז אַמאָהל גינאַנגין אין וועג. און רב פפא איז געגאַנגען פון זיין רעכטע זייט. און רב הונא בריה דרב יהושע איז געגאַנגען פון זיין לינקע זייט. האָט אַביי גיזעהן וויא דער שד וואָס הייסט קטב מרירי קומט צו זיין לינקע זייט. האָט אַביי אומגיטאַהשט רב הונא בריה דרב יהושע האָט ער גינומען אין זיין רעכטע זייט און רב פפא אין זיין לינקע זייט. האָט רב פפא גזאָגט צו אַביי פאַר וואָס גערעכנט מיך אין די לינקע זייט דער שד וועט דאָך קומען צו מיר. האָט אַביי גזאָגט צו רב פפא דיר וועט די צייט באַגליקן אַז דער שד וועט דיר גאָר ניט טאָהן. ווייל דוא ביזט אַגליקליכער מענטש. זאָגט דיא גמרא פון ראש חדש תמוז ביז זעכצעהן טעג אין תמוז זענען געווים דאָ שדים. פון זעכצעהן טעג און ווייטער ודעם גאַנצען יאָהר] ווייס מען ניט. עס קען זיין זייא זענען יא דאָ. און עס קען זיין זייא זענען ניטאָ:

תנו רבנן. די רבנן האָבין גילערנט אַמענטש זאָל ניט טרינקען וואַסער ניט די נאַכט וואָס גיהער צו מיטוואָך און ניט די נאַכט וואָס גיהער צו שבת [דאָס מיינט מען בייַ נאַכט אין דער פינצטער]. און אויב ער האָט גיטרונקען. איז אַסכנה. און אויב ער וועט שטאַרבין איז ער אַליין שולדיג אין זיין טויט. וואָס איז די סכנה פון די שדים. און אויב ער איז דאַרשטיג וואָס זאָל ער טאָהן. אויב עס איז דאָ נאָך אַמענטש מיט אים אין שטוב זאָל ער אים אויפוועקן. און זאָל זאָגין צו אים. משה [אָדער איין אַנדער נאָמען] איך בין דאַרשטיג און וויל טרינקען וואַסער. און אויב ער איז אַליין אין שטוב. אָדער ער וויל ניט אויפוועקין זיין חבר. זאָל ער פריער זאָגין אויף דעם וואַסער וואָס ער וויל טרינקען די זיבען מאָהל קול וואָס דוד המלך האָט גזאָגט. דר נאָך זאָל ער טרינקען. אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ק'ל יי' על המים אל הכבוד הרעים יי' על מים רבים. און די איבעריגע אַלע פסוקים ביז ובהיכלו כולו אומר כבוד. אָדער ער זאָל זאָגין לול שפן און ווייטער אַזוי וויא עס שטייט אין די גמרא.

תנו

פי׳ פו כומר . כמתנן נמלת יותר מבהיכולת ת״ר לא ישתה אדם מים לא מן הנהרות ולא מן האגמים בלילה ואם שתה דמו בראשו מפני הסכנה מאי סכנה סכנת שברירי . ואי צחי מאי תקנתיה אי איכא איניש גביה נימא ליה פלניא בר פלניתא צחינא מיא והדר נישתי ואי לא נימא איהו לנפשיה פלניא בר פלניתא אמרה לך אימך איזדהיר משברירי שבירורי ברידי רידי ירי רי צחינא מיא בכסי חיורי :

ו פסקא ולא יפחתו לו מד׳ כוסות של יין ואפילו מן התמחוי פשיטא לא צריכא אלא אפילו לרבי עקיבא דאמר עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות הכא משום פרסומי ניסא מודה . תנא דבי אליהו אע״פ שאמר ר״ע עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות אבל עושה אדם דבר מועט בתוך ביתו ומאי נינהו אמר רב פפא כסא דהרסנא כדתנן יהודה בן תימא אומר הוי עז כנמר וקל כנשר ורץ כצבי וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים .

תנו

---

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט אמענטש זאל ניט טרינקען ביי נאכט וואסער ניט פון טייך אונ ניט פון צוזאמפלונג ארט . אונ אויב ער האט גיטרונקען איז אסכנה . אונ אויב ער איז גישטארבען איז ער אליין שולדיג אין זיין טויט . וואס איז די סכנה . פאר דעם שד שברירי . אונ אויב ער איז דארשטיג (אונ ער האט ניט קיין אנדערע וואסער) וואס זאל ער טאהן . אויב עס איז דא מיט איהם נאך אמענטש . זאל ער זאגען צו איהם מרדכי בן שרה (אדער איין אנדער נאמען) איך בין דארשטיג אונ וויל טרינקען וואסער . דער נאך זאל ער טרינקען . אונ אויב ער איז אליין . עס איז קיינער ניטא מיט איהם . זאל ער זאגען צוא זיך אליין . וויא ער הייסט . למשל ער הייסט אברהם בן רבקה . זאל ער זאגען . אברהם בן רבקה דיין מאמע האט דיר גזאגט דוא זאלסט דיך היטען משברירי שבירירי ברידי רידי ירי רי איך בין דארשטיג צו טרינקען וואסער אין אווייסען כוס :

ף פסקא . אין דער משנה שטייט מען זאל געבין דעם ארעמאן אויף פסח ביא נאכט צום סדר פיר כוסות וויין ניט ווייניגער . אפילו ער איז אזוי אארעם מאן וואס ער עסט אגאנץ יאהר פון תמחוי זאל מען איהם אויך געבין פיר כוסות וויין . (תמחוי הייסט . מען פלעגט צו נאמען געמען אלע טאג גיקאכטע עסין פון בעלי בתים אונ מען פלעגט געבין יעדער ארעמאן צביסול עסין . דאס האט מען גיגעבען די פראסטע ארעמע לייט : אונ צו די איידעלע ארעמע לייט האט מען גיגעבען געלט זיי זאלען אליין קויפען עסען) . פרעגט די גמרא געוויס יא אז מען דארף געבין די ארעמע לייט וויין אויף פיר כוסות . ענטפערט די גמרא די משנה מיינט אפילו נאך רבי עקיבא וואס ער זאגט אארעם מאן זאל עסין שבת אזוי וויא אין דער וואכען אונ זאל ניט נעמען צדקה פון פרעמדע מענטשין . וואָרט איך וועלען מיינען עס איז גלייבער ער זאל ניט טרינקען פיר כוסות אונ זאל ניט נעמען פון צדקה . זאגט די משנה דא איז רבי עקיבא אויך מודה ער זאל נעמען פון צדקה אויף דיא פיר כוסות . וועיל דורך דעם וועט מער בעקאנט ווערין דער נס פון מצרים ביי זיינע שטוב מענטשין . דבי אליהו האט גילערונט אפילו רבי עקיבא וואס ער זאגט אמענטש זאל עסין שבת אזוי ווי אין דער וואכין אונ זאל ניט נעמען פון צדקה . אבער עפעס אזאך דארף ער יא אנגרייטען אויף שבת מער וויא אין דער וואכין . וואס זאל דאס זיין . האט רב פפא גזאגט אביסול קליינע פישלאך . אדער דיא פעטס פון קליינע פישלאך גימאכט מיט מעל . אזוי וויא מיר האבען גילערונט יהודה בן תימא זאגט דוא זאלסט זיין אעזות פנים אזוי וויא אלעמפערט . אונ גרינג וויא אאדלער . אונ זאלסט לויפען ווי אהערש . אונ זאלסט זיין שטארק וויא אלייב צו טאהן דעם ווילען פון דיין פאטער וואס אין הימעל . זעהן מיר אז אמענטש דארף זיך שטארקין מיט אלע זיינע כוחות צו טאהן אמצוה . דריבער דארף ער זעהן וויא עס מעגליך ער זאל עפעס אן גרייטען אויף שבת מעהר וויא אין דער וואכען :

הנו

**תנו** רבנן שבעה דברים צוה רבי עקיבא את רבי יהושע בנו אל תשב בגובהה של עיר ותשנה ואל תדור בעיר שראשיה תלמידי חכמים ואל תכנס לביתך פתאום כ"ש לבית חבירך ואל תמנע מנעלים מרגליך השכם ואכול בקיץ מפני החמה ובחורף מפני הצנה ועשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות והוי משתדל עם מי שהשעה משחקת לו אמר רב פפא לא למיזבן מיניה ולא לזבוני ליה דחטיף ליה מזליה אלא לאשתתופי בהדיה. והשתא ואמר (רבי שמואל אמר רב יצחק) [רב שמואל בר יצחק] מאי דכתיב (איוב א) מעשה ידיו ברכת כל הנוטל פרוטה מאיוב מתברך אפילו למיזבן מיניה ולזבוני ליה [ש"ד]. חמשה דברים צוה רבי עקיבא את רשב"י כשהיה חבוש בבית האסורין אמר ליה רבי למדני תורה אמר ליה איני מלמדך אמר ליה אם אי אתה מלמדני אני אומר ליוחאי אבא ומוסרך למלכות אמר ליה בני יותר ממה שהעגל רוצה לינק פרה רוצה להניק. א"ל מי בסכנה והלא עגל בסכנה א"ל אם בקשת ליחנק תתלה באילן גדול

בידך. את רבי יהושע בנו. הוא רבי יהושע בן קרחה שרבי עקיבא קרח היה דאמרינן במסכת סוטה כל חכמי ישראל דומין לפני כקליפת השום חוץ מן הקרח הזה: אל תשב בגובהה של עיר ותשנה. שהוא מקום שבני אדם עוברים ושבים שמא יפסיקך מתלמודך: שראשיה ת"ח. דטריד בגירסיה ולא טריד במילי דצבורא: ואל תכנס וכו'. אלא השמע קולך להם קודם בואך דילמא עבדי מלתא דצניעותא: ואל תמנע מנעלים. מרגלי' לה"ה ילך בלא מנעלים: לא למזבן מיניה ולא לזבוני ליה. דאיידי דעדיף מזליה לא זכי ליה להאי: איני מלמדך. שלפי שהיה עוסק בתורה נתפס כדמפרש (ביבמות) [בברכות]: א"ל. רבי שמעון בן יוחאי: ומי בסכנה והלא העגל בסכנה. ומה לך בכך: אם בקשת. לומר דבר שיהא נשמע לבריות ויקבלו ממך: תתלה באילן גדול. נמוד

---

**תנו רבנן**. דיא רבנן האבען געלערנט זיבען זאכען האט רבי עקיבא געבאטען צו זיין זון רבי יהושע דוא זאלסט ניט זיצען אויף דעם מארק פון שטאט אונ לערנען. אונ דוא זאלסט ניט וואוהנען אין אזוי א שטאט וואס די פירער פון שטאט זענען תלמידי חכמים. אונ דו זאלסט ניט אריין גיין פלוצלונג אין דיין שטוב. אונ אין דיין חברים שטוב זאלסטו געוויס ניט אריין גיין פלוצלונג. טאמער טוהט מען אזוי אזאך וואס מען וויל ניט דו זאלסט וויסען. נאר פריער זאלסטו אן קלאפען אין די טיר. וועט מען פרעגען ווער עס איז. וועסטו זאגען דיין נאמען. אונ דוא זאלסט ניט גיין בארוועס אן שיך. דוא זאלסט פריא עסין. אום זומער דורך דיא היץ. שפעטער וועט אן קומען די היץ וועסטו ניט קענען עסין. אונ אום ווינטער דורך דיא קעלט. אז דוא וועסט האבען געגעסען וועט דיר ניט אזוי קאלט זיין. אונ דו זאלסט מאכען שבת אזוי וויא אום דער וואכען אונ דוא זאלסט ניט נעמען פון צדקה. אונ דו זאלסט האנדלען מיט אזוי א מענטש וואס די צייט גליקט איהם. האט רב פפא גזאגט דוא זאלסט ניט קויפען פון איהם. אונ דוא זאלסט ניט פאר קויפען צו איהם. ווארום זיין מזל וועט פון דיר אוועק נעמען. נאר שותפות זאלסטו מאכען מיט איהם. אונ איצט אז רב שמואל בר יצחק האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק (ביי איוב) מעשה ידיו ברכת. וואס זיינע הענט האבען געטאן האט גיבענשט. דער וואס האט גינומען א פרוטה פון איוב איז ער גיבענשט געווארען. זעהן מיר אז אפילו קויפען פון א גליקליכען מענטש וואס מען נעמט די זאך פון איהם) אונ פר קויפען צו איהם. וואס מען נעמט די געלט פון איהם) ווערט מען אויך גליקליך. פינף זאכען האט רבי עקיבא געבאטען צו רבי שמעון בן יוחאי ווען ער איז געזעסען אין גיפענקעניס. רבי שמעון בן יוחאי האט גזאגט צו רבי עקיבא רבי לערין מיט מיר תורה. האט רבי עקיבא גזאגט צו רבי שמעון איך וועל ניט לערנען מיט דיר. האט רבי שמעון גזאגט צו רבי עקיבא אויב דוא וועסט ניט לערנען מיט מיר וועל איך זאגען צו מיין פאטער יוחאי ער זאל דיך איבער געבין צום מלך. האט רבי עקיבא גזאגט צו רבי שמעון מיין זוהן מער וויא דיא קאלב וויל זייגען. וויל דיא קוה איר געבין זייגען. מער וויא דוא ווילסט לערנען פון מיר. וויל איך גערין לערנען מיט דיר. האט רבי שמעון גזאגט צו רבי עקיבא ווער איז אין א סכנה אז דיא קאלב זייגט ניט. די קוה אדער די קאלב. געוויס איז די קאלב אין א סכנה. זיא וועט שטארבען פון הונגער. בין איך דאך אין א סכנה. האט רבי עקיבא גזאגט צו רבי שמעון אויב דוא ווילסט

דער־

גדול וכשאתה מלמד את בנך תורה למדהו בספר מוגה מאי היא אמר (רב) [רבא] וא"ת רב משרשיא בחדתא דשבשתא כיון דעל על ואל תבשל בקדרה שבשל בה חברך מאי היא (אמר רב פפא) בגרושה בחיי בעלה דאמר מר גרוש שנשא גרושה ד' דעות במטה אי בעית אימא אפילו באלמנה לפי (ע"ב) שאין כל האצבעות שוות . כצוה וגוף גדול אוכל פירות ולא שכר מצוה וגוף טהור נושא אשה ולו בנים :

ארבעה



מפני רב גדול והלמד שמועתך ממנו : בחדתא . כשהתינוק מתחיל ללמוד בחדש : כתלבעית . אבל חכמים בלא יהא חכמים זה טוב לה כבראבין והזלזל בו : מלוה וגוף גדול . אם הרבה לעשות צדקה וגם תשתכר בה שיגדל ממונך ותחשב כאדם חשוב ועשיר : אוכל פירות ולא שכר . שרבה הלוה תכיך מעות על הקרקע לאכול פירות בגבייתה בחול שמכנס לו דבר מועט מן הדמים והיינו ריות גדול וגם מלוה היא שיש לו ללוה ריות שצריך מעות נכהורס :

דער וואָרגין (וְדער שטיקט) ווערין זאָלסטו דיך אויף הייגען אויף אַגרויסען בוים . דאָס איז אַמשל . אויב דוא ווילסט מענטשין זאָלען אָן נעמען דיינע רייד . זאָלסטו לערנען תורה בּיי אַגרויסען רבּי אונ אַז דוא וועסט זאָגען די זאך האסטו גיהערט פון דיין רבּי . וועלען אַלע אָן נעמען דיינע רייד . אין איין זאך . די אַנדערע זאך איז אַז דוא וועסט לערנען תורה מיט דיין זוהן . זאָלסטו מיט איהם לערנען אין אַזוי אַספר וואס ער איז איבער גיזעהן : אַז אין אים איז ניטא קיין גרייז . וואס מיינט מען ? האט רבא גזאָגט אונ אַנדערע זאָגען רב משרשיא האט גזאָגט דאָס איז נאָר אַז דאס קינד לערנט אַנייע זאך וואס ער האט נאך קיין מאָהל ניט גילערנט . מוז ער לערנען אין אַספר וואס אין איהם איז ניטא קיין גרייז . ווארום דער גרייז וואס דָס קינד חזרת איין דעם ערשטין מאָהל , דָס בּלייבּט שוין בּיי איהם אויף אייבּיג . ער קען איהם שוין ניט אַרויס נעמען פון זיך . אָבּער אַז דָס קינד האט דָס ערשטע מאָהל גילערנט אָן גרייזין . מעג ער שוין דער נאך לערנען אין וועלכין ספר ער וויל . ער וועט שוין אַליין טרעפען דעם גרייז . דאָס דריטע איז דוא זאָלסט ניט קאכען אין דעם טאפּ וואס דיין חבר האט אין איהם גיקאכט . וואס מיינט מען . האט רב פּפּא גזאָגט דוא זאָלסט ניט נעמען אַווייב אַזעלכע וואס איז גיגט גיוואָרין פון איר מאן אונ איר מאן לעבּט נאך ; אונ אויך ניט אַאלמנה ועיין בפנים) . אויב אַמענטש וויל טאָהן אַזוי אַזאך וואס דָס זאָל זיין אַמצוה . אונ דער גוף זאָל דער פון אויך גרויס ווערין . דער גוף זאָל אויך הנאה האָבּען . זאָל ער עסין פּירות אונ זאָל ניט טייער בּצאָהלין פאַר זייא . ווייא אַזוי . למשל ראובן דאַרף בּאָרגין טוזענד רובל אויף אַהאַנדיל . אונ שמעון בּאָרגט איהם דָס געלט אויף אַמשכּון (אויף אַפעלד) ; אויף צעהן יאָהר אויס צו צאָהלען . דהיינו שמעון זאָל אַרבּעטין אין די פעלד די גאַנצע צעהן יאָהר אונ זאָל איר פאַר זייען . אונ וואס עס וועט וואַקסען אין די צעהן יאָהר זאָל ער נעמען פאַר זיך . אונ נאָך די צעהן יאָהר זאָל שמעון אַוועק געבּין די פעלד צוריק צו ראובן אָן געלט . אונ אַפילו די פאַר זיידונג מיט די אַרבּעט פון שמעון יעדער יאָהר איז נאָר ווערט גיוועזן פופציג רובל אונ די תבואת וואס ער האט אַראָפּ גינומען יעדער יאָהר פון פעלד איז ווערט גיוועזן דריי הונדערט רובל . האט ער דאָך אין די צעהן יאָהר פאַר דינט פופצעהן הונדערט רובל . הונדערט מיט פופציג רובל אַיאָהר . דאָס מעג מען . אונ דָס איז אַמצוה . ער האט גיטאָהן ראובן אַטובה מיט דיא טוזענד רובל . אונ שמעונס גוף איז גרעסער גיוואָרין מיט די פופצעהן הונדערט רובל וואס ער האט פאַר דינט . אונ אויב אַמענטש וויל טאָהן אַמצוה דער גוף זיינער זאָל זיין ריין אָן שלעכטע מחשבות . זאָל ער נעמען אַווייב אַפילו ער האט שוין קינדער פון איין אַנדער ווייב .

ז ארבעה דברים צוה רבינו הקדוש את בניו אל תדור בשכנציב משום דאינשי ליצני נינהו ומשכי לך בליצנותא ואל תשב על מטת ארמית א"ד לא תיגני בלא קריאת שמע וא"ד מטת ארמית ממש ומשום מעשה דרב פפא וא"ד דלא תנסוב גיורתא. ואל תבריח את עצמך מן המכס דילמא משכחי לך ושקלי כל מסונך. ואל תעמוד בפני השור בשעה שעולה מן האגם כפני שהשטן מרקד לו בין קרניו . אמר שמואל בשור שחור וביומי ניסן . ותני רב אושעיא מרחיקין משור תם חמשים אמה ומשור המועד כמלא עיניו תני (רב הושעיא) משום רבי מאיר ריש תורא בדיקולא סק לאיגרא ושדי דרגא מתותך . אמר רבא נזהא דתורא הן הן נזהא דאריא זא זא נוהא דגמלא דא דא נזהא דארבא הילנא הייא

דלא תגני בלא קריאת שמע . שהק"ש מגנא למזיקים : א"ד משום מעשה דרב פפא : שהיתה כותית הייתה לו ממון והוא נכנס מדי יום יום בביתה לגבות הימנה יום אחד חנקה את בנה ונתנתו על המטה וכשבא רב פפא אמרה לו שב עד שאביא מעותיך וכן עשה וכשבאתה אמרה לו המתת את בני וברח לו מן המדינה : ולא תנסב גיורתא . משום דאמריך גיורא עד עשרה דרי לא תבזי ארמאי באפיה : מפני שהשטן מרקד . לאו דוקא אלא משוגע כדמפרש לקמן : ביומי ניסן . שהעשבים עולים וגם לבו גבה ומנגח : בדיקולא . אפילו כשראה השור בעריבה שהוא אוכל בו ומרוד באכילתו עלה לגג ושדי דרגא פן יעלה אחריך : מכה דיתורא . להם הוא על השור שלא ינגחו :

---

ז ארבעה. פיר זאכען האט רבינו הקדוש גיבאטען צו זיינע קינדער . איר זאלט ניט זאוהנען אין די שטאט שכנציב . ווייל דיא מענטשין פון שכנציב לאבען פון דיא תורה און מצות. אונ דוא זאלסט ניט זיצען אויף א בעט פון א ארמית . דאס מיינט מען : אנדערע זאגען מען מיינט מען זאל ניט שלאפען אן קריאת שמע ליינען : אונ אנדערע זאגען מען מיינט אז מען קומט אריין צוא א עכו"ם זאל מען ניט זיצען אויף זיין בעט . אזוי וויא עס איז גיוועזען א מעשה מיט רב פפא . [א כותית איז שולדיג גיוועזען געלט צוא רב פפא . פלעגט רב פפא קומען צו איר אלע טאג מאנען דם געלט . האט דיא כותית דער ווארגין [דער שטיקט] איר קינד אונ הט איהם גילייגט אין בעט . אונ אז רב פפא איז גיקומען צו איר מאנען דם געלט . הט זיא גזאגט צו אידם זיץ אויף דעם בעט אונ ווארט א ביסעל איך וועל דיר באלד ברייגנען דיין געלט . הט רב פפא אזוי גיטאהן אונ איז גיזעסען אויף דעם בעט . וויא זיא איז צוריק גיקומען . האט זיא גימאכט א בהלבול אויף רב פפא אז ער האט דער ווארגין דאס קינד . האט רב פפא גימוזט אנטלויפען פון דיא מדינה] . אנדערע זאגען מען מיינט ער זאל ניט נעמען פאר א ווייב אזוי א אשה וואס הט זיך מגייר גיוועזען . אונ אז דוא וועסט האנדלען אונ וועסט פירען סחורה . זאלסטו ניט אנטלויפען פאר דעם אפ צאהל . נאר דו זאלסט צאהלען צום מלך וויא פיל איהם קומט . ווארום אז דו וועסט אנטלויפען אונ מען וועט דיך האפען וועט מען ביי דיר צו נעמען דיין גאנצע געלט . אונ דוא זאלסט ניט שטיין פאר א אקס ווען ער גייט צוריק פון גראז וואס ער איז אן גיגעסען זאט . ווייל דער שטן טאנצט צווישען זיינע הערנער . דם מיינט מען דער אקס ווען ער איז זאט איז ער ווילד . אונ ער קען הרגנן א מענטשין מיט זיינע הערנער . שמואל הט גזאגט דאס איז נאר א שווארצער אקס אונ אין דעם חודש ניסן ווען ער זעהט די נייע גראז ווערט ער אזוי ווילד צו הרגנן מענטשין . רב אושעיא האט גילערנט מען דארף זיך דער ווייטערין פון א אקס וואס האט גישטויסען איין מאהל אדער צוויי מאהל . פופציג איילין . אונ פון א קס וואס הט גישטויסען דריי מאהל דארף מען זיך דער ווייטערין אזוי וויט ביז דער אקס זאל איהם ניט קענען זעהן . מיר האבען גילערנט פון רבי מאירם וועגין אפילו די קאפ פון אקס איז אין די קארב וואס ער עסט פון איר אונ ער זעהט דיך גאר ניט . פון דעם וועגין זאלסטו אזוי אנטלויפען פון איהם אז דוא זאלסט ארויף גיין אויף א בוידים אונ דוא זאלסט אוועקווארפען דעם לייטער דער אקס זאל ניט קענען קומען צו דיר . רבא האט גזאגט דער מענטש וואס וויל א אקס זאל איהם ניט שטויסען . זאל ער זאגען הן הן . אז א לייב זאל איהם ניט הרגנן . זאל ער זאגען זא זא . אז א קעמיל זאל איהם ניט הרגנן . זאל ער

ואגען

היא אמר אביי עור ודג וכו' בגמרא האריכו קצת בענינים כאלה :

**ת שלשה** דברים צוה רבי ישמעאל ברבי יוסי את רבי אל תעש מום בעצמך . מאי היא דלא ניהוי לך דינא בהדי תלתא דחד הוי בעל דינך ותרי הוו כהדך . ואל תעמוד על המקח בשעה שאין לך דמים . אשתך טבלה אל תזדקק לה לילה ראשון אמר (רבא) [רב] בנדה דאורייתא הואיל והוחזק מעין פתוח דילמא משכה זיבה . ג' דברים צוה רבי יוסי ברבי יהודה את רבי אל תצא יחידי בלילה ואל תעמוד לפני הנר ערום ואל תכנס למרחץ חדש שמא תפחת ועד כמה אמר רבי יהושע בן לוי עד שנים עשר חודש ואל תעמוד בפני הנר ערום כדתניא העומד בפני הנר ערום הוה נכפה והמשמש מטתו לאור הנר הויין לו בנים נכפים . ת"ר המשמש מטתו על המטה שהתינוק ישן עליה אותו תינוק נכפה ולא אמרן אלא דלא הוי בר שתא אבל הוי בר שתא לית לן בה (ודלא הוי בר שתא

פירוש

נגדי קלא דהדי חד בעל דינך ותרי להוו סהדך . ויחלקו בין שלשתם ומתוך שהוא שנחלקת עמהם יעשו עליך קנוניא זו לתבוע ממון ניזק : אל תעמוד על המקח . לקנות אותו והמוכר ישראל בזה ואין לך דמים ליקח המקח ונמצאת מפסיד אותו שלא יקנהו אחר מאחר שאתה מהפך בו : בנדה דאורייתא . קודם שהמתינו על עצמן ליספר ז' נקיים וטובלות ביום שפסק המעין אל הזקק באותו לילה הואיל והיום ראתה והוחזק מעין פתוח דילמא שפע זיבה : שמא תפחת . ותתפיס הלל

---

זאגען דא דא . אז אשיף זאל ניט דער טרונקען ווערין . זאל ער זאגען הילנא היא . דאס איז אזוי אשפרוך :

**ח** דריי זאכען האט גיבאטען רבי ישמעאל ברבי יוסי צו רבי . דו זאלסט דיר אליין ניט מאכען אפעלער . וואס מיינט מען . דוא זאלסט ניט האבען אגישעפט מיט דריי מענטשין . ווארום טאמער וועסטו האבען אקריג מיט זיי וועט איינער דיך מאנען אונ צוויי וועלען זיין אויף דיר עדות . אונ אז ער וועט גינעמען פון דיר דאס געלט וועלען זיך דיא דריי מענטשין צוא טיילען מיט דעם געלט . אונ דוא זאלסט ניט דינגען אסחורה ווען דוא האסט ניט געלט צוא קויפען . אז דיין ווייב האט זיך טובל גיוועזען . זאלסטו ניט משמש המטה זיין מיט איר דיא ערשטע נאכט נאך דער טבילה . האט רבא גיזאגט דאס מיינט מען אויב זי איז גיוועזען א נדה מן התורה . זי האט גיזעהן דם נדה . ווייל ביז פארין נאכט איז גיוועזען האפען דער קוואל פון נדה דארף מען מורא האבען טאמער האט זיך גיצויגען פון דעם קוואל זיבה אויך איצט ביי נאכט . דאס איז נאר גיוועזען פאר צייטען אז א נדה האט ניט גיציילט זיבען ריינע טעג . אבער היינט אז א נדה ציילט זיבען ריינע טעג . מעג דער מאן משמש המטה זיין מיט זיין ווייב באלד נאך דער טבילה :

דריי זאכען האט רבי יוסי ברבי יהודה גיבאטען צו רבי . זאלסט ניט גיין אליין ביי נאכט . זאלסט ניט שטיין נאקעט פאר אליכט . אונ זאלסט ניט אריין גיין אין א נייע באד . טאמער וועט איין גיבראכען ווערין אברעט וום ליגט איבער אגרובען וואסער וועסטו אריין פאלען אין וואסער . ביז וויא לאנג הייסט די באד א נייע . האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט ביז צוועלף חדשים . אונ דוא זאלסט ניט שטיין נאקעט פאר אליכט . אזוי וויא מיר האבען גירערונט . דער וואס שטייט נאקעט פאר אליכט . בעקומט ער די שווערע קראנקייט . אונ דער מענטש וום איז משמש המטה ווען אליכט ברענט אין שטוב . וועט ער האבען קינדער וואס וועלען האבען די שווערע קראנקייט :

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערינט דער מענטש וואס איז משמש המטה אויף דער בעט וום א קינד שלאפט אויף איר . וועט דם קינד בעקומען די שווערע קראנקייט . דאס איז נאר אז דם קינד איז נאך ניט אלט א יאהר . אבער אז דם קינד איז שוין אלט א יאהר . וועט איהם ניט שאדין . אונ אז דאס קינד איז ניט אלט א יאהר וועט קען דאס איהם שאדין . נאר אז ער שלאפט ווען מען איז משמש המטה . אבער אז ער איז וואכעדיג ווען מען איז משמש המטה . וועט איהם ניט שאדין . אונ אז דאס קינד איז ניט אלט א יאהר אונ ער שלאפט ווען

מען

שתא לא אמרן אלא דנים אבל תיר לית לן בה ולא אמרן אלא דגני גבי כרעיה אבל גבי רישיה לית לן בה) ולא אמרן אלא דלא מנח ידיה עילויה אבל מנח ידיה עילויה לית לן בה . אל תצא יחידי בלילה דתניא לא יצא אדם יחידי בלילה לא בלילי רביעיות ולא בלילי שבתות כפני שאגרת בת מחלת יוצאת היא ושמונה עשר רבוא מלאכי חבלה וכל אחת ואחת יש לה רשות לחבל בפני עצמה מעיקרא הות שכיחה כל יומא זימנא הדא פגע בה רבי חנינא בן דוסא אמרה ליה אי לאו דמכריזי עלך ברקיעא הזהרו בחנינא בני ובתורתו משוינא לדמך תרתי פשיטי אמר לה אי חשיבנא ברקיעא כולי האי גוזרני עליך שלא תעברי בישוב לעולם א"ל במטותא מינך שביק לי רווחא פורתא שבק לה לילי שבתות ולילי רביעיות והו יומא חד פגעה ביה באביי אמרה ליה אי לאו דמכרזי עלך ברקיעא הזהרו בנחמני ובתורתו משוינא ליה לדמך תרתי כעי . אמר לה אי חשיבנא ברקיעא גוזרני עליך שלא תעברי בישוב לעולם והא קא חזינא להו דאיכא ההוא (דף קיג) גזייתא נינהו דמשתמטי להו סוסוותיהו ואתו דברי להו . אמר ליה רב לרב אסי אל תדור בעיר דרישא אסיא ואל תדור במתא דלא צניף בה סוסיא ולא נבח בה

מלא מים : גזייתא . כמתרגמינן במנחות אבל הכלמים וכוכבים מחהמטים מהם וגורמין ביסוב להו ודברי להו : דריבא אכילא . רופא והמקי לא הלמיד הכם והרוייהו חד טעמא משום דעסקי בצרכיהם ולא מנו לעסוקי במילי דצבורא : ולא תדור במתא דלא נניף בה סוסיא . כלומר שאין בה

---

מען איז משמש המטה ווען קען דאס איהם שאדין . נאר אז ער ליגט אין בעט צו פיסען . ובייי די פיס פון זיין פאטער אונ מוטער) . אבער אז ער ליגט צו קאפי . וועט איהם ניט שאדין . אונ ווען קען איהם שאדין נאר אז ער האלט ניט דיא האנט אויף דעם קינד . אבער אז ער האלט די האנט אויף דעם קינד וועט איהם ניט שאדין . דוא זאלסט ניט גיין אליין ביי נאכט . יוארום מיר האבען גילערענט אמענטש זאל ניט גיין אליין ביי נאכט . ניט די נאכט צו מיטוואך אונ ניט די נאכט שבת . ווייל אגרת בת מחלת גייט ארויס מיט אכטצען מאהל צעהן טויזענד מלאכי חבלה . אונ יעדער האט רשות שאדין צו טאהן דעם מענטש וואס ער טרעפט . אמאהל האט די אגרת בגעגינט צו רבי חנינא בן דוסא . פריער פלעגט די אגרת קומען אלע טאג . אמאהל האט די אגרת בגעגינט צו רבי חנינא בן דוסא . האט זי גזאגט צו איהם ווען מען וואלט ניט אוים גירופען אויף דיר אין הימעל איר זאלט אייך היטען איר זאלט ניט שאדין טאהן ביין זוהן חנינא אונ זיין תורה . וואלט דיין בלוט געווען צווייא גראשין . האט רבי חנינא גזאגט צו דיא אגרת אויב איך בין יא טייער אין הימעל . בין איך גוזר אויף דיר דו זאלסט קיין מאהל ניט גיין וואו מענטשין וואוהנען . האט דיא אגרת גזאגט צו רבי חנינא איך בעט פון דיר דו זאלסט מיר איבער לאזען אביסעל צייט ווען איך זאל יא מעגין קומען צווישען מענטשין . האט ער איר גילאזען די צייט . שבת ביי נאכט אונ די נאכט צו מיטוואך . נאך אמאהל האט גיטראפען די אגרת האט בגעגינט צו אביי . האט זי גזאגט צו איהם ווען מען וואלט ניט אוים גירופען אויף דיר אין הימעל איר זאלט אייך היטען איר זאלט ניט שאדין טאהן צו נחמני מיט זיין תורה . וואלט דיין בלוט ווערט געווען צווייא מעות (מעה איז פינף גראשין) . האט אביי גזאגט צו דיא אגרת אויב איך בין יא טייער אין הימעל . בין איך גוזר אויף דיר דוא זאלסט קיין מאהל ניט גיין וואו מענטשין וואוהנען . פרעגט די גמרא מיר זעהן דאך אז זיי קומען יא וואו מענטשין זענען . ענטפערט די גמרא דס איז נאר אז עס טרעפט אמאהל אז זייערע פערד אנטלויפען צווישען מענטשין . קומען זיי אפ נעמען דיא פערד זייערע :

רב האט גזאגט צו רב אסי דו זאלסט ניט וואוהנען אין אזוי אשטאט . וואס דער פירער פון די שטאט איז אדאקטאר . ווייל ער האט ניט צייט צו זעהן וואס עס פעלט אין שטאט . אונ דו זאלסט ניט וואוהנען אין אזוי אשטאט וואס אין איר איז ניטא קיין פערד אונ ניט קיין הונט . טאמער באדארף מען אמאהל נאך יאגען אגנב . אדער מען דארף אויף געשווינד ברייגען אדאקטאר פון

בה כלבא ולא תינסב תרתי ואי נסבת תרתי נסיב תלת . אמר ליה רב לרב כהנא הפוך בנבילתא ולא ההפוך במילי פשוט נבילתא בשוק ושול אגרא ולא תימא כהנא רבה אנא גברא רבה אנא וזילא בי מילתא (גם בפ' יש נוחלין) אי סלקת לאגרא שירותך בכנפיך מאה קרי במתא בזוזא תותי כנפיך להוי. אמר ליה רב לרבי חייא בריה לא תשתי סמא ולא תשוור ניגרא ולא תעקר ככא לא תקני בחויא לא תקני בארמאי :

ט תנו רבנן שלשה אין מתקנאין בהם אלו הן עכו"ם קטן ונחש קטן ותלמיד קטן מ"ט דמלכותייהו בתר אודנייהו קיימא . א"ל רב לאיבו בריה טרחי בך בשכעתא

בוס משום דסוי מירותה מלוכיס ומגנביס בעיר לגדיף אחריכם לתפום : לא תינסיב תרתי . כדי שמא תתיעצנה עליך יחד : נסיב תלת . שאם תתיעצנה כשתים השלישית תגיד לך : פשוט נבלתא בשוק . כפשט עורה בשכר : סלקת לאגרא שירותך בידך . כשתלך לדרך אפילו למקום קרוב לא ומזונותיך בידיך: מאה קרי בזוזי תותי כנפיך להוי . אפילו במזומת בזול אעפ"כ הוליאם עמך : לא תשתי סמא . לא תלמוד לשתות סמים מפני שתגיע לכך וסת וייסה לך בולא הוצאת והפסיד מעות אפילו לרפואה לא תשתה אם לפשר לרפואה אחרת : לא תשוור ניגרא. קפיצה גסה בנוטלה ממאור בעינים: ולא תעקר ככא . שן ממנה משום חולי בסופו להתרפאות:
דמלכותייהו אחורי אזנייהו קימא . כלומר עתידין הם ליגדל והגדל אימה ויקמו ממך :

איין אנדער שטאט דארף מען אפערד . אונ אהוגט היט דעם בעל הבית גיטרייער ווי אמענטש . אונ דו זאלסט ניט נעמען צוויי ווייבער . טאמער וועלען זיי אויף דיר האבען אשלעכטע עצה . אונ אויב דו האסט גינומען צוויי ווייבער . נעם נאך אדריטע . וועט זי דיר אלץ אויס זאגן ווארום ביי דריי מענטשין איז ניטא קיין סוד :

רב הט גזאגט צו רב כהנא דו זאלסט בעסער אומקערין אנבלה אויף די אנדערע זייט . אונ דוא זאלסט ניט אומקערין דיינע רייד אויף די אנדערע זייט . נאר אזוי וויא דוא האסט גירעט . זאלסטו מקיים זיין . דו זאלסט אפ ציהען אנבלה אין גאס אונ נעם בצאהלט פאר דיין ארבעט . דו זאלסט ניט זאגען איך בין אכהן איך בין אגרויסער למדן עס איז ניט שיין פר מיר די זאך צו טאהן . ווארום פאר דינען פאסט אלץ . אונ אויב דוא וועסט גיין אויף דיין בוידים זאלסטו מיט נעמען עסען . דאס מיינט מען אויב דו דארפסט גיין אין וועג . אפילו גאר נאנט פון דעסטוועגין זאלסטו מיט נעמען עסין . אונ אפילו אז דאס עסין איז גאר וואלוויל . מען בקומט צו קויפען אין שטאט הונדערט פלוי צערין פאר אגילדען . פון דעסטוועגין זאלסטו אייביג האבען עסינווארג ביי דיר אין קעשענע :

רב הט גזאגט צו זיין זוהן רבי חייא דו זאלסט דיך ניט גיוויינען צוא איין משקה וכמשר אמענטש טאר זיך ניט גיוויינען צו בראנפען . אדער צו ביר . אדער צו וויין . ווארום אז עס פעלט איהם אמאהל . איז איהם שווער אויס צו האלטען . אונ אפילו דוא וועסט דם טרינקען וועגין ארפואה . זאלסטו אויך ניט זיין גיוויינט אלע מאהל מיט איין זאך . דוא זאלסט ניט גיין געשווינד . ווארום דס נעמט צו די ליכטיגקייט פון די אויגען . אונ דוא זאלסט ניט אויס רייסען אצאהן פון מויל . נאר דוא זאלסט איהם היילען . דו זאלסט ניט נעמען אנקמה פון אשלאנג אונ ניט פון אעכו"ם :

ט תנו רבנן . די רבנן האבין גילערנט פון דריי זאכין טאר מען ניט נעמען אנקמה . דאס זענין די דריי זאכען . ניט פון אקליינעם גוי . אונ ניט פון אקליינעם שלאנג . אונ ניט פון אקליינים תלמיד . ווארום זייער מלוכה שטייט אונטער זייערע אויערין . זיי הערין שוין ווי זיי וועלין גרוים ווערין . והיינט איז ער אקליינער גוי אין אקורצע צייט וועט ער גרויס ווערין . וועט ער זיך נוקם זיין אין דיר . דער שלאנג וואקסט געשווינד אונ ער וועט גידיינקין וואס דו האסט אים אמאהל גיטאהן . וועט ער זיך נוקם זיין אין דיר . אונ אקליינער תלמיד קען זיין אז ער וועט גרוים ווערין וועט ער זיין רייך אונ גאנט צום מלך ווארום מען ווייס ניט וואס פון אקינד קען ווערין וועט ער גידיינקען וואס דו האסט אים גיטאהן ווען ער איז קליין גיוועין . אונ ער וועט זיך נוקם זיין אין דירו . רב האט גזאגט צו זיין זוהן איבו איך האב מיך גימאטערט מיט דיר דו זאלסט קענין לערנין . אונ עס העלפט ניט . דו וועסט

ניט

בשמעתא ולא איסתייעא מילתא תא אגמרך מילי דעלמא אדחלא אכירעך זבינך זבין כל מילי זבין ותתחרט בר מחמרא דתזבין ולא תתחרט שדי בכיסך ופתח שקיך קבא מארעא ולא כורא מאגרא תמרי בלהוך לבי סודנא רהוט עד כמה אמר (רב פפא) [רבא] עד תלת סאוי (דאמר) [אמר] רב פפא אי לאו דרמאי שכרא לא איעתרי מאי סודנא אמר רב חסדא סוד נאה וגמילות חסדים אמר רב פפא כל אגב גביא בעיא כל אשראי ספק אתא ספק לא אתא ודאתי נמי מעות רעות הן. שלשה דברים אמר רבי יוחנן משום אנשי ירושלים כשאתה יוצא למלחמה אל תצא בראשונה אלא באחרונה צא כדי שתכנס בראשונה ועשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות והוי משתדל עם מי שהשעה משחקת לו. שלשה דברים אמר רבי יהושע בן לוי משום אנשי

אדהלא אכרעיך זבינך זבין. בעוד החולצל רגליך בטבלא מן הדרך מכור מה שהבאת ומחזור ותקנה ותביא: ותתחרט. אם יוקיר יכול אתה להתחרט מן הדין על שמכרת למכור בר מחמרא שמא אלו לא מכרו כתמין: שדי בכיסך ופתח שקיך. כלומר קבל תחלה המעות והשים בכיסך ואחר כך פתח השק ותן התבואה ללוקחים: קבא מארעא ולא כורא מאגרא. מוטב ליקך למקום קרוב ולהשתכר שם מעט יותר מלהשתכר הרבה במדינת הים: תמרי בלהוך לבי סודנא רהוט. אם יש לך תמרים בלוהו כלי שנוהגין בו המריס רהוט מיד לבית עושה שכר לעשות מהם שכר שאם תמתין האוכלים בין כך ובין כך והפסיד: מאי סודנא. למה נקרא שם עושה השכר סודנא: סוד נאה. שנה עושה כיא שכרי מתעשרין סימנה: וגמילות חסדים. יכול ליתן סימנה לעניים ולעשות צדקה ותמד שכרי אין בה קרן גדול: כל אגב גביא בעיא. כל דבר שצריך לכתוב שטר עליו כגון מלוה ואמנה גביים בעיא כלומר עדיין הוא עומד לגבות ויש לו טורח בו: מעות רעות. דפרע להו ניכליה זוזא זוזא: אלא באחרונה. למלחמה שאם תנוח הכנים לניתך

---

ניט קענין. קום איך וועל דיך לערנען וועלטליכע זאכין. וויא אזוי דו זאלסט האנדלען. באלד ווי דו וועסט קומען פון וועג. ווען די זאמד וועט נאך זיין אויף דיינע פיס. זאלכטו שוין פאר קויפין דיינע סחורה. און זאלכט באלד קויפין אנדערע. אלע זאכין קענסטו פאר קויפין און אויב עס ווערט טייערער מעגסטו חרטה האבין פאר וואס דו האכט פארקויפט נאר ווין מעגסטו פארקויפין און אפילו עס איז טייערער געווארין זאלסטו ניט חרטה האבין פאר וואס דו האסט פאר קויפט. ווארום עס קען זיין ווען די ווין וואלט ביי דיר אביסעל לענגער געשטאנין וואלט זיא זויער געווארען. אז דו וועסט פאר קויפען תבואה (אדער אנדערע זאכין) פריער נעם ביי דעם קויפער דאס געלט און לייג אריין אין דיין בייטיל; דער נאך העפען דיין זאק און גיב אים די תבואה. אביסעל פון דער ערד און ניט פיל פון בוידים. דאס מיינט מען עס איז בעסער צו פאר דינען ווייניגער פון אנאנטין ארט. איידער צו פאר דינען מעהר פון ווייטין ארט. אויב דו האכט טייטלען אין דיין קארב זאלכטו געשווינד לויפין צו דעם וואס מאכט ביר און זאלכט אים געבין טייטלען ער זאל פון זיי מאכען ביר. ווארום ביי דיר אין שטוב וועט מען בעסלעכווייז אויף עסין די טייטלען וועסטו נאר ניט האבין. ווי פיל טייטלען זאלסטו האבין צו מאכען פון זיי ביר האט רבא געזאגט ביז דריי סאה. אבער ווייניגער וויא דריי סאה לוינט ניט צו מאכין פון זיי ביר. רב פפא האט גזאגט ווען איך וואלט ניט מאכין ביר וואלט איך ניט רייך געווארין. פאר וואס רופט מען דעם וואס מאכט ביר סודנא. האט רב חסדא געזאגט סודנא מאכט סוד נאה. דאס איז אשיינע עצה. צו מאכין ביר. ווייל מען ווערט רייך פון דעם ביר. און אז מען איז רייך קען מען טאהן טובה צו מענטשין: רב פפא האט גזאגט די געלט וואס מען מאנט ביי איינעם אויף אוועקסיל. דאס איז קיין געלט ניט. ווייל מען דארף מאנען. און ווער ווייס אויב מען וועט קענען אויף מאנען. אלע סחורות וואס איז פאר בארגט. ווייס מען ניט צו מען וועט אפ נעמען די געלט אדער ניין. און אז מען וועט אפ נעמין. איז דאס אויך שלעכטע געלט. ווארום יענער צאלט ביסלעכווייס. רבי יוחנן האט גזאגט די מענטשין פון ירושלים האבין גזאגט דריי זאכין. אז דו גייסט אין אמלחמה זאלסטו ניט גיין דער ערשטער נאר דער לעצטער. טאמער וועט מען דארפען אנטלויפען וועסטו זיין דער ערשטער צו קומען אהיים. און מאך דיין שבת וואכעדיג. און זאלכט ניט נעמען פון צדקה. און אז דו וועסט מאכען אגישעפט שותפות זאלסטו נאר מאכען מיט מענטשין וואס איז אגליקליכער מענטש. רבי יהושע בן לוי האט געזאגט די מענטשין פון

ירושלים

ולבונה: לא תרבה בנות. כלומר אל תהי רגיל לעשות תשמיש בפרהסיא במקום מגולה: משום מעשה שהיה. בדוד ובת שבע דכתיב ביה ויהי לעת הערב ויתהלך מעל הגג: משום ממון. המחזנת ע ממונך: רווק. פנוי: תני תנא. לקך מהכיתא ג' הקב"ה מכריז עליהן לטובה בכל יום:

אנשי ירושלים אל תרבה בגנות משום מעשה שהיה בתך בגרה שחרר עבדך ותנה לו והוי זהיר באשתך מחתנה הראשון מאי טעמא אמר רב חסדא משום זנות רב כהנא אמר משום ממון ואיתא להא ואיתא להא. אמר רבי יוחנן שלשה נוחלי העולם הבא אלו הן הדר בארץ ישראל ומגדל בניו לתלמוד תורה והמבדיל על היין במוצאי שבתות מאי היא דמשייר מקידושא לאבדלתא. אמר רבי יוחנן שלשה הקדוש ב"ה מכריז עליהם בעצמו בכל יום על רווק הדר בכרך ואינו חוטא ועל עני המחזיר אבדה לבעליו ועל עשיר המעשר פירותיו בצנעא. רב ספרא רווק הדר בכרך הוה (ע"ב) תני תנא להא קמיה דרבא ורב ספרא צהבו פניו דרב ספרא אמר ליה רבא לא כגון את אלא כגון רב חנינא ורב אושעיא דהוו אושכפי בארעא דישראל ויתבו בשוקא דזונות ועבדי להו מסאני לזונות ועיילי (ומסיימי להו בברעייהו ולא) [להו אינהי מסתכלי בהו ואינהו לא] מדלי עינייהו לאסתכולי בהו וכי משתבען הכי משתבעין קדישי דרבנן בחייהון דרבנן קדישי דבארעא דישראל. ג' הקב"ה אוהבן מי שאינו כועס ומי שאינו משתכר ומי שאינו מעמיד על מדותיו:

תנו

---

ירושלים האבען גזאגט דריי זאכען · דו זאלסט ניט טאהן דיינע זאכען עפענטליך · אזוי ווי עס איז געוועזן ביי דוד מיט בת שבע. אויב דו האסט א טאכטער א בוגרת. אויב דו האסט ניט פאר איר קיין שידוך · זאלסטו פריי מאכען דיין קנעכט אונ אים געבען דיין טאכטער פאר א ווייב. אונ זאלסט ניט לאזען דיין טאכטער זיצען א זא · אונ זאלסט היטען דיין ווייב פון איר ערשטען איידים: פאר וואס. רב חסדא זאגט זי זאל ניט מזנה זיין מיט אים. רב כהנא זאגט זיא זאל אים ניט אוועק געבען דיין געלט. אונ ביידע זאכען זענען אמת. מען דארף פאר ביידע זאכען מורא האבען. רבי יוחנן זאגט דרייא ערליא מענטשען האבען עולם הבא. דאס זענען זייא. דער וואס וואהנט אין ארץ ישראל. אונ דער וואס ער זעהט דער ציהען זיינע קינדער צום לערנען תורה. אונ דער וואס מאכט הבדלה מוצאי שבת אויף ווין. ער לאזט איבער ווין פון קידוש אויף הבדלה. רבי יוחנן זאגט אויף דרייא ערליי מענטשען רופט גאט אליין אויס אלע טאג. אונ ער לויבט זיי. אויף א בחור וואס וואהנט אין א גרויסע שטאט אונ ער זינדיגט ניט. נער איז ניט מזנה. אונ אז אן ארעם מאן געפינט א פארלארענע זאך אונ ער גיט דאס אוועק צו דעם וואס האט פארלארין. אונ אז א רייכער מענטש גיט מעשר פון זיינע פירות אין דער שטיל. קיינער זאל ניט וויסען. אונ ער איז ניט גרוים ביי זיך מיט זיין צדקה. רב ספרא איז געוועזן א בחור אונ ער האט געוואהנט אין א גרויסע שטאט. אונ ווען דר תנא האט געלערענט די זאך ווי גאט האט ליב דעם בחור וואס וואהנט אין א גרויסע שטאט אונ זינדיגט ניט] פאר רבא אונ רב ספרא. איז דער פנים פון רב ספרא רויט געווארען. האט רבא געזאגט צו רב ספרא ניט דיך מיינט מען. מען מיינט נאר אזעלכע ווי רב חנינא אונ רב אושעיא זענען געוועזן. זיי זענען געוועזן שוסטערס אין ארץ ישראל אונ זייא זענען געוועזן אין די גאס פון די זונות. אונ זיי האבען געמאכט שיך פאר די זונות. אונ זייא פלעגין אן מעסטין די זונות די שיך אויף די פיס אונ דיא זונות פלעגין קוקין אויף זייא. אונ רב חנינא מיט רב אושעיא האבין ניט אויף געהויבען די אויגין צו קוקען אויף די זונות. אונ אז זייא שווערין שווערין זיי אזוי. ביי דעם לעבין פון די הייליגע רבנן וואס זענין אין ארץ ישראל. דרייא ערלייא מענטשין האט גאט ליב. דער וואס איז ניט אין כעס. אונ דער וואס איז ניט שכור. אונ דער וואס שטייט ניט ביי זיינע מדות. אז איינער טוהט אים שלעכץ. גידיינקט ער דאס ניט. אונ ער טוהט ניט צוריק קיין שלעכץ נאר גוטס:

תנו

**תנו** רבנן שלשה הקב"ה שונאן המדבר אחד בפה ואחד בלב והיודע עדות לחברו ואינו מעיד לו והרואה דבר ערוה בחברו ומעיד בו יחידי כי הא דטוביה חטא ואתא זיגוד לחודיה ואסהיד ביה קמיה דרב פפא נגדיה רב פפא אמר ליה טוביה חטא וזיגוד מינגד. אמר ליה אין את לחודך קמסהדת ביה שם רע בעלמא קא מפקת עליה דכתיב (דברים יט) לא יקום עד אחד באיש. אמר רבי שמואל בר רב יצחק אמר רב מותר לשנאותו שנאמר (שמות כג) כי תראה חמור שונאך רובץ מאי שונא איליכא שונא עכו"ם והא תניא שונא שאמרו שונא ישראל ולא שונא עכו"ם. אלא פשיטא שונא ישראל (היכי דמי אי דקא עביד איסורא שרי למסנייה אי דלא קעביד ולא מידי מי) [ומי] שרי למסנייה והכתיב (ויקרא יט) לא תשנא את אחיך בלבבך אלא דאיכא סהדי דעביד איסורא כולי עלמא נמי מיסנו סנו ליה מ"ש האי. אלא כי האי גוונא דחזי ביה איהו דבר ערוה. רב נחמן בר יצחק אמר מצוה לשנאתו שנאמר (משלי ח) יראת ה' שנאת רע. אמר ליה

שם רע קמפקת. מאחר שאין אתה נאמן כשנים ו: לא יתקבל עדותך ואין עליך מצוה להעיד כרי אתה עובר על לא תלך רכיל: דכתיב לא יקום עד אחד. כלומר המקבל מעיד שאין אתה כנאמן כשנים זו: מותר לשנאות אותו. הרואה יחידי דבר ערוה בחברו אע"פ שאינו רשאי להעיד בו מותר לשנאתו שהרי יודע בודאי שהוא רשע: שונא ישראל.

---

תָּנוּ רַבָּנָן. די רבנן האבין גילערנט דרייא מענטשין האט גאט פיינט. דער וואס רעט מיט דעם מויל אזוי. און אין הארצין טראכט ער אנדערש. און דער וואס ווייס צו זאגין עדות צו זיין חבר. און ער וויל ניט זאגען. און אז איינער האט געזעהן זיין חבר האט גטאן אעבירה. און ער קומט צו בית דין עדות זאגין אויף איהם. און ער איז נאר איין עדות. האט איהם גאט פיינט. ווארום דו ווייסט דאך אז איין עדות איז ניט באגלויבט. צו וואס ציהכט דו אויס אויף דיין חבר אשלעכטין נאמען. עס האט אמאהל געטראפין איינער וואס הייסט טוביה האט געזינדיגט. איז געקומען איינער וואס הייסט זיגוד פר רב פפא און ער האט עדות געזאגט אויף טוביה אז ער האט געזינדיגט און ווייל דער זיגוד איז נאר געוועזן איין עדות האט רב פפא געהייסען מען זאל איהם שלאגין מלקות. האט זיגוד גזאגט. טוביה האט געזינדיגט און זיגוד שלאגט מען. האט רב פפא גיזאגט אזוי דארף זיין. ווייל דו ביסט אליין געקומען עדות זאגין. און דו ווייסט דאך אז איין עדות איז ניט באגלויבט. ביסטו נאר גיקומען אויס ציהן אויף טוביה אשלעכטין נאמען. ווארום עס שטייט אין פסוק איין עדות איז ניט באגלויבט עדות צו זאגין. רבי שמואל בר רב יצחק האט גזאגט. פון רבס וועגין. אז איינער זעהט זיין חבר האט גיטאהן אעבירה. אפילו ער טאר ניט עדות זאגין אויף אים. ווייל ער איז נאר איין עדות. אבער ער מעג אים פיינט האבען. ווארום ער ווייס דאך אז זיין חבר איז ארשע. ווארום עס שטייט אין פסוק אז דו וועסט זעהן דער איזיל פון דיין שונא ליגט אונטער זיין משא זאלסטו אים העלפין אויף הייבין. זאגט די גמרא ווער איז דער שונא. זאלין מיר זאגין אז דר שונא איז איין עכו"ם. מיר האבין דאך גילערנט דער שונא וואס שטייט אין דעם פסוק מיינט מען ער איז איוד ניט איין עכו"ם. דארפען מיר נאר וויסען פר וואס איז די פיינדשאפט. ומיר זאלען זאגין ווייל ער האט גיטאהן איין עבירה. מעג מען דאך אים פיינט האבין. אויב ער האט ניט גיטאהן איין עבירה. טאר מען דאך אים ניט פיינט האבין. עס שטייט דאך אין פסוק דו זאלסט ניט פיינט האבין דיין ברודער אין הארצין. און אוב עס איז דא עדות אז ער האט גיטאהן איין עבירה. דארפין דאך אים אלע יודין פיינט האבין. פר וואס האט אים נאר דער מענטש אליין פיינט. נאר דא שמועסט אז דער מענטש אליין הט גיזעהן וויא ער הט גיטאהן איין עבירה. עדות זאגין טאר ער ניט. און דער ציילין פר אנדערע מענטשין טאר ער אויך ניט. נאר ער אליין מעג אים פיינט האבין. רב נחמן בר יצחק האט גזאגט עס איז אמצוה ער זאל אים פיינט האבין. ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס האט מורא פר גאט זאל ער פיינט האבין דם מענטש וואס טוהט שלעכץ. רב אחא בריה דרבא הט גיפרעגט

ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי מהו למימר ליה לרביה עילויה ולמיכנייה א"ל אי מהימן ליה לרביה כבי תרי נימא ליה ואי לא לא נימא ליה. (כי הא דטוביה חטא וכו' עד נגדיה. רב פפא אמר ליה טוביה חטא וזיגוד מינגד). ת"ר שלשה חייהם אינם חיים אלו הם הרחמנים והרתחנין ואניני הדעת אמר רב יוסף כולהו איתנהו בי. תנו רבנן שלשה אוהבים זה את זה אלו הם הגרים והעבדים והעורבים. שלשה שונאים זה את זה הכלבים והתרנגולים והחברין. ויש אומרים אף הזונות ויש אומרים אף ת"ח שבבבל:

כלומר שבזה ישראל: כרחמנים, אחר מדאי: אין הדעה סובלתן. דאפילו בן עצמן מתחרטין לאחר זמן ונבזים בעיני עצמן: שמתגאה בחנם. שנהג עניים שררה ואינו עומד עליהם בשעת הדחק: נוח כנען. כלומר מנהגם כך כאלו ציוה עליהן אביהן. ונפקא מינה שצריך אדם ליזהר מהן:

**יא ארבעה** אין הדעת סובלתן אלו הן דל גאה עשיר מכחש זקן מנאף ופרנס המתגאה על הצבור בחנם וי"א אף המגרש את אשתו פעם ראשונה ושניה ומחזירה. ות"ק זימנין דכתובתה מרובה א"נ שיש לו בנים הימנה ולא מצי מגרש לה. חמשה דברים צוה כנען את בניו אהבו זה את זה אהבו את הגזל אהבו את הזימה ושנאו את אדוניכם ואל תדברו אמת. ששה דברים נאמרו בסוס אוהב את הזנות אוהב המלחמה ורוחו גסה ומואס שינה ואוכל הרבה ומוציא קמעא ומהלך על צדי דרכים וי"א אף מבקש להרג בעליו במלחמה:

**יב שבעה** כמנודין לשמים אלו הן. מי שאין לו אשה ומי שיש לו אשה ואין לו בנים מסנת ואינו

---

בּיי רַב אַשִׁי צוּ מֶעג עֶר זָאגְן פַאר זַיין רֶבִּי אוֹיף אִים אַז עֶר הָט גִיטָאהן אַיין עֲבֵירָה דֶר רֶבִּי זָאל אִים אוֹיךְ פַיינְט הָאבִּין. הָאט רַב אַשִׁי גְזָאגְט אוֹיבּ עֶר וֵויים אַז עֶר אִיז בַּאגְלוֹיבְּט בַּיי זַיין רֶבִּי אַזוֹי וִוי צְוֵויי עֵדוּת. זָאל עֶר אִים זָאגְן. אוּנ אוֹיבּ נִיט. זָאל עֶר דֶעם רֶבִּי אוֹיךְ נִיט זָאגְן: תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערוּנְט דְרַיי עֶרְלֵייא מֶענְטְשִׁין אִיז זֵייעֶר לֶעבִּין נִיט קַיין לֶעבִּין. דִי וָואס הָאבִּין צוּ פִיל רַחֲמָנוּת. אוּנ דִי וָואס זֶענִין צוּ פִיל אִין כַּעַס. אוּנ דִי וָואס זֶענֶען צוּ פִיל אֵיידִיל. רַב יוֹסֵף הָט גְזָאגְט דִי אַלֶע דְרַיי זַאכִין זֶענֶען דָא בַּייא מִיר. דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דְרַייא הָאבֶּען זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען. גֵרִים אוּנ קְנֶעכְט. אוּנ קְרָאהֶען. דְרַיי הָאבִּין פַיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען. הִינְט. הֶענֶער: אוּנ פֶּערְסִיאַנֶער. אַנְדֶערֶע זָאגִין זוֹנוֹת הָאבִּין אוֹיךְ פַיינְד אֵיינֶע דִי אַנְדֶערֶע: אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן בָּבֶל הָאבִּין אוֹיךְ פַיינְד אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין:

**יא** אַרְבָּעָה. פִיר זַאכִין קֶענִין מֶענְטְשִׁין נִיט לֵיידִין. אַז אַיין אָרֶעם מַאן אִיז גְרוֹיס בַּיי זִיךְ. אוּנ אַז אַרַייכֶער פַר לֵייקֶענְט גֶעלְט. אוּנ אַז אַיין אַלְטֶער מַאן אִיז מְזַנֶּה. אוּנ אַז אַפִירֶער פוּן שְׁטָאט הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוֹיף דִי מֶענְטְשִׁין פוּן שְׁטָאט אוּמְזִיסְט. וָואס זֵיי הָאבִּין פוּן אִים קַיין טוֹבָה נִיט. אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין אַז אֵיינֶער גִיט זַיין וַוייבּ אַיין מָאהל אוּנ עֶר נֶעמְט זִי צוּרִיק. דֶער נָאךְ גִיט עֶר זִי נָאךְ אַמָאהל אוּנ עֶר נֶעמְט זִי צוּרִיק. דָאס קֶען אוֹיךְ דִי וֶועלְט נִיט לֵיידִין. פַר וָואס רֶעכִינְט דָאס נִיט דֶער עֶרְשְׁטֶער תַּנָּא. וַוייל עֶס קֶען זַיין זִי הָאט אַגְרוֹיסֶע כְּתוּבָּה אוּנ עֶר הָט אִיר נִיט צוּ בְּצָאהְלֶען מוּז עֶר זִי צוּרִיק נֶעמִין. אָדֶער עֶר הָט קִינְדֶער פוּן אִיהְר מוּז עֶר זִי צוּרִיק נֶעמֶען. פִינְף זַאכִין הָאט כְּנַעַן גִיבָּאטִין צוּ זַיינֶע קִינְדֶער. אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבִּין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין. אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבִּין צוּ גַזְלֶנֶען. אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבִּין צוּ מְזַנֶּה זַיין. אִיר זָאלְט פַיינְט הָאבִּין אַייעֶר בַּעַל הַבַּיִת. אִיר זָאלְט נִיט רֵיידִין אֶמֶת. זֶעקְס זַאכֶען אִיז גְזָאגְט גִיוָוארִין בַּיי אַפֶערְד. עֶר הָט לִיבּ מְזַנֶּה צוּ זַיין. עֶר הָט לִיבּ מִלְחָמָה. עֶר אִיז גְרוֹיס בַּיי זִיךְ. עֶר הָאט פַיינְט שְׁלָאף. עֶר עֶסְט פִיל. אוּנ עֶס גֵייט פוּן אִים וֵוייניג צוֹאָה. אוּנ עֶר גֵייט בַּיי דִי זַייטִין פוּן וֶועג. אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין אַז עֶר אִיז אִין אַמִלְחָמָה וִויל עֶר הַרְגֶענֶען זַיין בַּעַל הַבַּיִת:

**יב** שִׁבְעָה. זִיבֶּען מֶענְטְשִׁין הָט גָאט פַיינְט גְלַייךְ וִוי זֵיי וָואלְטֶען גִיוֶוען אִין חֵרֶם. דֶער וואס

ואינו מגרשה ומי שיש לו בנים ואינו מגדלן לתלמוד תורה ומי שאין לו תפילין בראשו ובזרועו וציצית בבגדו ומזוזה בפתחו ומונע מנעלים מרגליו וי״א אף מי שאינו מסב בחבורה של מצוה :

**ינ אמר** רבה בר בר חנה אמר רבי (יצחק בר) שמואל בר מרתא אמר רב משום יוסף איש הוצל מנין שאין שואלים בכלדיים שנאמר (דברים יח) תמים תהיה עם ה׳ אלהיך . ומנין ליודע בחברו שהוא גדול ממנו אפילו בדבר אחד שחייב לנהוג בו כבוד שנאמר (דניאל ו) כל קבל די רוח יתירא ביה ומלכא עשית להקמותיה על כל מלכותא . תנא הוא יוסף איש הוצל הוא יוסף הבבלי . (דף קיד) אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן משום רבי יהודה בר אלעאי אכול בצל ושב בצל ולא תיכול אווזין ותרנגולים ויהא לבך רודף עליך פחות מסיכלך וממשתיך ותוסיף על דירתך . כי אתא עולא אמר מתלין מתלייא במערבא דאכיל אליתא טשי בעליתא דאכיל קקולי אקיקלי דמתא שכיב :

מגורש ב׳ פעמים . שאין דעתה של בריה מילתא אלא בת כאן לכאן :
בכלדיים . בעלי אוב כך פירשו רבותי ולא נהירא דקרא בכשדים כתיב אל תפנו אל האובות . ואני שמעתי חוזים בכוכבים וכן עיקר :
תמים תהיה . להיות נוטה בו כל קורות והולכות כגאות : אכול בצל . תבול בצלים ומיני ירקות : ושב בצל . בביתך ולא תצטרך למכור ביתך : ולבך רודף עליך . מתאוה לאכול כל שעה מה שהרגילוהו : דאכיל אליתא . אליה כלומר בשר שמן תדיר : טשי בעליתא . נסתר בעלייה כשבא להובעו סקפתו דאכיל ואין בידו מה לפרוע : קקולי . ירקות : אקיקלי דמתא . על אשפות העיר מקום משתר בני אדם יושבין שלא יושב ואין תובעין אותו כלום :

תבלין

---

חם הט ניט קיין ווייב . אונ דער וואס הט אווייב אונ ער הט ניט קיין קינדער פון איר אונ ער גט איר ניט . אונ דער וואס הט קינדער אונ ער לאזט זיי ניט לערנען תורה . אונ דער וואס הט ניט קיין תפילין אויף זיין קאפ אונ אויף זיין האנט . אונ ער האט ניט קיין ציצית אין זיין קלייד . אונ ער הט ניט קיין מזוזה אויף זיין טיר . אונ ער גייט בארוועס אן שיך . אונ אז מען רופט איהם צו אסעודה מצוה ווילער ניט גיין :

**ינ אמר** . רבה בר בר חנה הט גזאגט רבי שמואל בר מרתא האט גזאגט אז רב הט גזאגט פון יוסף איש הוצלם וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז איד טאר ניט פרעגין בייא אכישוף מאכער אונ ניט ביי אשטערין זעהר וואס עס וועט זיין . ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט זיין גאנץ מיט גאט . דו זאלסט ניט קלערין וואס עס וועט זיין . נאר זאלסט דיך פאר זיכערין אויף גאט . פון וואנען ווייסען מיר אז איינער ווייס אז זיין חבר איז גרעסער פון איהם אפילו נאר מיט איין זאך . דארף ער געבין זיין חבר כבוד . ווארום עס שטייט אין פסוק ווייל דניאל הט גיהאט מער חכמה הט זיך דער מלך גישטארקט אויף צו נעמען איהם אויף זיין גאנץ קעניגרייך . מיר האבען גילערנט יוסף איש הוצל איז יוסף הבבלי . רבה בר בר חנה הט גזאגט רבי יוחנן הט גזאגט פון רבי יהודה בר אלעאי וועגין עס ציבעלעס ואונ אנדערע קאלנעווע עסינווארג אונ זיץ אין דעם שאטין פון דיין שטוב . אונ זאלסט ניט עסין קיין גענדז מיט הינער אונ דיין הארץ וועט דיך נאך יאגין דוא זאלסט עסין וואס דו ביסט גיוואוינט . אונ דוא וועסט ניט האבען פאר וואס צוא קויפען . דוא זאלסט אפ שפארין פון דיין עסין אונ פון דיין טרינקען אונ זאלסט צו לייגען דס געלט צו דיין וואהנונג . דו זאלסט האבען אשיינע וואהנונג . אז עולא איז גיקומען פון ארץ ישראל הט ער גזאגט אין ארץ ישראל זאגט מען אמשל דאכיל אליתא טשי בעליתא . דער וואס עסט פעטע פלייש . מוז ער זיך בעהאלטען אויף דעם בוידים . ווארום מען קומט איהם מאנען וואס ער הט גיבארגט אונ גיגעסען אונ ער הט ניט צו בצאהלען . מוז ער זיך בעהאלטען . דאכיל קקולי אקיקלי דמתא שכיב . אבער דער וואס עסט וואלוועלע עסינס . גרינווארג . קארטאפלעס אונ נאך אזעלכע זאכען . ליגט ער אויף דיא מיטט פון שטאט . וואו אלע מענטשין גייען אונ קיינער מאנט איהם ניט :

מחט סיל . סלה היכה אחת סיל ואין התיכה מתלקט ל:מים : לרב הסדה מחי. מפליג פליג לו אוספי מוסיף אכל (רב) ורבה פשיטה דפליג מדקאמר בלבד : הביבי . דודי רבי חייא : הללו בקן

(דף קטז) **יד תבלין** זכר לתבן חרוסת זכר לטיט . **מתחיל בגנות ומסיים בשבח** מאי בגנות רב אמר מתחלה עובדי כו"ם היו אבותינו (ורבא) [ושמואל] אמר עבדים היינו לפרעה , א"ל רב נחמן לדרו עבדיה עבדא דמפיק ליה מאריה לחירותא ויהיב ליה כספא ודהבא מאי בעי למימר ליה א"ל בעי לאודויי ולשבוחי א"ל פטרתן למימר כה נשתנה פתח ואמר עבדים היינו :

(ע"ב) משנה **טו רבן** גמליאל היה אומר כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו ואלו הן פסח מצה ומרור פסח על שום מה על שם וכו' מצה על שם שנגאלו כו' מרור כו' בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים שנאמר (שמות יג) והגדת לבנך וגו' עשה ה' לי וגו' :

(ד' קיז) **טז אמר** רב חסדא אמר רבי יוחנן הללויה וכסיה וידידיה אחת הן (פירוש כי יד על כס יה כמו כסא) (ורבא) [רב] אמר כס יה ומרחב יה אחד הן (ורב) [רבה] אמר מרחב יה בלבד . איבעיא להו מרחב יה לרב חסדא מאי תיקו . איבעיא להו ידידיה לרב מאי ת"ש דאמר רב ידידיה נחלק לשתים לפיכך ידיד חול ויה קדש איבעיא להו הללויה לרב מאי תא שמע דאמר רב חזינא להו לתהילי דבי חביבי דכתיב

---

**יד** תבלין . די בשמים וואס מען לייגט אריין אין די חרוסת איז אַאָנדיינקונג אויף די שטרוי וואס מען האט געגעבן צו די יודן אין מצרים . אונ דיא חרוסת איז אַאָנדיינקונג אויף די ליים וואס מען האט געארבייט אין מצרים . מען זאל אָן הייבען די הגדה מיט אַזוי אַזאַך וואס פר אונז איז אַחרפה . אונ מען זאל אויס לאָזען מיט אַזוי אַזאַך וואס איז אַלויב פר אונז . וואס איז די חרפה . רב זאגט מען זאל אָן הייבען מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו . אונזערע עלטערן האבען אַמאהל געדינט עבודה זרה . אונ שמואל זאגט מען זאל אָן הייבען עבדים היינו לפרעה . מיר זענען געוועזען קנעכט צו פרעה . רב נחמן האט געזאגט צוא זיין קנעכט דרו . אַקנעכט וואס דער בעל הבית לאזט איהם ארויס פריי אונ ער גיט איהם נאך זילבער אונ געלד . וואס דארף דער קנעכט זאגען צום בעל הבית . האט דרו געזאגט צו רב נחמן . ער דארף איהם לויבען אונ באַנקען . האט רב נחמן געזאגט צו דרו דו האסט אונז געפטרת צו זאגען מה נשתנה האט רב נחמן אנגיהויבען צו זאגען עבדים היינו :

**טו** משנה . רבן גמליאל פלעגט זאגען דער וואס האט ניט געזאגט דיא דריי זאכען אום פסח . האט ער ניט יוצא געוועזען . דאס זענען די דריי זאכען . פסח מצה ומרור . ער דארף זאגען פאר וואס האט מען געגעסען אַקרבן פסח ווען דער בית המקדש איז געוועזען . אונ פר וואס מען עסט מצה אונ מרור . אין יעדער דור איז יעדער מענטש מחויב זיך פר צו שטעלען גלייך ווי ער אַליין וואלט ארויס געגאנגען פון מצרים . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט זאגען צוא דיין זוהן גאט האט געטאהן די אַלע נסים צו מיר ווען איך בין ארויס געגאנגען פון מצרים :

**טז** אמר . רב חסדא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין הללויה איז איין ווארט . אונ כסיה וכי יד על כס יהו איז איין ווארט . אונ ידידיה איז איין ווארט . רב האט געזאגט כסיה איז איין ווארט . אונ מרחביה איז איין ווארט . רבה האט געזאגט נאר מרחב יה איז איין ווארט . אָבער די אַלע איבעריגע ווערין צו טיילט אויף צוויי ווערטער . האט מען געפרעגט וויא האלט רב חסדא ביי מרחב יה . דאס איז צוויי ווערטער אָדער איין ווארט . ווייס מען ניט נאך האט מען געפרעגט ווי האלט רב ביי ידידיה ענטפערט די גמרא מיר האבען געהערט אַז רב האט געזאגט ידידיה ווערט צו טיילט אויף צוויי ווערטער . ידיד יה . דריבער דער ווארט ידיד איז ניט הייליג . אונ דער ווארט יה איז הייליג . פרעגט די גמרא ווי האלט רב ביי הללויה . ענטפערט די גמרא מיר האבען געהערט אַז רב האט געזאגט איך האב געזעהן דעם תהלים פון מיין פעטער

דכתיב בהן הללו בחד גיסא ויה בהד גיסא ופליגא דר' יהושע בן לוי דאמר רבי יהושע בן לוי מאי הללויה הללוהו בהללויות הרבה ופליגא דידיה אדידיה דאמר רבי יהושע בן לוי בעשרה מאמרות של שבח נאמר ספר תהלים בניצוח בניגון במשכיל במזמור בשיר באשרי בתהלה בתפלה בהודאה ובהללויה וגדול שבכולם הללויה שכולל שם ושבח בבת אחת. אמר רב יהודה אמר שמואל שירה שבתורה משה וישראל אמרוהו בשעה שעלו (ישראל) מן הים והלל זה מי אמרו נביאים שביניהם תקנו להם לישראל שיהו אומרין אותו (על גאולתם ועל) [על] כל פרק ופרק ועל כל צרה וצרה שלא תבוא עליהם ולכשנגאלים אומרים אותו על גאולתם. ת"ר רבי מאיר היה אומר כל שירות ותשבחות האמורות בספר תהלים דוד אמרן שנאמר (תהלים עב) כלו תפלות דוד בן ישי אל תקרי כלו אלא כל אלו. והלל זה מי אמרו רבי יוסי אומר אלעזר בני אומר משה וישראל אמרוהו בשעה שעמדו ישראל על הים והולקין עליו חבריו לומר שדוד אמרו ונראין דבריו מדבריהם אפשר שהטו ישראל את פסחיהן ונטלו את לולביהן (עד שבא דוד) ולא אמרו שירה ויש אומרים הרי פסלו של מיכה

גיסא. בסוף השיטה: ויה בתחלת שטה אחרת. בהללויות הרבה. בהילולים רבים ושלי הללויה דרש ליה הכי אלמא תיבה אחת היא: שירה שבתורה. אז ישיר משה: משה ובני ישראל כו'. כלומר באותו פסוקא לן דמשה וישראל אמרוהו בשעה שעלו מן הים תקנוהו ולא היה מקודם לכן. אבל הא דר"ח וימים טובים מי תקנו: על כל פרק ופרק. על כל רגל ורגל: משה וישראל אמרוהו: דכתיב בצאת ישראל ממצרים וגו' ואח"כ קבעו דוד בספרו: ועל כל צרה וצרה שלא תבא עליהם. ליגאל מעליא נקט כלומר שאם ח"ו יבא צרה עליהם ויהיו נגאלים שיהיו אומרים אותו על גאולתם כגון חנוכה: כלו תפלות. כל מזמורים כפתוחים בתפלה כגון תפלה לעני כי יעטוף: אפשר ישראל שוחטין את פסחיהן. מיצ"מ ועד דוד ולא אמרו עליו הלל: וי"א הפסלו של מיכה עומד. בימי דוד:



---

רבי חייא איז געשטאנען הללו אין איין שורה [צום סוף שורה] אונ יה איז געשטאנען אין די אנדערע שורה [אין אנהייב שורה]. אונ ער קריגט אויף רבי יהושע בן לוי. וואריום רבי יהושע בן לוי האט געזאגט ווי איז דער טייטש הללויה. לויבט איהם מיט פיל לויבונג. אונ די צוויי אותיות יה איז גאר ניט דער נאמע גאט; איז דאך הללויה איין ווארט. אונ רבי יהושע בן לוי קריגט אויף זיך אליין. וואריום רבי יהושע בן לוי האט געזאגט מיט צעהן ערליי ווערטער פון לויב איז געזאגט געווארען דער ספר תהלים. בניצוח [למנצח] בניגון [בנגינות]. אונ משכיל. אונ מזמור. אונ שיר. אונ אשרי. אונ תהלה. אונ תפלה. אונ הודאה. [הודו לה׳]. אונ דאס גרעסטע ווארט פון לויב איז הללויה. ווייל אין דעם ווארט איז צוויי זאכען צו זאמען. הללו איז טייטש לויב. אונ יה איז גאט. טייטשט דאך איצט רבי יהושע בן לוי דעם ווארט הללויה [לויבט גאט]. איז דאך דאס אנדערש ווי פריער ער האט געטייטשט. קריגט ער דאך אויף זיך אליין. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגען די שירה וואס שטייט אין די תורה [אז ישיר] האט געזאגט משה אונ די יודען ווען זיי זענען אויף געגאנגען פון ים. ווער האט געזאגט הלל. די נביאים וואס זענען געוועזען צווישען די יודען האבען געמאכט א תקנה צו יעדער צייט ווען די יודען וועלען זיין אין א צרה אונ וועלען אויס געלייזט ווערען פון איר. זאלען זיי זאגען הלל. די רבנן האבען געלערנט רבי מאיר האט געזאגט אלע געזאנג אונ לויב וואס איז געזאגט געווארען אין ספר תהלים האט זיי דוד געזאגט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כלו תפלות דוד בן ישי. זאלסט ניט לייענען כָּלוּ. זיי האבען זיך אויס געלאזט. נאר זאלסט לייענען כֻּלוֹ. אין גאנצען. דער גאנצער ספר תהלים איז די תפלות פון דוד בן ישי. ווער האט געזאגט הלל. רבי יוסי זאגט מיין זוהן אלעזר זאגט משה אונ די יודען האבען געזאגט הלל ווען זיי זענען געשטאנען ביי דעם ים. אונ זיינע חברים קריגען אויף איהם אונ זייא זאגען אז דוד האט געזאגט הלל. אונ די רייד פון מיין זוהן געפעלט מיר בעסער ווי זייערע רייד. וואר'ם פון דער צייט וואס די יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים ביז דוד המלך האבען די יודען געשאכטען אזוי פיל פסחים אום פסח אונ אזוי פיל מאהל געהאלטען לולב אום סוכות. אונ האבען ניט געזאגט הלל. קען דאס זיין. אנדערע זאגען קען דאס זיין דער פסל פון מיכה איז געשטאנען אין דודס צייטען אין דעם ארט רבי.

מיכה עומד בבבי וישראל אומרים עליו את ההלל :

יז תנו רבנן רבי אליעזר אומר כל שירות ותשבחות שאמר דוד בספר תהלים כנגד עצמו אמרן רבי יהושע אומר כנגד ציבור אמרן וחכמים אומרים יש מהם כנגד עצמו ויש מהן כנגד ציבור האמורות בלשון יחיד כנגד עצמו והאמורות בלשון רבים כנגד ציבור ניצות ונגון לעתיד לבא משכיל על ידי תורגמן לדוד מזמור מלמד ששרתה עליו שכינה ואחר כך אמר שירה מזמור לדוד מלמד שאמר שירה ואחר כך שרתה עליו שכינה ללמדך שאין השכינה שורה לא מתוך עצלות ולא מתוך עצבות ולא מתוך שחוק ולא מתוך קלות ראש ולא מתוך דברים בטלים אלא מתוך דבר שמחה של מצוה שנאמר (מלכים ב ג) ועתה קחו לי מנגן והיה כנגן המנג ותהי עליו יד ה׳ . אמר רב יהודה אמר רב וכן לדבר הלכה אמר (רבא) [רב נחמן] וכן לחלום טוב . איני והא אמר רב גידל אמר רב תלמיד חכם היושב לפני רבו ואין שפתותיו

בבבי . נאמרו מקום : דישראל אמרו הלל . בכתוב בו כשהם יכין עוסיהם אלא ודאי על הים נאמר התלל ושוב לא פסק :

ניצות וניגון לעתיד כל מקום שנאמר למנלת בניצוח מלעתיד לבא הוא מדבר ולא ידעגלה מהיכא משמע אלא סכי הוי קים לאו : ע״י תורגמן . הוא אומר ואחר מפרש לרבים דהיינו משכיל ולותם למתורגמן: לדוד מזמור. משמע בתחלה היה לדוד רוה״ק ואחר כך אומר מזמור . מזמור לדוד . משמע מתוך המזמור באה השכינה לדוד : ללעד . מכאן אתה למד וגם מפסוק אחר : וכיה שנאמר ועתה קחו לי מנגן וגו׳ : שמחה של מצוה . כיון דקחו לי מנגן שהיה מנגן בהשרה עליו שכינה : וכן לחלום . אם הולך לישן מתוך שמחה

נוטפות

---

און די יודין האָבּין גזאָגט הַלֵל . וָוס אין הַלֵל שְׁטֵייט די וָואס האָבּין גימַאכט די עֲבוֹדָה זָרָה און דיא וָואס פאַר זיכֶערין זיך אויף איהר זָאלֶען זַיין אַזוי וויא דיא עֲבוֹדָה זָרָה איז . וָועלין דֶען דיא יודין זיך אַלֵיין פְלוּכִין . גֶעווים מוז זַיין אַז דיא יודֶען האָבֶּען גיזָאגט הַלֵל בַּיי דֶעם יַם :

יז תָּנוּ רַבָּנָן . די רַבָּנָן האָבּין גילֶערנט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגט אַלֶע גיזַאנג און לויב וָואס דָוִד הַמֶלֶךְ הָט גזָאגט אין סֵפֶר תְּהִלִים , הָאט עֶר דָאס גזָאגט גֶעגין זיך אַלֵיין . רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגט עֶר הָט דָאס גיזָאגט גֶעגין אַלֶע יודין . און די חֲכָמִים זָאגין אַנְדֶערֶע קאַפִּיטְלַאךְ הָט דָוִד גזָאגט גֶעגין זיך . און אַנְדֶערֶע קאַפִּיטְלַאךְ הָאט עֶר גזָאגט גֶעגין אַלֶע יודין ; די קאַפִּיטְלַאךְ וָוס וָועגין גזָאגט גיוָוארין מִיט דֶעם לָשׁוֹן ווי מֶען זָאגט פַאר אֵיין מֶענְטְשִׁין . הָט זַייא דָוִד גזָאגט גֶעגין זיך ; און די קאַפִּיטְלַאךְ וָוס וֶועגין גיזָאגט גוָוארין מִיט דֶעם לָשׁוֹן ווי מֶען זָאגט פַאר פִיל מֶענְטְשִׁין . הָט דַיי דָוִד גזָאגט גֶעגין אַלֶע יודין . דֶער קאַפִּיטֶל וָוס הֵייבּט זיך אָן לַמְנַצֵחַ בִּנְגִינוֹת . שְׁמוּעֶסְט פוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען . דֶער קאַפִּיטֶל וָואס הֵייבּט זיך אָן מִיט דֶעם וָוארט מַשְׂכִּיל ; אִיז עֶר גִיזָאגט גוָוארֶען דוּרְךְ אַיין אַנְדֶערִין . דָוִד הָאט גזָאגט צוּ אֵיינֶעם דֶעם קאַפִּיטֶל . און דֶער אֵיינֶער הָאט גזָאגט דֶעם קאַפִּיטֶל צוּ פִיל מֶענְטְשִׁין . דֶער קאַפִּיטֶל וָואס הֵייבּט זיך אָן לְדָוִד מִזְמוֹר . הָאט פְרִיעֶר גירוּהְט די שְׁכִינָה אויף דָוִד . דֶער נָאךְ הָאט עֶר גזָאגט דֶעם קאַפִּיטֶל . און דֶער קאַפִּיטֶל וָוס הֵייבּט זיך אָן מִזְמוֹר לְדָוִד . הָאט פְרִיעֶר דָוִד גיזָאגט דֶעם קאַפִּיטֶל ; דֶער נָאךְ הָאט גירוּהְט אויף אִים די שְׁכִינָה . פוּן דַאנֶען לֶערְנִין מִיר אַז די שְׁכִינָה רוּהְט נִיט אויף אַמֶענְטְשִׁין וֶוען עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג . און נִיט וֶוען עֶר לַאכְט . און נִיט וֶוען אִים אִיז גְרִינְג דֶער קָאפּ (דָאס מֵיינְט מֶען די מוֹרָא פַאר גָאט אִיז נִיט אויף אִים) . און נִיט וֶוען עֶר רֶעט לֵיידִיגֶע רֵייד . וָוס עֶר דַארְף נִיט . נָאר וֶוען עֶר אִיז פְרֵייליךְ פוּן אַמִצְוָה וָוס עֶר הָאט גִיטָאהן . רוּהְט אויף אִים די שְׁכִינָה . אַזוי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֱלִישָׁע הַנָבִיא הָט גזָאגט בְּרֵיינְגְט מִיר אַשְׁפִּילֶער . און אַז דֶער שְׁפִּילֶער הָט אָן גיהוֹיבִּין צוּ שְׁפִּילֶען אִיז אֱלִישָׁע פְרֵייליךְ גְוָוארֶען . הָט אויף אִים גירוּהְט די נְבוּאָה פוּן גָאט . רַב יְהוּדָה הָאט גזָאגט פוּן רַבְ'ן וֶועגין צוּ לֶערְנֶען אַדִין אִיז אויךְ אַזוי . אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף עֶר זַיין פְרֵיילַאךְ . רַב נַחְמָן זָאגְט צוּ אַגוּטִין חָלוֹם אִיז אויךְ אַזוי . אַז אַמֶענְטְשׁ לֵייגְט זיך שְׁלָאפֶען פְרֵיילַאךְ וֶועט עֶר אַגוּטִין חָלוֹם . פְרֶעגְט די גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַזוי . רַב גִידֵל הָאט דָאךְ גזָאגט פוּן רַבְ'ן וֶועגין אַז

אתלמיד

נוטפות מר הבוינה שנאמר (שה"ש ה) שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר אל תקרי שושנים אלא ששונים אל תקרי מור עובר אלא מר עובר לא קשיא הא ברבה הא בתלמידא ואי בעית אימא הא והא ברבה ולא קשיא הא מקמי דנפתח הא בתר דנפתח כי הא דרבה כי הוה בעי למפתח בשמעתא אמר ברישא מילי דבדיחותא וקא בדחי רבנן והדר יתיב באימתא ופתח בשמעתא:

רואה מלוח טוב : פה ברכה . צריך ללמוד מתוך שמחה :

**יח תנו** רבנן הלל זה מי אמרו רבי אליעזר אומר משה וישראל אמרוהו בשעה שעמדו על הים הם אמרו (תהלים קטו) לא לנו ה' וגו' משיבה רוח הקדש ואמרה (ישעיה מח) למעני למעני אעשה כי איך יחל וגו' רבי (יהושע | יהודה] אומר יהושע וישראל בשעה שעמדו עליהן מלכי כנען הם אמרו לא לנו ומשיבה וכו' רבי אליעזר המודעי אומר דבורה וברק אמרוהו בשעה שעמדו עליהם סיסרא ויבין הם אמרו לא לנו ה' לא לנו משיבה רוח הקדש ואמרה להם למעני למעני אעשה כי איך יחל וגו' (ר' אלעזר בן עוריה) [רבי עקיבא] אומר חנניה מישאל ועזריה אמרוהו בשעה שעמד עליהם נבוכדנאצר הם אמרו לא

---

א תלמיד זיצט פאר זיין רבי און פון זיינע לעפצען רינט ניט ביטערקייט וואס מיינט מען אויב ער זיצט ניט מיט מורא] זאלין זיי פאר ברענט ווערין. אזו וויא עס שטייט אין פסוק שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר. זאלסט ניט לייענען שושנים. רויזין. נאר זאלסט לייענען ששונים. וואס זיי לערנען. און זאלסט ניט לייענען מור עובר. בשמים גייט דורך. נאר זאלסט לייענען מר עובר. ביטערקייט גייט דורך. זאגט דער פסוק די לעפצין וואס לערנען דארף אויף זיי זיין אביטערקייט. ועהן מיר דאך אז מען דארף לערנען תורה מיט מורא ניט מיט פרייליכקייט. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דער רבי דארף זיין פרייליך ווען ער לערנט. און דער תלמיד דארף זיצען מיט מורא. און אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגין ביידע שטועסין פון רבי. און עס איז ניט קיין קשיא. איידער דער רבי הייבט אן צו לערני דארף ער זיין פרייליך. און אז ער האט שוין אנגעהויבען צו לערנען דארף ער זיצען מיט מורא. אזו ווי רבא האט גיטאהן. אז ער פלעגט ווערין אנהויבען לערנען מיט די תלמידים. האט ער פריער גזאגט פאר די תלמידים אפרייליכע זאך. האבען די תלמידים גילאכט. דער נאך איז ער גיזעסין מיט מורא. און האט אן גיהויבען צו לערנען דעם דין:

**יח** תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט. ווער האט גזאגט הלל. ווער עס ערשטין מאל האט אים גימאכט. רבי אליעזר זאגט משה רבינו מיט די יודין האבין גימאכט דעם הלל ווען זיי זענען גישטאנען ביי דעם ים. די יודין האבען גזאגט צו גאט לא לנו ה'. ניט פון אונזערטוועגין זאלסטו טאהן. (אזו ווי עס שטייט ווייטער). האט דער רוח הקדש גיענפערט פון מייגעטוועגין וועל איך טאהן איך וועל ניט לאזען מיין נאמען פארשעמט ווערין. רבי יהודה זאגט יהושע מיט די יודין האבין גימאכט דעם הלל ווען די מלכים פון כנען האבין זיך פאר זאמילט אויף זיי צו אמלחמה. די יודין האבען גזאגט צו גאט לא לנו ה'. ניט פון אונזערטוועגין זאלסטו טאהן (אזוי ווי עס שטייט ווייטער). האט דער רוח הקדש גיענפערט איך וועל טאהן פון מייגעטוועגין. מיין נאמען זאל ניט פארשעמט ווערין. רבי אליעזר המודעי זאגט דבורה און ברק האבין גזאגט דעם הלל. ווען סיסרא און יבין האבין מיט זיי מלחמה גיהאלטען. דבורה און ברק האבען גזאגט לא לנו ה'. ניט פון אונזערטוועגין זאלסטו טאהן (אזוי ווי עס שטייט ווייטער): האט דער רוח הקדש גיענפערט. איך וועל טאהן פון מייגעטוועגין. מיין נאמען זאל ניט פארשעמט ווערין. רבי עקיבא זאגט חנניה מישאל ועזריה האבען גזאגט דעם הלל. ווען נבוכדנצר איז אויף זיי גישטאנען זיי זאלין זיך בוקן צום צלם און אויב ניט ווארפט ער זיי אריין אין פייער. האבין זיי גזאגט פאר גאט לא לנו. ניט פון אונזערטוועגען זאלסטו טאהן (אזוי ווי עס שטייט ווייטער). האט דער רוח הקדש

ניענפערט

**הללויה**. כולהו דספר תהלים: הכל מודים דבמקום שיש ג' פעמים הללויה בין פרק לפרק לא פליגי רב חסדא ורבה בר רב הונא דהאי מלעיל והאי מלרע:
**דצלותא**. באנו מתפללין על העתיד ובגאולה צריך לומר עתה מצמיח קרן ישועה מתוך דרחמי מיהו ואנו מבקשין ש(י)צמיח קרן ישועה: **דאפטרתא**. ברכות דהפטורה מגן דוד ורש"י ב"ה אומר משום הכי לא צריך למימר בתפלה מגן דוד דכבר אמרנו מגן אברהם ותרי חתימות בהדדי לא צריך בתפלה:

**לא לנו ומשיבה וכו'**. (רבי עקיבא) [רבי אלעזר בן עזריה] אומר חזקיה וסיעתו אמרוהו בשעה שעמד עליהם סנחריב. הם אמרו לא לנו ומשיבה וכו' רבי יוסי הגלילי אומר מרדכי ואסתר אמרוהו בשעה שעמד עליהם המן הרשע הם אמרו לא לנו ומשיבה וכו' וחכמים אומרים נביאים שביניהם תקנו להם לישראל שיהו אומרים אותו על כל פרק ופרק ועל כל צרה וצרה שלא תבא עליהם לישראל ולכשנגאלין אומרים אותו על הגאולה. אמר רב חסדא הללויה סוף פרקא רבה בר רב הונא אמר הללויה ריש פרקא. אמר רב חנין בר רבא הכל מודים בתהלת ה' ידבר פי ויברך כל בשר שם קדשו לעולם ועד הללויה דבתריה ריש פרקא עד היכ הוא אומר בית שמאי אומרים עד (תהלים קיג) אם הבנים שמחה ובית הלל אומרים עד (שם קיד) חלמיש למעינו מים:

(ע"ב) **יתן ואמר** רבה בר שילא דצלותא מצמיח קרן ישועה דאפטרתא מגן דוד (שמואל ב ז) ועשיתי לך שם גדול כשם הגדולים אשר בארץ. תני רב יוסף זה שאומרים מגן דוד. (בראשית יב) ואעשך לגוי גדול אמר ריש לקיש זה שאומרים אלהי אברהם (שם) ואברכך זה שאומרים אלהי יצחק ואגדלה שמך זה שאומרים אלהי יעקב יכול יהו חותמין בכולם ת"ל (שם)

והיה

---

גיענטפערט איך וועל טאהן פון מיינעטוועגן. מיין נאמען זאל ניט פארשעמט ווערין. רבי אליעזר בן עזריה זאגט חזקיהו המלך מיט זיינע מענטשין האבען גזאגט דעם הלל. ווען סנחריב מלך אשור איז געקומען צו אים מלחמה האלטין. האבען זיי גזאגט פאר גאט לא לנו יי'. ניט פון אונזערטוועגין זאלסטו טאהן (אזוי ווי עס שטייט ווייטער). האט דער רוח הקדש גיענטפערט איך וועל טאהן פון מיינעטוועגין: מיין נאמען זאל ניט פארשעמט ווערין. רבי יוסי הגלילי זאגט מרדכי אונ אסתר האבין גזאגט דעם הלל. ווען המן איז אויף זיי אויף גישטאנען. האבין זיי גזאגט פאר גאט לא לנו יי'. ניט פון אונזערטוועגין זאלסטו טאהן (אזוי ווי עס שטייט ווייטער). האט דער רוח הקדש גיענטפערט איך וועל טאהן פון מיינעטוועגין. מיין נאמען זאל ניט פאר שעמט ווערין. די חכמים זאגען די נביאים וואס זענען גיוועזען צווישען די יודין האבין גימאכט א תקנה: צו יעדער צייט ווען די יודין וועלען זיין אין א צרה. אונ וועלען אויס גילייזט ווערען פון איר. זאלען זיי זאגען הלל. רב חסדא זאגט הללויה איז דער סוף פון קאפיטל. רבה בר רב הונא זאגט הללויה איז דער אנהייב קאפיטל. רב חנין בר רבא זאגט אלע זענען מודה ביי דעם פסוק תהלת יי' ידבר פי ויברך כל בשר שם קדשו לעולם ועד הללויה. דער אנדערער ווארט הללויה איז דער אנהייב פון אנדערען קאפיטל: ווא עס שטייט צוויא מאהל הללויה ואיינם נאך דאס אנדערע. דער ערשטער הללויה איז דער סוף קאפיטל: דער אנדערער הללויה איז דער אנהייב פון ווייטערדיגען קאפיטל. פסח ביי נאכט צום סדר ביז ווען זאל ער זאגין הלל פאר דעם עסין. בית שמאי זאגין ביז אם הבנים שמחה. אונ בית הלל זאגען ביז חלמיש למעינו מים:

יתן ואמר. רבה בר שילא האט גזאגט אין שמונה עשרה זאגען מיר מצמיח קרן ישועה אין הפטרה זאגין מיר מגן דוד. אין פסוק שטייט גאט האט גזאגט צו דוד המלך איך וועל דיר מאכען א גרויסען נאמען ווי דער נאמען פון די גרויסע לייט וואס זענין גיוועזען אויף דער וועלט. האט רב יוסף גילערנט. דאס איז וואס מען זאגט מגן דוד. גאט האט גזאגט צו אברהם איך וועל דיך מאכען צו א גרויסע פאלק. האט ריש לקיש גזאגט דאס איז וואס מען זאגט אלהי אברהם. איך וועל דיך בענטשין דאס איז וואס מען זאגט אלהי יצחק. איך וועל גרויס מאכען דיין נאמען דאס איז וואס מען זאגט אלהי יעקב. איך וואלט וועלין

מיינען

והיה ברכה בך חותמין ולא בכולם :

(דף קיח) **תנו** רבנן רביעי גומר עליו את ההלל ואומר עליו הלל הגדול דברי רבי טרפון ויש אומרים (תהלים כג) ה' רועי לא אחסר . מהיכן הלל הגדול אמר רב יהודה (שם קלו) מהודו עד (שם) על נהרות בבל . רבי יוחנן אמר (שם קלד) משיר המעלות עד על נהרות בבל . רב אחא בר יעקב אמר (שם קלה) מכי יעקב בחר לו יה עד על נהרות בבל . ולמה נקרא שמו הלל הגדול (אמר רבי יוחנן) מפני שהקדוש ב"ה יושב ברומו של עולם ומחלק מזונות לכל בריה . אמר רבי יהושע בן לוי הני עשרים וששה כי לעולם חסדו כנגד מי כנגד עשרים וששה דורות שברא הקדוש ב"ה בעולמו ולא נתן להם תורה וזן אותם בחסדו . ואמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (שם) הודו לה' כי טוב הודו למי שגובה חובתו של אדם בטובתו עשיר בשורו עני בשיו יתום בביצתו אלמנה בתרנגולתה . אמר רבי יוחנן קשין מזונותיו של אדם כפלים כיולדה דאלו ביולדה כתיב (בראשית ג) בעצב תלדי בנים ואלו במזונות כתיב (שם) בעצבון תאכלנה . (א"ר אלעזר קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף שנאמר (תהלים קלו) נותן לחם לכל בשר וסמיך ליה לגוזר ים סוף לגזרים . ואמר רבי אלעזר) [אמר רבי יוחנן] קשין מזונותיו

ה"ג רביעי גומר עליו את ההלל ואומר עליו הלל הגדול : ה' רועי . על שם המזון שאכלו צריך לומר : שהקב"ה יושב ברומו של עולם וכו' . דכתיב הודו לאל השמים נותן לחם לכל בשר והיינו דבר גדול : בטובתו . בטובה שהשפיע לו והכי משמע כי טוב כי לעולם חסדו חסד הוא עושה לעולם בכי טוב כלומר בטוב שנתן לו : עשיר בשורו . מפסידו ממון ומכפר על גופו : בעצבון תאכלנה . תרי משמע : כקריעת ים סוף . כלומר נס גדול עושה

---

מיינען מען זאָל אויס לאָזין די בְּרָכָה מיט אַלֶע דְרַיי . שְׁטֵייט אין פָּסוּק דו זָאלְסְט זַיין דיא בְּרָכָה . מיט דיר אַלֵיין לָאזְט מען אויס . מען זָאגְט מָגֵן אַבְרָהָם אָבֶּער נִיט מיט אַלֶע . מען זָאגְט נִיט מָגֵן אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקב :

תָּנוּ רַבָּנָן . די רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט אויף דֶעם פֶערְטִין כּוֹס זָאגְט מען הַלֵל בִּיז צוּם סוֹף . אוּנ מען זָאגְט דָאס גְרוֹיסֶע הַלֵל (הודו אוּנ נִשְׁמַת) . אַזוֹי זָאגְט רַבִּי טַרְפוֹן . אַנְדֶערֶע זָאגִין מען זָאל זָאגֶען דֶעם קַאפִּיטֶל יְיָ רוֹעִי לֹא אֶחְסָר . פוּן וַואנֶען הֵייבְּט מען אָן הַלֵל הַגָדוֹל . רַב יְהוּדָה זָאגְט פוּן הוֹדוּ לַיְיָ כִּי טוֹב (קאַפּיטֶל קלו) בִּיז עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל . רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט פוּן שִׁיר הַמַעֲלוֹת (קאַפּיטל קלד) בִּיז עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל . רַב אַחָא בַּר יַעֲקב זָאגְט פוּן כִּי יַעֲקב בָּחַר לוֹ יָהּ בִּיז עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל . פאַר וָואס רוּפְט מען דָאס הַלֵל הַגָדוֹל . הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גִזָאגְט וַוייל גָאט זִיצְט אין דֶעם הֶעכְסְטִין אָרְט פוּן די וֶועלְט (אין הִימֶעל) . אוּנ עֶר שְׁפַּייזְט די גַאנְצֶע וֶועלְט . אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ . אוּנ דָאס אִיז אַגְרוֹיסֶע זַאךְ . רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט די זֶעקְס אוּנ צְוָואנְצִיג כִּי לְעוֹלָם חַסְדוֹ גֶעגֶען וֶועמֶען זָענֶען זֵיי גִזָאגְט גִיוָוארֶען . גֶעגִין די זֶעקְס אוּנ צְוָואנְצִיג דוֹרוֹת וָואס גָאט הָאט בַּשַׁאפֶען אויף די וֶועלְט . אוּנ מען הָאט זֵיי נִיט גֶעגֶעבִּין די תּוֹרָה . אוּנ גָאט הָאט זֵיי גֶעשְׁפַּייזְט מיט זַיין גְנָאד . נָאךְ הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גִזָאגְט וָואס מֵיינְט דֶער פָּסוּק הוֹדוּ לַיְיָ כִּי טוֹב . לוֹיבְּט צוּ דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט אָפּ זַיין חוֹב פוּן מֶענְטְשִׁין מיט די גוּטְס וָואס עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין . בַּיי דֶעם רַייכִין נֶעמְט עֶר צוּ זַיין אָקְס פַאר די עֲבֵירָה . בַּיי דֶעם אָרֶעמֶען נֶעמְט עֶר צוּ זַיין שֶׁעפְּס פאר די עֲבֵירָה . בַּיי דֶעם יָתוֹם נֶעמְט עֶר צוּ אַאֵיי פַאר זַיין עֲבֵירָה . בַּיי די אַלְמָנָה נֶעמְט עֶר צוּ איר הוּן פַאר די עֲבֵירָה . נָאר דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִיט גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין . רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט עֶס קוּמְט אָן דֶעם מֶענְטְשֶׁען זַיין שְׁפַּייז טָאפִּילְט שְׁוֶוער וִוי די גֶעווינֶערִין איר קִינְד צוּ גֶעווינֶען . בַּיי אַגֶעווינֶערִין שְׁטֵייט בְּעֶצֶב תֵּלְדִי בָּנִים . מיט מַאטֶערְנֶעשׁ וֶועסְטוּ גִיבָּארִין קִינְדֶער . אוּנ בַּיי שְׁפַּייז שְׁטֵייט בְּעִצָבוֹן תּאכְלֶנָה . מיט צְוַויי עֶרְלֵיי מַאטֶערְנֶעשׁ וֶועט דִיר אָן קוּמֶען בִּיז דוּ וֶועסְט הָאבִּין צוּ עֶסִין . רַבִּי אֶלְעָזָר זָאגְט די נִסִים וָואס גָאט טוּהְט מיט דֶעם מֶענְטְשִׁין וִוי אַזוֹי עֶר בֶּעקוּמְט זַיין שְׁפַּייז . זָענֶען אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דֶער נֵס וָואס דֶער יַם אִיז גִישְׁפָּאלְטֶען גֶעוָוארֶען . אַזוֹ וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט גִיט בְּרוֹיט צוּ אַלֶע בַּשֶׁעפֶענִישׁ . אוּנ נָאנְט פוּן דֶעם פָּסוּק שְׁטֵייט . גָאט הָאט

לו הקב"ה למי שמזמן לו מזונות כאשר עשה בקריעת ים סוף וכ"מ למ.עי רחמי (כיון הכרב לדקד ק ממחי) : קשין נקביו של אדם כשהוא עצור כי ס המיתה . ליע: לצין עצור : המבזה את המועדו . שעושה מלאכה בחול המועד דכתיב את הג המצות תשמור ונפקא לן מיניה במס' חגיגה שאסור מלאכה בהולו של מועד : המקבל לשון הרע . המאמין על דבריו ומיהו אע"ג דלקבולי לא מבעיא למיחוש לה מבעיא כדאמרינן במסכת נדה :

מזונותיו של אדם יותר מן הגאולה דאלו בגאולה כתיב (בראשית מח) המלאך הגואל אותי מכל רע מלאך בעלמא ואלו במזונות כתיב (שם) האלהים הרועה אותי אמר רבי יהושע בן לוי בשעה שאמר הקב"ה לאדם הראשון (שם) וקוץ ודרדר תצמיח לך זלגו עיניו דמעות אמר לפניו רבש"ע אני וחמור נאכל באבוס אחד כיון שאמר לו (שם) בזעת אפיך תאכל לחם מיד נתקררה דעתו . אמר ריש לקיש אשרינו אם עמדנו בראשונה . (אמר אביי אבתי) [ועדיין] לא פלטינן מינה דקא אכלינן עשבא (דחקלא) [דדברא] . אמר רב שיזבי משום רבי אלעזר בן עזריה קשין מזונותיו של אדם בקריעת ים סוף שנאמר (ישעיה נא) מהר צועה להפתח וגו' ולא יחסר לחמו וכתיב בתריה ואנכי ה' אלהיך רוגע הים ויהמו גליו . ואמר רבי אלעזר קשין נקביו של אדם כיום המיתה שנאמר מהר צועה להפתח ולא ימות לשחת . אמר רב ששת משום רבי אלעזר בן עזריה כל המבזה את המועדות כאלו עובד כוכבים ומזלות שנא' (שמות לד) אלהי מסכה לא תעשה לך וכתיב בתריה את חג המצות תשמור . ואמר רב ששת משום ר"א בן עזריה כל המספר לשון הרע וכל המקבל לשון הרע וכל המעיד

עדות

---

האט צו שניטען דעם ים סוף אויף שטיקער . זעהן מיר אז ביידע זאכען זענען גלייך . רבי יוחנן האט געזאגט די שפייז פון מענטשען קומט אן שווערער ווי אויס צו לייזען א מענטשען פון א צרה . ווארום ביא אויסלייזונג פון צרות שטייט אין פסוק המלאך הגואל אותי מכל רע . יעקב האט געזאגט . דער מלאך וואס האט מיך אויסגעלייזט פון אלע שלעכץ . האט א מלאך אויך גיקענט איהם אויס לייזען פון זיינע צרות . אבער ביי זיינע שפייזונג שטייט האלהים הרועה אותי . דער גאט וואס האט מיך גישפייזט . רבי יהושע בן לוי זאגט ווען גאט האט געזאגט צו אדם הראשון דערנער וועלין וואקסען פון דער ערד . האט גיגאסען טרערען פון זיינע אויגען . האט אדם געזאגט פר גאט רבש"ע איך אונ דער אייזיל וועלין עסען אין איין קארעטע . ווי גאט האט געזאגט צו אים מיט די שווייס פון דיין פנים וועסטו עסין ברויט . איז אפ געקילט געווארען זיין דעה . איז ער רוהיג גיווארען . האט ריש לקיש געזאגט וואל וואלט אונז גיוועזן אז מיר וואלטען געבליבען ביי דאס ערשטע מען זאל עסין מיט דעם אייזיל צו זאמען . נאר מען זאל ניט אזוי שווער ארבעטין אויף דעם עסין . אונ מיר זענען נאך ניט פריי גיווארען פון די ערשטע קללה . ווארום מיר עסין היינט אויך די גראז פון פעלד . רב שיזבי האט געזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהם וועגען דער נס ווי אזוי דער מענטש ווערט געשפייזט . איז אזוי גרויס ווי דער נס וואס דער ים איז גישפאלטען געווארען . אזו ווי עס שטייט אין פסוק ולא יחסר לחמו . עס וועט ניט פעלין זיין ברויט . גאנץ פון דעם פסוק שטייט איך בין דיין גאט וואס האב געשפאלטען דעם ים ווען די וואלען האבין גירושט . זעהן מיר אז די ביידע נסים זענען גלייך . נאך האט רבי אלעזר געזאגט אז דער מענטש ווערט אויף גיהאלטען אונ די צואה קען ניט ארויס גיין פון אים . איז אים שלעכט ווי דער טויט אזו ווי עס שטייט אין פסוק אז דיא פערהאלטונג ווערט געשווינד גיעפענט וועט ער ניט שטארבען צום גרוב :

רב ששת האט געזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהם וועגין דער וואס פאר שעמט דעם חול המועד אונ ער האלט אים וויא וואכעדיגע טעג . איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודת זרה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו זאלסט דיר ניט מאכען קיין גיגאסענעם גאט . באלד דער נאך שטייט דו זאלסט היטען דעם יום טוב וואס דו עסט אין איהם מצות . נאך האט רב ששת געזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהם וועגין דער וואס דער ציילט לשון הרע . אונ דער וואס גלייבט אן די לשון הרע . ער גלויבט וואס מען זאגט איהם . אונ דער וואס זאגט פאלשע עדות

אויף

עדות שקר לחברו ראוי להשליכו לכלבים שנאמר (שם כג) לכלב תשליכון אותו וכתיב בתריה לא תשא שמע שוא כרי ביה לא תשיא : מאחר דאיכא הלל הגדול . ומשוכה יותר משוב

**כ וכי** מאחר דאיכא הלל הגדול אנן מ"ט אמרינן האי . (אמר רבי יוחנן) מפני שיש בו חמשה דברים ואלו הן יציאת מצרים וקריעת ים סוף ומתן תורה ותחית המתים וחבלו של משיח . יציאת מצרים דכתיב (תהלים קי"ד) בצאת ישראל ממצרים . קריעת ים סוף דכתיב (שם) הים ראה וינס . מתן תורה דכתיב (שם) ההרים רקדו כאילים גבעות כבני צאן . תחית המתים דכתיב (תהלים קט"ז) אתהלך לפני ה' בארצות החיים . חבלו של משיח דכתיב (שם קט"ו) לא לנו ה' לא לנו וגו' ואמר רבי יוחנן זו שעבוד מלכיות איכא דאמרי (תני) [אמר] רבי יוחנן לא לנו ה' לא לנו זה מלחמת גוג ומגוג . רב נחמן בר יצחק אמר מפני שיש בו מילוט נפשות של צדיקים מגיהנם שנאמר (שם קט"ז) אנה ה' מלטה נפשי . חזקיה אמר מפני שיש בו ירידתן של צדיקים לכבשן האש ועלייתן מכבשן האש ירידתן לא לנו ה' לא לנו אמר חנניה כי לשמך תן כבוד אמר מישאל על חסדך ועל אמתך אמר עזריה למה יאמרו הגוים

---

אויף זיין חבר . איז ער ווערט מען זאל איהם ווארפען פאר די הינט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו זאלסט איהם ווארפען פאר דעם הונט . דער נאך שטייט אין פסוק לא תשא שמע שוא . זאלסט ניט ליינען תשא אליין . נאר לא תשיא אויך . האט די תורה גזאגט אמענטש זאל ניט זאגען לשון הרע . און זאל ניט צו הערין לשון הרע :

**כ** פרעגט די גמרא אז עס איז דא צו זאגען הלל הגדול . פאר וואס זאגען מיר דעם הלל . האט רבי יוחנן גזאגט ווייל אין דעם הלל איז דא פינף זאכען . ווי די יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים . און וויא מען האט געשפאלטען דעם ים : און ווי מען האט געגעבען דיא תורה . און אז עס וועט זיין תחיית המתים : און דיא צרות וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען . וואו שטייט יציאת מצרים . ווארום עס שטייט אין פסוק ווען דיא יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים און ווייטערו : וואו שטייט קריעת ים סוף : ווארום עס שטייט אין פסוק דער ים האט געזעהן איז ער אנטלאפען געווארען . וואו שטייט מתן תורה . ווארום עס שטייט אין פסוק די בערג זענען געשפרונגען אזוי וויא דיא בארנעם און דיא הויכע ערטער זענען געשפרונגען וויא דיא יונגע שעפסין . ווייל יעדער בארג און יעדער הויכער ארט האט געוואלט אויף איהם זאל גאט געבין דיא תורה . וואו שטייט תחיית המתים . ווארום אין פסוק שטייט דוד המלך האט גזאגט איך וועל גיין פאר גאט אין די לעבעדיגע לענדער . וואו מען לעבט אייביג : וואו שטייט חבלו של משיח . ווארום עס שטייט אין פסוק ניט פון אונזערט וועגין זאלסטו טאהן נאר פון וועגין דיין נאמען . און רבי יוחנן האט גזאגט דאס אלין איז גזאגט געווארען ווען משיח וועט קומען און די יודען וועלען פריי ווערין פון גלות . אנדערע זאגען רבי יוחנן האט גזאגט דער קאפיטל לא לנו ה' איז גזאגט געווארען אויף די מלחמה פון גוג ומגוג . רב נחמן בר יצחק זאגט דריבער זאגט מען דעם קליינעם הלל ווייל דארט שטייט אז דוד המלך האט געבעטען די נשמות פון די צדיקים זאלען ניט קומען אין גיהנם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אנה ה' מלטה נפשי . איך בעט דיך גאט זאלסט מציל זיין מיין נשמה פון גיהנם . חזקיה זאגט דריבער זאגט מען דעם קליינעם הלל ווייל אין דעם קליינעם הלל שטייט וויא די צדיקים חנניה מישאל ועזריה זענען געגאנגען אין קאלך הויבען צו פאר ברענט ווערען אום וועגין זיי זאלען ניט דינען עבודה זרה . און זיי זענען ארויס געגאנגען פון קאלך הויבען . ווייל גאט האט זיי מציל געווען זיי זאלען ניט פאר ברענט ווערין . אז זיי זענען אריין געגאנגען אין קאלך הויבען האט חנניה גזאגט לא לנו ה' לא לנו . מישאל האט גזאגט כי לשמך תן כבוד . עזריה האט גזאגט על חסדך ועל אמתך . אלע צו זאמען האבען גזאגט למה יאמרו הגוים . ווען

הגוים אמרו כולם. בעלייתן (שם קיז) הללו את ה' כל גוים אמר חנניה שבחוהו כל האומים אמר מישאל כי גבר עלינו חסדו אמר עזריה ואמת ה' לעולם הללויה אמרו כלם. (ורבי יוחנן אמר) [ויש אומרים] ואמת ה' לעולם הללויה גבריאל אמרו. שבשעה שהפיל נמרוד הרשע את אברהם אבינו בכבשן האש אמר גבריאל לפני הקב"ה רבש"ע ארד ואצנן ואציל את הצדיק מכבשן האש אמר לו הקב"ה אני יחיד בעולמי והוא יחיד בעולמו נאה ליחיד להציל את היחיד ולפי שאין הקב"ה מקפח שכר כל בריה אמר ליה תזכה ותציל ג' מבני בניו כדדרש ר"ש (הצדוני) [השלוני] בשעה שהפיל נבוכדנצאר את חנניה מישאל ועזריה לתוך כבשן האש אמר יורקמי שר הברד לפני הקב"ה רבונו של עולם ארד ואצנן את הכבשן ואציל את הצדיקים הללו אמר לו גבריאל אין גדולתו של הקדוש ב"ה בכך שאתה שר של ברד והכל יודעין שהמים מכבים את האש אלא אני שר האש אלך ואקרר מבפנים (ע"ב) ואקרית מבחוץ ואעשה נס בתוך נס אמר הקדוש ב"ה רד באותה שעה פתח גבריאל ואמר ואמת ה' לעולם הללויה (ויש אומרים) [רבי נתן אומר] ואמת ה' לעולם דגים שבים אמרוהו כדרב הונא דאמר רב הונא ישראל שבאותו הדור מקטני אמנה היו וכדדרש רבה בר מרי מאי דכתיב (תהלים קו) וימרו על ים בים סוף ויושיעם לכען

דכתב ביה מתן לחם וגומר: גבריאל אמרו. כשניצלו חנניה מישאל ועזריה והוא היה שם כדכתיב ורוה די רביעאה דמה לבר אלהין לפי שהקב"ה הבטיחו כן בשעה שהשליך אברהם אבינו בכבשן האש והבטיחו לו הבטחתו אמר ואמת ה' לעולם שקיים הבטחתו: בשעה שהפיל. שעל שם כן נקרא אמרפל שאמר והפיל את אברהם בכבשן האש: ואקדית מנתן. נשרוף את הצדיקים הואם לתוך כלל דכתיב גובריא אלך די הסיקו לשדרך מישך ועבד נגו קטיל המון שביבא די נורא: ואמת ה' לעולם. שקיים לי הבטחתו שהבטחתי נציל

---

זיי זענען ארויס גיגאנגען פון קאלך הויבען. האט חנניה גזאגט הללו את יי כל גוים. מישאל האט גזאגט כי לשמך תן כבוד. עזריה האט גזאגט כי גבר עלינו חסדו. אלע צו זאמען האבען גזאגט ואמת יי לעולם הללויה. אנדערע זאגען דער מלאך גבריאל הט גזאגט דעם פסוק ואמת יי לעולם הללויה. ווארום ווען נמרוד הרשע האט אריין גיווארפען אברהם אבינו אין קאלך הויבען. האט גבריאל גזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך וועל גיין אפ קילען דעם קאלך הויבען. אונ וועל מציל זיין דעם צדיק פון דעם קאלך הויבען. האט גאט גזאגט צו גבריאל. איך בין איינער אין מיין וועלט. אונ אברהם איז איינער אין זיין וועלט. איז שיין אז דער איינער זאל מציל זיין דעם איינעם. נאר ווייל גאט נזלת ניט דעם שכר פון קיין בשעפעניש. דריבער האט גאט גזאגט צו גבריאל דו וועסט זוכה זיין דו זאלסט מציל זיין פון פייער דריי אייניקלאך פון אברהם. אזוי ווי רבי שמעון השלוני האט גידרשת. ווען נבוכדנצר האט אריין גיווארען חנניה מישאל ועזריה אין קאלך הויבען. הט יורקמי דער שר פון האגיל גזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך וועל אראפ גיין אונ וועל קאלט מאכען דעם קאלך הויבען. אונ וועל מציל זיין די צדיקים. האט דער מלאך גבריאל גזאגט צו יורקמי. נישט אזוי איז די גרויסקייט פון גאט. דו ביסט דאך אשר איבער האגיל. אונ אלע ווייסען אז וואסער פאר לעשט פייער. נאר איך בין אשר פון פייער איך וועל גיין אונ וועל קאלט מאכען דעם הויבען אינווייניג חנניה מישאל ועזריה זאלן ניט פר ברענט ווערין. אונ וועל פאר ברענען דיא מענטשין וואס שטייען אויס וויינינ נעבין קאלך הויבען ווס זיי האבען אריין גיווארפען חנניה מישאל ועזריה אין דעם קאלך הויבען. וועל איך טאהן צוויי נסים מיט איין מאהל. הט גאט גזאגט צו גבריאל נידער אראפ. הט באלד גבריאל גזאגט ואמת יי לעולם הללויה. ווארום שוין לאנג האט מיר גאט צו גזאגט אז איך וועל מציל זיין פון פייער די אייניקלאך פון אברהם. אונ איצט האט גאט מקיים גיוועזן. רבי נתן זאגט דעם פסוק ואמת יי לעולם האבען די פיש ווס אין ים גזאגט. אזוי ווי רב הונא. ווארום רב הונא הט גזאגט די יודען פון דעם דור וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים האבען ווייניג גיגלויבט אין גאט. אזוי וויא רבה בר מרי האט גידרשת. ווס מיינט דער פסוק די יודען האבען ווידער גישפעניגט ווערקריגט) אויף דעם ים ביי דעם ים סוף אונ ער הט

למען שמו מלמד שהמרו ישראל באותה שעה ואמרו כשם שאנו עולים מצד אחד כך מצריים עולים מצד אחר אמר לו הקב"ה לשר של ים פלוט אותם ליבשה אמר לפניו רבונו של עולם כלום יש עבד שנותן לו רבו מתנה וחוזר ונוטל אותה מכנו אמר ליה אני נותן לך אחד ומחצה שבהם אמר לפניו רבונו של עולם כלום יש עבד שתובע את רבו לדין אמר לו נחל קישון יהיה ערב . מיד פלטם והשליכם ליבשה ובאו ישראל וראו אותם והיינו דכתיב (שמות יד) וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים . ומאי אחד ומחצה שבהם דאלו בפרעה כתיב (שם) שש מאות רכב בחור ואלו בסיסרא כתיב (שופטים ד) תשע מאות רכב ברזל וכי אתא סיסרא אתא עלייהו בדקרי דפרזלא הוציא הקדוש ב"ה עליהם כוכבים ממסלותם דכתיב (שם ה) מן שמים נלחמו הכוכבים ממסלותם וגו' כיון דנחיתו כוכבים עלייהו אקדירו הנך דקרי דפרזלא נחיתו לאוקרי נפשייהו בנחל קישון אמר ליה הקב"ה לנחל קישון לך והשלם ערבונך לים מיד גרפם נחל קישון והשליכם לים הגדול שנאמר (שם) נחל קישון גרפם נחל קדומים מאי נחל קדומים שנעשה ערב מקדם באותה שעה פתחו דגים ואמרו ואמת

נוכרי בניו של אברהם : שנותן לו רבו מתנה . פרנסה לדגים : ה"ג כיון דנחיתו כוכבי שמים עלייהו נהיתו לאקורי בנחל קישון . שגרפם לים כדכתיב כל הנחלים הולכים אל הים : ואמת ה' לעולם . שקיים לנו מתנתנו מחיל פרעה להתפרנס

זיי גיהאלפען פון וועגען זיין נאמען ; דער פסוק דער צייכט אונז אז די שעה ווס די יודען זענען אריבער גיגאנגען דעם ים . האבען זיי געקריגט אויף גאט . אונ האבען גזאגט אזוי ווי מיר זענען ארויס גיגאנגען פון ים אין דער זייט . אזוי זענען די מצריים אויך ארויס גיגאנגען פון ים דורך איין אנדער זייט . האט גאט גזאגט צום שר פון ים וואריף ארויס דיא דער טרונקענע מצריים אויף דער טריקענעש . וועלען די יודען זעהן אז דיא מצריים זענען טויט ; האט דער שר פון ים גזאגט פאר גאט רבונו של עולם געפינט מען דאס . אז א בעל הבית זאל געבין א מתנה צוא זיין קנעכט . אונ זאל דיא מתנה צוריק אוועק נעמען פון איהם . דוא האסט מיר גיגעבען א מתנה די טויטע מצריים . מיינע פיש זאלען האבען וואס צו עסין . אונ איצט נעמסטו זייא אוועק פון מיר . האט גאט גזאגט צום שר איך וועל דיר אוועק געבין אנדערע עכו"ם אנדער האלבין מאהל אזוי פיל . האט דער שר גזאגט פאר גאט רבונו של עולם וועט דען א קנעכט מאנען זיין בעל הבית צום משפט ער זאל איהם אפ געבין די מתנה וואס ער האט איהם צו גזאגט . האט גאט גזאגט צום שר דער טייך קישון וועט זיין א ערב אז איך וועל דיר צוריק געבין דיין מתנה ; האט דער ים באלד ארויס גיווארפען דיא טויטע מצרים אויף דער טריקענעש . אונ די יודען זענען גיקומען אונ האבען גיזעהן די טויטע מצרים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא יודען האבען גיזעהן די מצריים ליגען טויט אויף דעם ברעג ים . ווי אזוי האט גאט אפ גיגעבען אנדער האלבען מאל אזוי פיל . ווארום ביי פרעה שטייט אין פסוק ער האט גיהאט זעקס הונדערט רייטוועגין . אונ ביי סיסרא שטייט אין פסוק ער האט גיהאט ניין הונדערט אייזערנע רייטוועגין . ווען סיסרא איז גיקומען אויף די יודען מלחמה האלטען . האט ער מיט גיבראכט אייזערנע שפיזען . האט גאט ארויס גינומען די שטערין פון זייער וועג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון הימעל האט מען מיט זיי מלחמה גיהאלטען די שטערין פון זייער וועג האבען מלחמה גיהאלטען . וויא דיא שטערין זענען אראפ גיגאנגען אויף די מענטשין פון סיסרא הט די זוהן אנגיהויבען שטארק צו ברענען אויף זיי . זענען די אייזערנע שפיזען הייס גיווארען מען הט זייא ניט גיקענט האלטען אין האנט . אונ די מענטשין זענען אריין גיגאנגען אין דעם טייך קישון זיך אפ קיהלען הט גאט גזאגט צום טייך קישון בצאהל דיינע ערבות צום ים . האט זיי דער טייך קישון באלד פאר פלייצט אונ דער טרונקען אונ הט אריין גיווארפען די טויטע מענטשין אין גרויסען ים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער טייך קישון הט זיי פר פלייצט . דער פריערדיגער טייך . וואס מיינט מען דער פריערדיגער טייך . גאר דער טייך קישון איז גיוועזען א ערב צום פריערדיגען טייך . צום ים פון מצרים . אין די צייט האבען די פיש גזאגט ואמת יי לעולם הללויה . גאט איז אמת ער האט

אונז

ואמת ה' לעולם הללויה. אמר רבי שמעון בן לקיש מאי דכתיב (תהלים קיג) מושיבי עקרת הבית אמרה כנסת ישראל לפני הקדוש ברוך הוא רבונו של עולם שמוני בניך כחולדה זו שדרה בעקרי בתים:

**כא דרש** רבא מאי דכתיב (שם קטז) אהבתי כי ישמע ה' אמרה כנסת ישראל לפני הקדוש ב"ה רבונו של עולם אימתי אני אהובה לפניך בזמן שאתה שומע קול תחנוני. דלותי ולי יהושיע אמרה כנסת ישראל לפני הקדוש ב"ה רבש"ע אף על פי שדלה אני מן המצות לי נאה להושיע. אמר רב כהנא כשחלה רבי ישמעאל ברבי יוסי שלח לו רבי אמור לנו שנים או שלשה דברים שאמרת לנו משום אביך. שלח לו כך אמר אבא מאי דכתיב (שם קיז) הללו את ה' כל גוים עכו"ם מאי עבידתייהו אלא ה"ק הללו את ה' כל גוים אגבורות ונפלאות דקא עביד להו כל שכן אנן כי גבר עלינו חסדו. ועוד שלח לו עתידה מצרים שתביא דורון למשיח כסבורה שאינו מקבל הימנה אומר לו הקב"ה למשיח קבל מהם אכסניא עשו לבני במצרים מיד (שם סח) יאתיו חשמנים מני מצרים נשאה כוש

ק"ו

פירוש

שמחה: אמרה כנסת ישראל. מוקים זהתנכים מנגם אמרו על אותם השוכים כל כך כדם מע מדכתיב אם הבנים שמחה מעקת על בנים שגמוב עקרת הבית: שמוני בניך. מדוע המלאה כגלוי: בתולדה זו שדרה בעקרי הבתים. והיינו עקרת הבית:

אני אהובה לפניך. אהבתי משמע כמו אהבוני כלומר אהבת אותי: לי נאה להושיע. יותר מכל האומות שהרי ישראל ייחדוך: עכו"ם מאי עבידתייהו. לשבח משום דעלינו גבר חסדו וכל שכן הוא לשבוחיה: אגבורות ונפלאות. דחזיתו שעשה לי: יאתיו חשמנים. דורונות למלך המשיח כדכתיב

---

אונז אַוֶועק גֶעגעבֶּען אונזֶער מַתָּנָה. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ הָט גֶזאגְט וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק מוֹשִׁיבִי עֲקֶרֶת הַבַּיִת. דִיא צַדִיקִים פוּן דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶזאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דַיינֶע קִינְדֶער דִי יוּדֶען וָוס זֶענֶען נִיט פְרוּם. הָאבֶּען מִיךְ גֶיבְּרַאכְט אִין גָלוּת וָוס אִיךְ מוּז דָארְט זִיצֶען בֶּעהַאלְטֶען אַזוֹי וִוי דִי חוּלְדָה. דִי מַויז וָוס וואוֹהנְט אִין דִי לֶעכֶער פוּן שְׁטוּב אוּנ הָאט מוֹרָא אַרוֹיס צוּ גֵיין (ועיין במהרש"א ובהרי"ף):

**כא** דָרַשׁ. רָבָא הָאט גֶידַרְשְׁ'ת וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אָהַבְתִּי כִּי יִשְׁמַע יְיָ. דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶזאגְט פַר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וֶוען וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ בִּין גֶעלִיבְּט פַאר דִיר. וֶוען דוּא הֶערְסְט דֶעם קוֹל פוּן מַיין גֶיבֶּעט. דַלוֹתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ. דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶזאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין אָרֶעם פוּן מִצְוֹת. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז שֵׁיין דוּא זָאלְסְט מִיר הֶעלְפֶען. מֶער וִוי אַלֶע פֶעלְקֶער. וָוארוּם אִיךְ זָאג דָאךְ אַלֶע טָאג שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְיָ אֱלֹהֵינוּ יְיָ אֶחָד:

רַב כַּהֲנָא הָט גֶזאגְט וֶוען רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסִי אִיז קְרַאנְק גֶיוָוארֶען. הָאט רַבִּי צוּא אִיהם גֶעשִׁיקְט. זָאג אוּנְז צְווייא אָדֶער דְרַיי זַאכֶען פוּן דִי זַאכֶען וָוס דוּא פְלֶעגְסְט אוּנְז זָאגֶען פוּן דַיין פָאטֶערְס וֶועגֶין. הָט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גֶעשִׁיקְט צוּ רַבִּי אַזוֹי הָאט מַיין פָאטֶער גֶזאגְט. וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק הַלְלוּ אֶת יְיָ כָּל גּוֹיִם. לוֹיבְּט צוּ גָאט אִיר אַלֶע פֶעלְקֶער. וָוארוּם אוֹיף אוּנְז הָאט עֶר גֶישְׁטַארְקְט זַיין חֶסֶד. אִיז דָאךְ דִי קַשְׁיָא. אַז גָאט הָאט גֶישְׁטַארְקְט זַיין חֶסֶד אוֹיף אוּנְז יוּדֶען וִויא קוּמֶען דִי פֶעלְקֶער זָאלֶען לוֹיבֶּען גָאט. דַארְפִין מִיר דָאךְ אִים לוֹיבֶּען. נָאר אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק דִי פֶעלְקֶער זָאלֶען לוֹיבֶּען גָאט אוֹיף דִי שְׁטַארְקַייט אוּנ דִי ווּאוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיטָאהן. אוּנ מִיר דַארְפֶען גֶעווִיס לוֹיבֶּען גָאט. וָוארוּם צוּ אוּנְז הָאט עֶר גִיטָאהן שְׁטַארְקֶערֶע חֲסָדִים. נָאךְ הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גֶעשִׁיקְט צוּא רַבִּי. אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מִצְרַיִם בְּרֵיינְגֶען אַמַתָּנָה צוּם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ. מִצְרַיִם וֶועט מֵיינֶען אַז מָשִׁיחַ וֶועט נִיט צוּ נֶעמֶען פוּן אִיר דִי מַתָּנָה. נָאר גָאט וֶועט זָאגֶען צוּ מָשִׁיחַ עֶר זָאל יָא נֶעמֶען פוּן אִיר דִי מַתָּנָה. ווייל דִיא יוּדֶען הָאבֶּען אַמָאהל גֶיוואוֹהנְט אִין מִצְרַיִם. דֶער נָאךְ בַּאלְד וֶועלֶען קוּמֶען אַלֶע פִירְשְׁטֶען פוּן מִצְרַיִם אוּנ וֶועלֶען בְּרֵיינְגֶען מַתָּנוֹת צוּם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ. דֶער נָאךְ וֶועט דִיא מְדִינָה כּוּשׁ זָאגֶען. מַאדְךְ דִי מִצְרַיִים וָואס הָאבֶּען שְׁוֶוער גֶיאַרְבֶּעט מִיט דִי יוּדֶען. הָאט מָשִׁיחַ פוּן זֵיי אָן גֶינוּמֶען מַתָּנוֹת. מִיר וָואס הָאבֶּען נִיט גֶיאַרְבֶּעט מִיט דִי יוּדֶען. פוּן

אונז

ק״ו בעצמה ומה הללו שנשתעבדו בהן כך אנו שלא נשתעבדנו בהן על אחת כמה וכמה אמר לו הקב״ה קבל מהם מיד כוש תריץ ידיו לאלהים נשאה מלכות ארם קל וחומר בעצמה אמרה ומה הללו שאינן אחיהם כך אנו שאחיהם על אחת כמה וכמה. אמר לו הקב״ה לגבריאל (שם) גער חית קנה געור חיה וקנה לך עדה דבר אחר גער חית קנה שדרה בין הקנים דכתיב (שם פ) יכרסמנה חזיר מיער וזיז שדי ירענה. אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן אמר ליה געור בחיה שכל מעשיה נכתבין בקולמוס אחד. עדת אבירים בעגלי עמים ששחטו אבירים כעגלים שאין להם בעלים. מתרפס ברצי כסף שפושטים ידיהם לקבל ממון ואינן עושין רצון בעלים. בזר עמים קרבות יחפצו מי גרם להם לישראל שיתפזרו בין העכו״ם קרבות שהיו חפצין בהם. אמר ליה ועוד חדא שלש מאות וששים וחמשה שווקים יש בכרך גדול שברומי וכל אחד ואחד יש בו שס״ה בירניות וכל אחד ואחד יש בו שס״ה מעלות וכל מעלה ומעלה יש בה כדי לזון את כל העולם כולו. אמר ר״ש ברבי (לרבי) ואמרי לה רבי (שמעון) ישמעאל

לעיל מייתי לה יובילו מלכים שי: גער חית עכו״ם: קנה לך עדה. ישראל: קנה. דרים ניח לשון קנים בין הקנים ניפר: שכל מעשיהם נכתבים בקולמוס אחד. מדכתיב קנה ולא קנים משמע קולמוס אחד כלומר כולם פה אחד להרע להם לישראל אם בא ישראל לדון לפניהם כולן מחייבין אותו: מ תרפס ברצי כסף. מתיר פס פושט ידו: ברצי. כלומר מתפייס עם ישראל לעשות רצונם כשחד שהם מקבלין ואין מקיימין

---

אונז וועט געווים משיח אן נעמען מתנות. האט גאט געזאגט צו משיח׳ער זאל אן נעמען די מתנות וואס דיא מדינה כוש וועט איהם ברייננגען. וועט כוש באלד מאכען לויפען זיינע הענט מיט א מתנה צו משיח פון גאטס וועגין. דער נאך וועט דיא מדינה ארם זאגען. מאראך מצרים אונ כוש וואס זענען ניט קיין ברידער פון דיא יודען. האט דער מלך המשיח פון זיי אן גינומען מתנות. מיר וואס זענען ברידער מיט די יודען. פון אונז וועט געווים משיח אן נעמען מתנות. האט גאט געזאגט צו גבריאל גער חית קנה. שריי אן אויף די חיות (אויף די פעלקער). אונ קויף דיר דיא יודען. נעם דיא יודען פאר א פאלק. אדער אזוי האט גאט געזאגט צוא גבריאל. שריי אן אויף די חיה. (אויף דעם פאלק) וואס וואוינט צווישען דיא שטעקלאך אין וואלד: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער חזיר פון וואלד האט איר אויס גיגראבען (די פאלק וואס איז אזוי ווי א חזיר פון וואלד. האט אויס גיגראבען אונ פאר לענדט די יודען). דער נאך זענען גיקומען אנדערע חיות (אנדערע פעלקער) אונ האבען זיך גע פיטערט פון איר וויא האבען צו גינומען דאס פאר מענין פון דיא יודען). רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן׳ס וועגין גאט האט געזאגט צו גבריאל שריי אן אויף די חיה (אויף דעם פאלק) וואס אירע אלע מעשים ווערט פאר שריבען מיט איין פעדער. וואס אלע זאגען גלייך איין זאך מען זאל זיין שלעכט צו די יודן. מען דארף ניט שרייבען מיט די פעדער. דער האט אזוי געזאגט אונ דער האט אזוי געזאגט. נאר מען פאר שרייבט מיט איין מאהל די מדינה איז שלעכט צו די יודען: אין פסוק שטייט עדת אבירים בעגלי עמים. דאס מיינט מען זיי האבען גישאכטען דיא שטארקע צדיקים אזוי וויא מען שעכט די קעלבער וואס האבען ניט קיין בעל הבית. אין פסוק שטייט מתרפס ברצי כסף. דאס מיינט מען זיי ציהען אויס די האנט מען זאל זיי געבין געלט. אונ אז זיי האבען שוין גינומען דאס געלט טוהען זיי ניט וואס מען האט ביי זיי גיבעטען אונ האבען צו געזאגט צו טאהן. אין פסוק שטייט בזר עמים קרבות יחפצו. וואס האט גיבראכט די יודען זיי זאלען פאר שפרייט ווערין צווישען די פעלקער. ווייל זיי האבען גיוואלט מלחמה האלטען. ביי דעם ערשטין בית המקדש מיט נבוכדנצר אונ ביי דעם אנדערין בית המקדש מיט אספסינוס אונ טיטוס (אזוי וויא עס שטייט אין מסכת גטין. ועיין מהרש״א). האט רבי ישמעאל געשיקט צו רבי נאך איין זאך וועל איך דיר זאגען דריי הונדערט פינף אונ זעכציג גאסען איז גיווען אין דיא גרויסע שטאט רוים. אונ אין יעדער גאס איז גיווען דריי הונדערט פינף אונ זעכציג פאלאצין. אונ אין יעדער פאלאץ איז גיווען דריי הונדערט פינף אונ זעכציג שטובין. אונ

אין

[ישמעאל] ברבי יוסי לרבי הני למאן אמר ליה לך ולחברך ולחברי חברך שנאמר (ישעיה כג) והיה סחרה ואתננה קדש לה' לא יאצר ולא יחסן כי ליושבים לפני ה'. תני רב יוסף לא יאצר זה בית אוצרותיו ולא יחסן זה בית גנזיו כי ליושבים לפני ה' יהיה סחרה לאכול לשבעה ולמכסה עתיק. מאי ליושבים לפני ה' אמר רבי אלעזר (דף קיח) זה המכיר מקום חברו בישיבה איכא דאמרי אמר רבי אלעזר זה המקבל פני חברו בישיבה. מאי ולמכסה עתיק זה המכסה דברים שכסה עתיק יומיא ומאי נינהו סתרי תורה איכא דאמרי זה המגלה דברים שכסה עתיק יומיא ומאי נינהו טעמי תורה:

**כב אמר** רב כהנא משום רבי ישמעאל ברבי יוסי מאי דכתיב (בתהלים) למנצח מזמור לדוד זמרו למי שנוצחין אותו ושמח. בא וראה שלא כמדת הקב"ה

## פירוש

דבריהם: לא יאצר. בית אוצרות של דגן פירוש יאצר: ולא יחסן. לשון חוסן זה בית גנזיהם של כסף וזהב הגנוזים וטמונים והסוגים בחסן ובחזק: ולמכסה. כיסוי שאינו מוסר אותה לכל אדם אלא למי שלבו דואג כדאמרינן בפ' אין דורשין: זה המכיר מקום חבירו בישיבה. שיודע לומר זה מקום מושב פלוני דודאי הואיל ומכיר הוא מקום כולם רגיל היה לישב שם תמיד: עתיק יומית. זה הקב"ה דכתיב ועתיק יומין יתיב: סתרי תורה. מעשה מרכבה ומעשה בראשית ופירושו של שם כדכתיב זה שמי לעלם: זה המגלה דברים שכיסן עתיק יומית. והכי משמע למכסה סתרי תורה שהיו מכוסין מתחלה ועתיק יומין גילן ונתן רשות לגלותן ומי המגלה אותן זוכה למה שאמור בפסוק זה:

למנצח. מדלא כתיב למנוצח אלא למנצח לשון מפעיל משמע בנותן כח לבריותיו לנצחו:

---

אין יעדער שטוב איז געווען אזוי פיל גוטס צו שפייזען די גאנצע וועלט. רבי שמעון ברבי האט געפרעגט ביי רבי. אנדערע זאגען רבי ישמעאל ברבי יוסי האט געפרעגט ביי רבי פאר וועמען איז בעהאלטען געווארען די גוטס. האט רבי געזאגט. פאר דיר אונ פאר דיינע חברים. אונ פאר דיינע חבריהם חברים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר האנדעל אונ אירע מתנות וועט זיין הייליג צו גאט. עס וועט ניט איין געזאמעלט ווערין אין די אוצרות. נאר דס וועט צוא טיילט ווערין צו די מענטשין וואס זיצען פאר גאט:

תני. רב יוסף האט געלערנט לא יאצר מיינט מען עס וועט ניט איין געזאמעלט ווערין אין די שפייכלערס פון תבואה. וואו עס ליגט די קארין וויין בוימאייל. לא יחסן מיינט מען עס וועט ניט איין געזאמעלט ווערין אין דיא אוצרות וואו דארט ליגט זילבער אונ גאלד. איר האנדיל וועט נאר זיין פאר דיא מענטשין וואס זיצען פאר גאט. זיי זאלען האבען צו עסין זייא זאלען זאט זיין אונ זאלען האבען אקלייד צום צודעקין אויף זיך. ווער זענען די וואס זיצען פאר גאט. האט רבי אלעזר געזאגט דאס מיינט מען דער וואס ווייס צו זאגען אויף וועלכען ארט זיין חבר זיצט אין דער ישיבה. אז ער ווייס צו זאגען אויף יעדער תלמיד אויף וועלכען ארט ער זיצט. געוויס איז ער אגאנצען טאג אין בית המדרש. אנדערע זאגען אזוי האט רבי אלעזר געזאגט. דאס מיינט מען דער וואס נעמט צו יעדען תלמיד וואס קומט אין בית המדרש אונ זעצט איהם ביי די ישיבה. דער איז דאך געוויס אגאנצען טאג אין בית המדרש. וואס מיינט מען ולמכסה עתיק. דעקט צו די זאכען וואס גאט האט צו גידעקט. וואס ער איז אלט אין טעג. דס מיינט מען אויב ער ווייס די זאכען וואס גאט האט פאר באהאלטין פון דעם מענטשין. ווי אזוי די וועלט איז בשאפין געווארין אונ וואס אויף דעם הימעל איז זאגט ער ניט פאר קיין מענטש. אנדערע זאגען אזוי מיינט מען. דער וואס דרשת אונ דער ציילט דיא זאכען וואס גאט האט צו גידעקט. וואס זענען די זאכין. דאס מיינט מען דעם טעם פון די מצות וואס שטייט אין די תורה:

**כב אמר.** רב כהנא האט געזאגט פון רבי ישמעאל ברבי יוסיס וועגין וואס מיינט דער פסוק למנצח מזמור לדוד. לויבט צו דעם וואס ער פרייט זיך אז מען געווינט ביי איהם אונ מען נעמט איהם איין. זעה אז גאט איז ניט אזוי ווי אמענטש. אמענטש אז ער זאגט אזוי וועט ער טאהן. אונ דער אנדערער לאזט איהם ניט טאהן אזוי וויא ער וויל. איז ער

טרויעריג

הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם נוצחין אותו ועצב
אבל הקב"ה נוצחין אותו ושמח שנאמר (שם קו) ויאמר
להשמידם לולי משה בחירו וגו׳. ואמר רב כהנא משום
רבי ישמעאל ברבי יוסי ורבנן אמרי משום רבי שמעון
בן לקיש משום רבי יהודה נשיאה מאי דכתיב (יחזקאל א)
וידי אדם מתחת כנפיהם ידו כתיב זה ידו של הקב"ה
שהיא פרושה תחת כנפי החיות כדי לקבל בעלי תשובה מפני מדת הדין:

**כג אמר** רב יהודה אמר שמואל כל כסף וזהב שבעולם יוסף לקטו והביאו למצרים
שנאמר (בראשית מז) וילקט יוסף את כל הכסף הנמצא בארץ מצרים. אין לי
אלא שבארץ מצרים שבארץ כנען ושבשאר ארצות מנין ת"ל (שם מא) וכל הארץ באו
מצרימה וכשעלו ישראל ממצרים העלוהו עמהם שנאמר (שמות יב) וינצלו את מצרים אמר
רב אסי עשאוה כמצולה זו שאין בה דגים ורבי שמעון בן לקיש אמר כמצודה שאין בה
דגן (גם בברכות פ"א) והיה מונח עד רחבעם בן שלמה. בא שישק מלך מצרים על
ירושלים ונטלו מרחבעם שנא׳ (מ"א יד) ויהי בשנה החמישית למלך רחבעם עלה שישק מלך
מצרים

לולי משה בחירו. אלמא משהבת ביה קב"ה במשה וקרי ליה בחירו משום דבכך את חמתו אלמא שמח הוה בכך: מפני מדת הדין. שמקטרגת ואומרת לא תקבלם והוא מקבלם בסתר:
כמצודה. זו שפורשין לצוד עופות. ואין בה דגן. ואין ע"ף נסה אליה וגבי מצודה גרסינן דגן וגבי מצולה דהיינו מים גרסינן דגים. וינצלו דריש לשון

---

פרויערג. אבער אז גאט וויל טאהן אזאך. און מען קאנט איהם ניט טאהן אזוי ווי ער וויל.
איז ער פרייליך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו פאר טיליגען די יודין.
ווען ניט משה רבינו. וואס ער האט אפ געהאלטען גאט פון זיין כעס און האט איהם ניט געלאזט
זיי צו פאר טיליגען. און גאט לויבט דער פאר משה און רופט איהם בחירו. זיין אויס דער
וויילטער. נאך האט רב כהנא גזאגט פון רבי ישמעאל ברבי יוסים וועגין. און די רבנן האבין
גזאגט פון רבי שמעון בן לקישס וועגין. וואס ער האט גזאגט פון רבי יהודה נשיאהס וועגין.
וואס מיינט דער פסוק וידי אדם מתחת כנפיהם. מיר לייענען ידי. די הענט. און געשריבען
שטייט ידו. זיין האנט. דאס מיינט מען די האנט פון גאט וואס איז פאר שפרייט אונטער
די פליגעל פון די חיות אן צו נעמען די מענטשין וואס טוהען תשובה. ווארום דער מדת הדין
לאזט ניט אן נעמען די מענטשין וואס טוהען תשובה. דריבער נעמט זייא גאט אין דער שטיל
אונטער די פליגעל פון די חיות. דער מדת הדין זאל זיי ניט זעהן:

**כג אמר.** רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין יוסף האט צו זאמען געקליבען
אלע זילבער און גאלד פון דער וועלט און האט געבראכט אין מצרים: אזוי וויא עס שטייט
אין פסוק יוסף האט צו זאמען געקליבען די אלע געלט וואס איז געפונען געווארין אין מצרים.
ווייסען מיר נאר אז ער האט צו זאמען געקליבען די געלט פון מצרים. פון וואנען ווייסען
מיר אז די געלט פון כנען און פון אנדערע לענדער האט ער אויך גינומען. שטייט אין
פסוק די גאנצע וועלט זענען גיקומען אין מצרים קויפין קארין. האבין דאך אלע מיט געבראכט
זייער געלט און גילאזין אין מצרים. ווען די יודין זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים האבין זיי
מיט גינומען די אלע געלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבין ליידיג גימאכט מצרים.
רב אסי זאגט זיי האבין גימאכט מצרים אזוי ליידיג ווי א טיפע וואסער וואס אין איר איז ניטא
קיין פיש. רבי שמעון בן לקיש זאגט זיי האבין גימאכט מצרים אזוי ליידיג וויא א נעץ וואס
אין איר איז ניטא קיין קארין וואס מען שטעלט אויף א נעץ צו פאנגען עופות. שיט מען אריין
אין די נעץ קערנער קארין. און אז די פייגעלאך קומען עסין די קארין ווערין זיי גיפאנגען אין
די נעץ. אבער אז די נעץ איז ליידיג. אין איר איז ניטא קיין קערנער. קומען זיי ניט אין
די נעץ. איז ניטא וואס צו פאנגען. און דאס געלט פון מצרים איז גילעגין ביי די יודין ביז
רחבעם בן שלמה איז גיוועזן א מלך. דער נאך איז גיקומען שישק דער מלך פון מצרים אויף
ירושלים און האט צו גינומען די געלט פון רחבעם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דעם
פינפטען

כצרים על ירושלים ויקח את אוצרות בית ה' ואת אוצרות בית המלך ואת הכל לקח ויקח את כל מגני הזהב אשר עשה שלמה . בא זרח מלך כוש ונטלו משישק מלך מצרים . בא אסא ונטלו מזרח מלך כוש ושיגרו להדרימון בן טברימון באו בני עמון ונטלוהו מהדרימון בן טברימון. בא יהושפט ונטלו מבני עמון והיה מונח עד אחז . בא סנחרב ונטלו מאחז . בא חזקיהו ונטלו מסנחרב והיה מונח עד צדקיהו . באו כשדיים ונטלוהו מצדקיהו . באו פרסיים ונטלוהו מכשדים . באו יונים ונטלוהו מפרסיים באו רומיים ונטלוהו מיונים ועדיין מונח ברומי :

שלמה : מתחלתו . של זה במצרים גם את הכל שהגנת אסא נקרא קראי בדברי הימים : ושיגרו להדרימון . מלך ארם לעזור לו על בעשא מלך ישראל . וקראי ניכו ומלחמת יהושפט בעמונים קראי ודרך הראשונים להניח גנזיהם עמהם במלחמתם כדי שימצא לגם אחר ממונם ולא יברחו ובשביל שלמין נוטלין המנצחים את כל הממון . מלחמת סנחריב באחז קראי וחזקיהו נטלו מסנחריב בשנפל . מלך : כשדים . הפסו את צדקיהו קראי . פרסיים קבלו המלכות מכשדים דכתיב פריסת מלכותך ויהבית למדי ופרס :

זה עשרו של קרח . שעל ידי רוב ממונו נתגאה ונטרד מן העולם : משאוי שלש מאות . לאו דוקא וכן כל שלש מאות בהלמוד : שמעמידו על רגליו.

**כד אמר** (רבי אחאי) [רב חמא] בר הנינא שלש מטמוניות הטמין יוסף במצרים . אחת נתגלה לקרח . ואחת לאנטונינוס בן אסוירוס . ואחת גנוזה לצדיקים לעתיד לבא . (גם בפרק חלק) (קהלת ה) עושר שמור לבעליו לרעתו אמר ריש לקיש זה עשרו של קרח שנאמר (דברים יא) ואת כל היקום אשר ברגליהם אמר רבי אלעזר זה ממונו של אדם שמעמידו על רגליו . אמר רבי לוי משאוי שלש מאות פרדות לבנות היו מפתחות בית גנזיו

---

פינפטען יאהר וויא רחבעם איז געוועז מלך איז אויף געגאנגען שישק דער מלך פון מצרים אויף ירושלים . אונ ער הט צו גינומען די אוצרות פון בית המקדש אונ דיא אוצרות פון מלך . אלין האט ער גינומען . אונ ער האט צו גינומען די גאלדענע פאנצירען וואס שלמה המלך האט גימאכט . דער נאך איז גיקומען זרח דער מלך פון כוש אונ האט צו גינומען דעם פאר מעגין פון שישק מלך מצרים . דער נאך איז גיקומען אסא דער מלך פון יהודה אונ האט צו גינומען דאס פאר מעגין פון זרח מלך כוש . אונ האט דאס אוועק געשיקט צו הדרימון בן טברימון . דער נאך איז גיקומען דאס פאלק עמון אונ האבען צו גינומען דאס פאר מעגין פון הדרימון בן טברימון . דער נאך איז גיקומען יהושפט דער מלך יהודה אונ האט צוא גינומען דעם פאר מעגין פון עמון . איז דאס פאר מעגין גילעגין ביז אחז איז גיווארין מלך . דער נאך איז גיקומען סנחריב אונ הט צו גינומען דם פאר מעגין פון אחז . דער נאך איז גיקומען חזקיהו אונ האט צו גינומען דאס פאר מעגין פון סנחריב. איז דם פר מעגין גילעגין ביז צדקיהו איז גיווארן מלך . דער נאך זענען גיקומען די כשדים אונ האבין צו גינומען דם פאר מעגין פון צדקיהו דער נאך זענען גיקומען די פרסיים אונ האבען צו גינומען דאס פאר מעגין פון די כשדים . דער נאך זענען גיקומען די יונים אונ האבען צו גינומען דאס פאר מעגין פון די פרסים . דער נאך זענען גיקומען די רומיים אונ האבען צו גינומען דם פר מעגין פון די יונים . אונ אין רוים ליגט נאך דם פאר מעגין :

**כד** אמר . רב חמא בר חנינא האט גיזאגט דריי אוצרות האט יוסף בעהאלטען אין מצרים . איין אוצר הט גיפונען קרח . איין אוצר האט גיפונען אנטונינוס בן אסוירוס . איין אוצר איז בעהאלטען פאר די צדיקים ווען משיח וועט קומען . אין קהלת שטייט עס כרעשט אמאהל אז די רייכקייט איז בעהאלטען פאר דעם בעל הבית צו שלעכץ . הט ריש לקיש גיזאגט דאס איז גיוועזן די רייכקייט פון קרח . זיין רייכקייט האט איהם גיבראכט אין דיא ערד . ווען ער וואלט ניט רייך גיוועזן . וואלט ער ניט געקריגט אויף משה מיט אהרן . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ואת כל היקום אשר ברגליהם . דאס גאנצע בעשטאנד פון זייערע פים . הט רבי אלעזר גיזאגט דאס מיינט מען די געלט פון מענטשי . דאס געלט שטעלט דעם מענטש אויף די פים . אונ דאס געלט האט גרוים גימאכט די הארץ פון קרח ער זאל וועלין זיין אבהן גדול . רבי לוי האט גיזאגט דריי הונדערט ווייסע מויל איזלען האבען גיטראגען דיא של סלען

פון

גנזיו של קרח וכולהו אקלידי וקליפא דגלדא :

**כה אמר** רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן סי' דיא"ש אדי"ש כשד"ך כלן מאודך ולמטה (תהלים קיח) אודך כי עניתני ותהי לי לישועה אמר דוד. אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה אמר ישי. מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו אמרו אחיו. זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו אמר שמואל. אנא ה' הושיעה נא אמרו אחיו. אנא ה' הצליחה נא אמר דוד. ברוך הבא בשם ה' אמר ישי. ברכנוכם מבית ה' אמר שמואל. אל ה' ויאר לנו אמרו כולן. אסרו חג בעבותים עד קרנות המזבח אמר שמואל. אלי אתה ואודך אלהי ארוממך אמר דוד. ואמרו כלם הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו :

**כי דרש** רב עוירא ויכנין אמר לה משמיה דרבי אמי וזימנין אמר לה משמיה דרבי אסי מאי דכתיב (בראשית כא) ויגדל הילד ויגמל ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק מאי ביום הגמל את יצחק עתיד הקדוש ב"ה לעשות סעודה לצדיקים ביום שיגמול חסד עם זרעו של יצחק. לאחר שאוכלין ושותין נותנין לו כוס של ברכה לאברהם לברך אומרים לו ברך אומר להם אני לא אברך לפי שכבר יצא ממני ישמעאל

אשפות לנו : אקלידי. מפתחות: וקליפי. מוהתש סקירין בלע"ז : דגלדא. של מרצופין של עור נטענים על סוסים וגמלים וחמורים ואף על פי כן היה משאוי שלש מאות פרדות :
אבן מאסו הבונים. זה דוד שהיה צעיר מאחיו ונדחה אמן : נפלאת בעינינו. לשון רבים אחיו אמרוה : זה היום עשה ה' וגו'. שמואל הוה מתנבא שסופו לגיל ולשמוח בו שיושיעם מיד אויביהם : הושיעה נא אמרו אחיו. כלומר ע"י דוד : ודוד הצליחה נא. אמר שיצליחהו במלכותו : נא לנו. לשון רבים : אסרו חג בעבותים. הביאו זבחים ושלמים הרבה לשמוח ולהזות מדמם במזבח:

---

פון דיא אוצרות פון קרח. אונ דיא אלע שליסלען אונ שלעססער זענען געוועזען פון לעדערנע זעק :

**כה אמר** רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין דער סימן דיא"ש אדי"ש כשד"ך איז געזאגט געווארין פון אודך אונ ווייטער. ווען מען האט אנגעהויבען הלך פאר דעם פסוק. אודך כי עניתני ותהי לי לישועה האט געזאגט דוד. דעם פסוק אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה האט געזאגט ישי (דער פאטער פון דוד). דעם פסוק מאת יי' היתה זאת היא נפלאת בעינינו האבען געזאגט די ברידער פון דוד. דעם פסוק זה היום עשה יי' נגילה ונשמחה בו האט געזאגט שמואל הנביא. ודאס איז דער סימן דיא"ש. דוד. ישי. אחיו. שמואל. דעם פסוק אנא יי' הושיעה נא האבען געזאגט די ברידער פון דוד. אנא יי' הצליחה נא האט געזאגט דוד. ברוך הבא בשם יי' האט געזאגט ישי. ברכנוכם מבית יי' האט געזאגט שמואל הנביא. ודאס איז דער סימן אדי"ש. אחיו. דוד. ישי. שמואל. דעם פסוק אל יי' ויאר לנו. אסרו כלן. האבען אלע צו זאמען געזאגט. דעם פסוק אסרו חג בעבותים עד קרנות המזבח. האט געזאגט שמואל הנביא. דעם פסוק אלי אתה ואודך אלהי ארוממך האט געזאגט דוד. ואמרו כלם. דער נאך האבען ווידער אלע צו זאמען געזאגט דעם פסוק הודו ליי' כי טוב כי לעולם חסדו ודם איז דער סימן כשד"ך. כלם. שמואל. דוד. כלם:

**כי דרש**. רב עוירא האט גידרשת. אמאהל האט רב עוירא געזאגט די זאך פון רבי אמים וועגין. אונ אמאהל האט ער געזאגט די זעלבינע זאך פון רבי אסים וועגין. וואס מיינט דער פסוק ויגדל הילד ויגמל ודער קינד יצחק איז גרוים געווארין. אונ ער האט אויף געהערט צו זייגען. אברהם אבינו האט געמאכט אגרויסע סעודה. ביום הגמל את יצחק. ווען יצחק האט אויפגעהערט צו זייגען. (אזוי איז דער פראסטער טייטש אין פסוק) דיא גמרא זאגט וואס מיינט מען ביום הגמל את יצחק. גאט וועט מאכען אגרויסע סעודה פאר די צדיקים ביום שיגמול חסד עם זרעו של יצחק. דעם טאג וואס ער וועט טאהן חסד מיט דיא קינדער פון יצחק. ווען משיח וועט קומען אונ וועט זיי אויס לייזען פון לעצטען גלות. דער נאך ווי דיא צדיקים וועלען האבען אפ געגעסען אונ אפ געטרונקען. וועט מען געבין אכוס פון בענטשין צו אברהם ער זאל בענטשין. מען וועט זאגען צו איהם בענטש. וועט אברהם זאגען איך וועל ניט בענטשין. וייל

נון בנו יגו' . משפחות הספרים בן יוסף קא חשיב בדברי הימים עד יהושע ולא משכחת כלה ליהושע עד כאן :

ישמעאל . נותנין לו ליצחק אומר להם איני ראוי לברך לפי שכבר יצא ממני עשו . נותנין לו ליעקב אומר להם אני לא אברך לפי שכבר נשאתי שתי אחיות בחייהן שעתידה תורה לאוסרן עלי . אומרים לו למשה טול אתה וברך אומר להם אני לא אברך לפי שלא זכיתי ליכנס לארץ לא בחיי ולא במותי . אומרים לו ליהושע טול אתה וברך אומר אני לא אברך שלא זכיתי לבן דכתיב נון בנו יהושע בנו אומרים לו לדוד טול אתה וברך אומר להם אני אברך ולי נאה לברך שנאמר (תהלים קטז) כוס ישועות אשא ובשם ה' אקרא :

(דף קכ ע"ב) **כז רבי** יוסי אומר נתנמנמו יאכלו נרדמו לא יאכלו היכי דמי מתנמנם אמר רב אשי נים ולא נים תיר ולא תיר . כגון דקרי ליה ועני ולא ידע לאהדורי סברא וכי מדכרו ליה מדכר . אביי הוה יתיב קמיה דרבה חזא דקא נמנם אמר ליה מינם קא נאים מר אמר ליה מנומי קא מנמנם והנן נתנמנמו יאכלו נרדמו לא יאכלו :

# סליק סדר פסחים

פון מיר איז געבארען געווארען ישמעאל . ווערט מען געבען דעם כוס צו יצחק ער זאל בענטשן . וועט יצחק זאגען איך בין ניט ווערט צו בענטשן . ווייל פון מיר איז געבארען געווארען עשו . וועט מען געבען דעם כוס צו יעקב ער זאל בענטשן . וועט יעקב זאגען איך וועל ניט בענטשן . ווייל איך האב גענומען צוויי שוועסטער ווען זיי האבען ביידע געלעבט . און די תורה האט דם געאסרת . וועט מען זאגען צו משה רבינו נעם דוא דעם כוס און בענטש . וועט משה רבינו זאגען איך וועל ניט בענטשן ווייל איך האב ניט זוכה געווען אריין צו גיין אין ארץ ישראל ניט בייא מיין לעבען און ניט נאך מיין טויט ומען האט מיך אפילו ניט באגראבען אין ארץ ישראל . וועט מען זאגען צו יהושע נעם דו דעם כוס און בענטש . וועט יהושע זאגען איך וועל ניט בענטשן . ווייל איך האב ניט זוכה געווען צו האבען א זוהן . אזוי ווייא עס שטייט אין פסוק נון בנו יהושע בנו זיין זוהן איז געווען נון . און דער זוהן פון נון איז געווען יהושע . און פון יהושע און ווייטער רעכענט מען שוין ניט קיין קינדער . ווייל יהושע האט ניט געהאט קיין קינדער . וועט מען זאגען צו דוד המלך נעם דו דעם כוס און בענטש . וועט דוד המלך זאגען איך וועל בענטשן . און פאר מיר איז שיין איך זאל בענטשן . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט איך וועל אויף הייבען א כוס פון הילף און וועל רופען דעם נאמען פון גאט :

**כז** רבי יוסי האט געזאגט אז א קאמפאניע מענטשן האבען גענומען צו זאמען פסח בייא נאכט דעם קרבן פסח . און אין מיטען עסן זענען זיי איינגעדרימלט געווארען . אז זיי וואכען אויף מעגין זיי ווייטער עסן דעם קרבן פסח . אבער אז זיי זענען אין מיטען עסן אנטשלאפען געווארען . אז זיי וואכען אויף טארין זייא שוין ניט עסן דעם קרבן פסח . פרעגט די גמרא וואס הייסט געדרימלט . האט רב אשי געזאגט ער שלאפט און שלאפט ניט . ער איז אויף און איז ניט אויף . אז מען רופט איהם הערט ער און ענטפערט . צו ענטפערין אויף א זאך מיט שכל קען ער ניט . אז מען דער מאנט איהם א זאך . דער מאנט ער זיך . אביי איז אמאהל געזעסען פאר רבה . האט אביי געזעהן אז רבה דרימלט . האט אביי געזאגט דער רבי דרימלט . האט רבה איהם געענטפערט יא איך דרימל . דאס איז וואס מיר האבען געלערנט אז די מענטשין פון קרבן פסח זענען איינגעדרימלט געווארען אזוי ווייא איך . דו האסט מיך געפרעגט און איך האב געהערט און האב דיר געענטפערט . אז זיי וואכען אויף מעגין זיי ווייטער עסן דעם קרבן פסח . אבער אז זייא זענען אנטשלאפען געווארן . אז זיי הערין שוין ניט וואס מען רעט צו זיי . אז זיי וואכען אויף טארין זייא ניט ווייטער עסן דעם קרבן פסח :